STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03122

YIDISHE KOLONIZATSYE UN AGRAR-KOOPERATSYE IN ARGEN

Baruj Hojman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך הויכמאַן

יידישע קאָלאָניזאַציע און אַגראַר־קאָאָפּעראַציע אין אַרגענטינע

*

בוענאָס־אײַרעס, 1961 — ה׳תשכ״א

אַרויסגעגעבן דורך די קינדער פון מחבר.

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיינע עלטערן

בנימין און שבע הויכמאַן

— פיאָנערן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

אינהאַלט:

זייט

אַריינפיר־וואָרט פון יוסף מענדעלסאָן — — — — — — — — — — 9
מיין געבוירן־שטאָט בריטשאַן — — — — — — — — — — — — 15
די אַנטשטייונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס — — — 27
פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מיינונגען וועגן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע — — — — — — — — — — — — — — 119
ביבליאָגראַפישע רשימה — — — — — — — — — — — — — 151
שפּאַנישע איבערזעצונג פון דער הקדמה — — — — — — — — — — — 166

ברוך הויכמאַן

אַרײַנפיר־וואָרט

איך ווייס: מיט מײַן ווײַטערדיקער באַהויפּטונג דאָ, אויף דעם אָרט, וועל איך אַרויסרופן קעגן זיך שאַרפע פײַלן פון פאָלעמיק און אָפטע אָנפאַלן אַפילו. אָבער דאָס וועט מיך נישט אָפהאַלטן צו זאָגן דאָס וואָס איך באַטראַכט ווי אַ זאַך פון דער איצטיקער רעאַליטעט; מעגן אַנדערע נישט וועלן זען די רעאַליטעט, וואָס וואַרפט זיך ממש אין די אויגן — אָבער דאָס ענדערט נישט די ווירקלעכקייט.

אונדזער היגע ייִדישע קאָלאָניזאַציע איז שוין באַלד היסטאָריע, כמעט היסטאָריע. היסטאָריע אין דעם זין פון: עבר; אַ פּראָצעס פון פאַקטן און טאַטן, דערגרייכונגען און אויפטועכישן, וואָס זײַנען געווען. געווען און... מער נישטאָ.

די קאָלאָניעס זײַנען פאַראַן אין דער פאָרעם פון שטעטלעך און דערפער, וווּ עס האָט מיט יאָרן צוריק געוווינט און געאַרבעט, געהאַוועט און געשאַפן אין לויף פון דעם פּראָצעס אַ קאָמפּאַקטע מאַסע פון ייִדישע ערדאַרבעטער. איצט זײַנען פאַרבליבן נאָר רעשטלעך, שיריים פון דעם, וואָס איז געווען. דער ערד־באַזיץ פון ייִדן אין די יִקאַ־קאָלאָניעס און אין די קאָלאָניעס פון די ייִדן, וואָס זײַנען נאָך געקומען שפּעטער, נישט אויף דער איניציאַטיוו פון דער יִקאַ — איז אפשר פאַרגרעסערט געוואָרן; ייִדן — קאָלאָניסטן און נישט־קאָלאָניסטן זײַנען רײַכער געוואָרן און האָבן געקויפט נאָך באָדן, ווײַל דאָס איז אַ גוטע און פּראָפיט־אַרײַנברענגענדיקע אינוועסטיציע. האָבן מיר ייִדישע גוטבאַזיצער אַ היפשע צאָל, כן ירבו; אָבער קיין קאָלאָניסטן זײַנען זיי נישט; זיי וווינען צומאָל נישט אין קאָלאָניע. ערד־באַזיץ איז נישט קיין קאָלאָניזאַציע; נישט דאָס איז געווען דער אידעאַל פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע; נישט דאָס איז געווען דער טרוים און דער אידעאַל פון דעם באַראָן הירש ז״ל ווען ער האָט פאָרמולירט און אָנגעהויבן דורכפירן זײַנע קאָלאָניזאַציע־פּלענער.

די קאָלאָניזאַציע — דער גרויסער נאַציאָנאַל ייִדישער יש פון אונדזער ישוב — איז שוין געשיכטע, הגם עס פאַרבלײַבן נאָך אין די קאָלאָניעס הונדערטער און הונדערטער ייִדישע קאָלאָניסטן־משפּחות, אַרבעטזאַמע, האָרעפּאַשנע גאָר ווי אין אַמאָליקע צײַטן. די ייִדישע קאָלאָניזאַציע איז שוין אַרײַן אין דער ערע וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען היסטאָריע.

און היסטאָריע, אין דעם זין פונעם וואָרט עבר, איז געוואָרן די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע נישט נאָר דורך דעם אַליין וואָס די צאָל פון ייִדן־קאָלאָניסטן איז דאָ פאַרקלענערט געוואָרן, איז רעדוצירט געוואָרן אין דעם גאַנג פון די לעצטע פאָר יאָר־צענדליקער ביז צו אַן אומבאַדײַטנדיקן מינימום; און אויך נישט נאָר דערפאַר וואָס די קאָלאָניסטן־משפחות, און בעיקר די יוגנט, פאַרלאָזן די קאַמפּן און ציִען זיך אַרײַן אין די שטאָטישע צענטערן — ניין. דאָס איז אַ פּראָצעס אַ כמעט נאָרמאַלער, וואָס מערקט זיך אומעטום אין אַלע לענדער און בײַ אַלע אומות. נאָך יעדע צוויי, דרײַ דורות מערקט זיך אַ פּראָצעס פון אַ מין איבערשיכטונג: ערד־אַרבעטנדיקע משפחות וואַנדערן אויס פון דאָרף, ציִען אין דער שטאָט אַרײַן. בײַ די אומות העולם איז עס אָבער אַ פּראָצעס פון איבערשיכטונג אין פולן זין פון וואָרט: מען וואַנדערט פון דאָרף אין שטאָט; מען וואַנדערט אָבער אויך אין דער אומגעקערטער ריכטונג: פון שטאָט אין דאָרף. בײַ אונדז אָבער — אין אַרגענטינע — איז דער דאָזיקער פּראָצעס אָנגעגאַנגען נאָר איינזײַטיק, אין איין ריכטונג: מען האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם, אָבער אומאיבערגעריסן נאָר פון דאָרף אין שטאָט. שוין אַזעלכע דרײַ צענדליק יאָר — פון די דרײַ און זיבעציק, וואָס אונדזער היגע ייִדישע קאָלאָניזאַציע איז אַלט — ווי אַזאַ פּראָצעס האַלט אָן. די אונטערגעקומענע דורות אין די קאָלאָניעס פאַרלאָזן די קאָלאָניזאַציע און באַזעצן זיך אין שטאָט. אין דער אומגעקערטער ריכטונג — נישט. פון שטאָט אין דאָרף איז קיין ייִדישע איבערוואַנדערונג אין אַרגענטינע נישט געגאַנגען. דערפאַר האָבן די קאָלאָניעס לאַנגזאַם אײַנגעדאַרט, געוואָרן אײַנגעשלונגען, אײַנגעדאַרט אין אַלע הינזיכטן: דעמאָגראַפיש, סאָציאַל, קולטורעל־ייִדיש און אַז״וו.

אין די קאָלאָניעס זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן די קוואַלן פון נאַטירלעכן ייִדיש־דעמאָגראַפישן און ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן צוּוווּקס; די קוואַלן פון אינערלעכן דערהאַלט האָבן אויסגעטריקנט און פון דרויסן זײַנען קיין נײַע ייִדישע קאָלאָניסטן כמעט ווי נישט צוגעקומען, — האָבן די קאָלאָניעס ביסלעכווײַז אָנגעהויבן גיין אויף צוריק, אין אַלע פרטים, לאַנגזאַם, פון יאָר צו יאָר קלענער געוואָרן, פאַרמינערטער געוואָרן, ביז זיי זײַנען פאַרבליבן קלייִנע רעשטלעך, שיריים בלויז פון אַ גרויסן וויכטיקן געוועזענעם יש. די קאָלאָניזאַציע אַלס יש האָט אויפגעהערט איבער דעם צו באַווירקן נאַציאָנאַל, קולטורעל און געזעלשאַפטלעך־ייִדיש אין ישוב אַלס גאַנצעם. פון אַן אַקטיוון עלעמענט, ריכטיקער געזאָגט: פון אַ הויפּט־אַקטיוון עלעמענט אין אונדזער ישוב, איז די קאָלאָניזאַציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוים פאַסיוון, אַ פאַסיוון ביז צו אַן אומבאַדײַטנדיקן מינימום.

די קאָלאָניזאַציע אונדזערע דאָהי האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל. שוין בײַ דעם סאַמע אָנהייב, בײַ דער ער־

שטער אַנטשטייונג פונעם ישוב, איז די קאָלאָניזאַציע געווען און געוואָרן די באַזע, אויף וועלכער דער ישוב איז געבויט געוואָרן. די קאָלאָניזאַציע האָט דעם ישוב געגעבן אָנזען אין גאָר דער ייִדישער און נישט־ייִדישער וועלט, חשיבות פאַר זיך און חשיבות בײַ אַנדערע. אָן צו אַרײַנפאַלן אין אַ גוזמא, קען מען זאָגן, אַז דער ייִדישער ישוב אין אַרגענטינע — ווי אַזוי ער האָט זיך איצטער אויסגעפורעמט אין די ערשטע פאַר צענדליקער יאָרן נאָך זײַן אַנטשטייונג — איז פון זײַן סאַמע געבורט אָן אַ קינד פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע; פון איר שויס איז ער אַרויסגעקומען און אונטערן צייכן פון קאָלאָניזאַציע איז דער ישוב אויסגעוואַקסן.

דער ערשטער און וויכטיקסטער טייל פון דער געשיכטע פון אונדזער ישוב איז — די צײַט פון דער קאָלאָניזאַציע; און דער חותם פון דער קאָלאָניזאַציע דאַרף אויך געזוכט ווערן אין דעם סאָציאָלאָגישן געבוי פונעם ישוב. די קאָלאָניזאַציע אַלס שאַפנדיקער און באַווירקנדיקער פּראָצעס פון אונדזער ישוב איז אָבער, ווי געזאָגט, שוין פאַרענדיקט, דעפיניטיוו פאַרענדיקט. קיין נײַע ייִדישע קאָלאָניעס קומען נישט אויף אין אַרגענטינע און וועלן נישט אויפקומען. עס איז נישטאָ פון וואַנען און עס איז זיך נישט פאַרצושטעלן ווי אַזוי זיי זאָלן קענען אויפקומען. דאָס איז אַן אוממעגלעכקייט הן דעמאָגראַפיש, הן סאָציאַל און עקאָנאָמיש. פון נאַציאָנאַל־ייִדישן שטאַנדפּונקט איז עס אַזוי־ווי אַן אוממעגלעכקייט. און, ווי מיר דאַכט זיך, איז נישט אין דעם אפשר די הויפּט־סיבה, וואָס דער קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס האָט ביי אונדז פאַר די לעצטע יאָר־צענדליקער געהאַלטן אין איין גיין אויף צוריק: אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע אָן אַ פולן נאַציאָנאַל שעפערישן אידעאַל, וואָס זאָל איר שפּײַזן, נערן, קען לאַנג קיין קיום נישט האָבן. מיט זיבעציק יאָר צוריק איז די קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע גענערט געוואָרן פון אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל. מען האָט דורך איר געזוכט צו לייזן, נישט נאָר אינדיווידועלע סיטואַציעס, נײַערט אויך די ייִדישע נאַציאָנאַלע לאַגע. שפּעטער איז דער דאָזיקער אידעאַל אויסגעוועפּט געוואָרן און דער קוואַל, וואָס האָט אים שעפעריש באַלעבט און אַקטיוויזירט, האָט אויסגעטריקנט. עס זײַנען אויך געווען נאָך אַנדערע היגע און פון דרויסן קומענדיקע מאָטיוון און סיבות, וואָס האָבן געווירקט און געפירט צו פאַרשנעלערן דעם סוף פון דעם קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס און געטריבן די קאָלאָניזאַציע גופא צו ירידה; אָבער נישט דאָ איז דער פלאַץ זיך אָפּצושטעלן ברייטער אויף דעם.

וויכטיק איז פאַר אונדז בלויז דער פונקט, וואָס מיר האָבן פּראָקלאַמירט אין אָנהייב: די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע דאַרף שטודירט און באַטראַכט ווערן איצט ווי אַן אָביעקט, וואָס געהערט אין גאַנצן צו די געמאַרקן פון געשיכטע; אַ רײַכע געשיכטע, פאַרן ישוב אַ זייער וויכטיקע, און זי דאַרף ערנסט, טיף און אָביעקטיוו געשאַפן ווערן און קלאָר, גרינטלעך און אויספירלעך עקספּאָנירט ווערן.

עס איז ממש אַן אימפּעראַטיוו צו פאַרנעמען זיך ווי מעגלעך שנעלער מיט דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון דער קאָלאָניזאַציע, מיט דער זאַמלונג פון נאָך מער מאַטעריאַלן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער קאָלאָניזאַציע, מיט שרײַבן מעמואַרן דורך די, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין איר.

אַ סך איז שוין אויף דעם געביט געטאָן געוואָרן: אין משך פון די זיבעציק יאָר האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ פולע מאַטעריאַל: מאָנאָגראַפיעס, מעמואַרשריפטן, אַרטיקלען, פּובליציסטישע אַרבעטן אין אַלע אונדזערע היגע ייִדישע צײַטונגען וועגן קאָלאָניזאַציע, קאָלאָניסטישן לעבן, קאָלאָניסטישע פּראָבלעמען פון דעם ייִקאַ־רעזשים. מען דאַרף דאָס נאָר צונויפזאַמלען, קאַטאַלאָגירן און סיסטעמאַטיזירן — און דער היסטאָריקער וועט קענען שאַפן אַן אויסשעפּנדיקע געשיכטע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

אויב ס'איז נאָך נישט גענוג רײַף די צײַט — ווי מיר שײַנט — און עס זײַנען נישטאָ גענוג סיסטעמאַטיזירטע מאַטעריאַלן, כדי צו קענען שוין „אָנשרײַבן" די געשיכטע פון אונדזער ישוב, איז אָבער רייף גענוג די צײַט און פאַראַן גענוג מאַטעריאַלן צו קענען צוטרעטן צו דער שאַפונג פון אַ פולער געשיכטע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע; און פון דעם, אייגנטלעך, האָט די קהילה פון בוענאָס־אײַרעס געדאַרפט געוועז אָנהייבן איר איניציאַטיוו צו פאַרצייכענען די ערשטע הונדערט יאָר פון ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע און נישט לאָזן אָנשרײַבן אַן אַלגעמיינע געשיכטע פון אונדזער ישוב, וואָס זי האָט, לײדער, יאָ געטאָן, באַשטעלנדיק די דאָזיקע אַרבעט בײַ איין ייִדישן צײַטונגס־זשורנאַליסט.

* * *

אַנטקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד?

טאַקע אַנטקעגן דעם בוך פון עם פרײַנד ברוך הויכמאַן, וואָס מיר האָבן דעם כבוד צו אײַנלייטן מיט די דאָזיקע שורות. דאָס בוך באַשטייט פון צוויי מאָנאָגראַפיס: איינע וועגן דער אַנטשטייונג פון דער געשיכטע פון דער אַגראַר־קאָאָפּעראַציע אין די היגע קאָלאָניעס און די צווייטע דערציילט וועגן די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מיינונגען מכוח דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

אין פלוג צוויי גאָר באַזונדערע מאָנאָגראַפיעס, אומאָפּהענגיקע אין דער טעמאַטיק. אין דער אמתן, אָבער, בילדן זיי ביידע אינערלעך און אינהאַלטלעך איין גאַנצקייט, איין בוך ממש, דורך דעם, וואָס אין זיי ווערט אַרויסגעבראַכט ווי אַזוי די אַגראַר־קאָאָפּעראַציע פון די ייִדישע קאָלאָניעס האָט אָנגעהויבן אויפקומען גלײַך און איינצײַטיק מיט דער ערשטער אַנטשטייונג פון די היגע ייִדישע קאָלאָניעס און ווי זי האָט באַווירקט די אַלגעמיינע קאָאָפּעראַציע־באַוועגונג אין אַרגענטינע — היות זי, די ייִדישע אַגראַר־קאָאָפּע־

ראַציע, איז געווען די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, וואָס איז אויפגעקומען בכלל אין אַרגענטינע. און פון דער צווייטער זײַט ווײַזט אונדז דער מחבר פון דעם בוך, אין דער אַנדערער מאָנאָגראַפיע, די צווייטע זײַט פון דער זעלבער מטבע; דאָס הייסט: ווי די אַרגענטינער פרעסע, די עפנטלעכע מיינונג, האָט זיך אָפּגערופן, האָט רעאַגירט אויף דער ײִדישער אַגראַר־איינוואַנדערונג פון איר סאַמע אָנהייב ביז די גאָר לעצטע יאָרן; ווי אַזוי די צײַטונגען, זשורנאַלן, צײַטשריפטן און אָפיציעלע פובליקאַציעס האָבן נישט אַלע מאָל פאַרשטאַנען ווי געהעריק צו אָנערקענען די דערגרייכונגען, אויפטוּונגען און דעם אידעאַליזם פון די ײִדישע קאָלאָניסטן, און נישט תמיד האָבן זיי אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די פאַרדינסטפולע און שווערע באַמיִונגען פון די קאָלאָניסטן, זייערע איניציאַטיוועס; זייערע אָרגאַניזאַציעס און זייערע פירער, באַזונדערס אין די ערשטע פײַנלעך־שווערע יאָרן פון דער קאָלאָניזאַציע.

ביידע מאָנאָגראַפיעס בילדן פאַקטיש איין גאַנץ ווערק. עס איז אַ גאַנץ בוך.

אָרגאַניש און טעמאַטיש איין ווערק, הגם איינגעטיילט אין צוויי טעמאַטיש־באַזונדערע מאָנאָגראַפיעס. דאָס בוך איז אַ ביז גאָר וויכטיקער בײַטראָג, אַן ערנסטער בײַטראָג צו דער געשיכטע פון דער ײִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. איך האָב מיט טיפן ערנסט געלייענט און איבערגעלייענט די צוויי מאָנאָגראַפיעס פון פרײַנד ברוך הויכמאַן און איך האָב באַוווּנדערט די ברייטקייט אינעם פאַרנעם פון דעם מחבר, די טיפקייט וואָס ער ווײַזט אַרויס אין דעם אָפּשאַצן די ראָל פון דער אַגראַר־קאָאָפּעראַציע, אין דער אַנטוויקלונג פון דער ײִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע בכלל.

כ'האָב באַוווּנדערט די רײַכקייט פון דער ביבליאָגראַפיע, וואָס ער האָט באַנוצט פאַר זײַנע אַרבעטן. זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז פרײַנד ברוך הויכמאַן, דער מחבר, האָט אויסגעשעפּט פאַר זײַן ווערק אַלע ביבליאָגראַפישע קוואַלן, אַלע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך אין פאַרלויף פון די זיבעציק יאָר אָנגעזאַמלט וועגן די ענינים פון דער ײִדישער קאָלאָניזאַציע אין ײִדיש און אין אַנדערע שפּראַכן, דאָהי און אין אויסלאַנד. און ער האָט די דאָזיקע זייער רײַכע ביבליאָגראַפיע באַנוצט פאַכמעניש, שכלדיק, קלאָר און זייער תמציתדיק צום שאַפן אַ פעסטע וויסנשאַפטלעכע באַזע פאַר אַ פולער געשיכטע פון אונדזער היגער ײִדישער קאָלאָניזאַציע.

און זאָל עס פאַר קיינעם קיין חידוש נישט זײַן: פרײַנד ברוך הויכמאַן איז נישט קיין פּנים חדשות אויף דעם געביט: ער איז ד ע ר מ ע מ ו אַ ר י ס ט פון דעם לעבן און די איבערלעבענישן פון די ײִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע זינט צענדליקער יאָרן און ער איז אויך דער אומדערמידלעכער זאַמלער פון מאַטעריאַלן וועגן היגן ײִדישן קאָלאָניסטנטום, אויך

זינט צענדליקער יאָרן. ער איז דער שרײַבער, דער פֿאָרשער פֿון און וועגן אַלעם, וואָס האָט צו טאָן מיטן היגן ייִדישן קאָלאָניסטנטום. פֿון זײַן אָנהייב, דורך זײַן ע ב ר , ביז כמעט הײַנט צו טאָג: ער איז דער שרײַבער וועגן געשיכטע פֿון קאָלאָניסטנטום פֿאַר עקסעלאַנס.

אַלע זײַנע ביז־איצטיקע אַרבעטן, אַרטיקלען, מעמואַרן און מאָנאָגראַ־פֿיעס, פֿאַרעפֿנטלעכטע אין היגע ייִדישע אויסגאַבן און צײַטשריפֿטן, האָבן תמיד זיך אויסגעצייכנט מיט אויסשעפּנדיקער פֿלײַסיקער אַרבעט, אמתער פֿאָרשונג, מיט אָביעקטיוון אמת און אַבסאָלוט אומפּאַרטייִישן צוגאַנג צו דעם באַאַרבעטן, באַלײַכטן און קאָמענטירן די פֿון אים באַנוצטע ביבליאָגראַ־פֿישע און אַרכיוו־מאַטעריאַלן.

דאָס בוך פֿון פֿרײַנד ברוך הויכמאַן איז לפֿי כּך אַן אומאָפּשאַצבאַרער בײַטראָג צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און בממילא אַ גילטיקער בײַטראָג צו דער געשיכטע פֿון אונדזער ישוב דאָ אין לאַנד בכלל.

דאָס בוך באַקומט נאָך מער חשיבות דורך דעם פֿאַקט, וואָס עס קומט פֿון אַ מחבר, ווי פֿרײַנד ברוך הויכמאַן: אַ קינד פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס. ער איז דאָרטן אויפֿגעוואַקסן, דאָרטן זיך אויסגעפֿורעמט און צענדליקער יאָרן איז ער געווען אַקטיוו בײַ שליסל־פּאָזיציעס אין דער געזעלשאַפֿטלעכ־קייט און אין אַ רײי אָרגאַניזאַציעס אין די קאָלאָניעס. אָביעקטיוויטעט אין דער באַלײַכטונג און אָפּשאַצונג פֿון די פֿאַקטן, רײַכקייט אין דער אינ־פֿאָרמאַציע, באַאַרבעטונג פֿון די ערשטע דאָקומענטן און אַרכיוואַלע מאַ־טעריאַלן, אָפּשאַצונגען, צומאָל פֿון אַן עד־ראיה, און צו דעם אַלעמען אַ קלאָרע עקספּאָזע און אַ פֿליסיקער ייִדיש — דאָס זײַנען די גרויסע מעלות פֿון דעם בוך, — די ערשטע מאָנאָגראַפֿיע וועגן געשיכטע פֿון ייִדישער קאָ־לאָניזאַציע אין אַרגענטינע, וואָס פֿרײַנד הויכמאַן טראָגט צו דעם ייִדישן לייענער אין אַרגענטינע.

יוסף מענדעלסאָן

בוענאָס־איירעס, יולי 1961.

מיין געבוירן־שטאָט בריטשאַן

אַביסל געשיכטע און געאָגראַפיע

מײַן געבוירן־שטאָט בריטשאַן איז נישט געווען צו זען אויף קיין שום לאַנד־קאַרטע. זי איז נישט געווען פאַרצייכנט אין קיין שום געאָגראַפישן טעקסט, כאָטש זי האָט זיך געפונען אין צענטער פון דער בעסאַראַבישער „מעסאָפּאָטאַמיע" — דאָס „ארם־נהרים" לענגאויס צוויי טײַכן: אין דרום דער פּרוט און אין צפון דער דניעסטער.ביידע טײַכן שטראָמען פון מערב צו מזרח און פאַלן אַרײַן אין שוואַרצן ים, נעבן אָדעס.

אין בריטשאַן האָט מען גערעדט אויף דרײַ שפּראַכן: ייִדיש, רוסיש און מאָל־דאַוואַניש, אָדער וואַלאַכיש. די לעצטע צוויי זײַנען דיאַלעקטן פון רומעניש; אָבער קיינער האָט נישט געוווסט אויף זיכער פעסטצושטעלן אויף וועלכע פון די צוויי דיאַלעקטן ער רעדט.

בריטשאַן, סוקעראַן, יעדיניעץ, רישקאַן — אין מזרח; בריטשאַן, ליפּקאַן, נאָ־וואָסעליעץ און כאָטין — אין מערב. בריטשאַן שטענדיק אין צענטער. אָט די אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן נישט געפירט קיין פּנקסים, זײַנען נישט געווען פאַר־שריבן אין אַ וועלכער עס איז געשיכטע און מ'ווייסט עד היום נישט ווען עס האָבן אַהינצו אײַנגעוואַנדערט די ייִדן, וואָס זײַנען געווען קאָמפּאַקט אײַנגעזעסן און רע־לאַטיוו אײַנגעאָרדנט און טיילווײַז עקאָנאָמיש בעסער ווי די ייִדן אין וואָלין, פּאָ־דאָליע און ליטע.

בעסאַראַביע איז אַמאָל געווען אַ רומענישע פּראָווינץ און אַמאָל אַ טייל פון דער מאָלדאַווישער מלוכה. זי איז אויך געווען אַ סך יאָרן אונטער דער טערקישער הערשאַפט און פאַר מײַנע צײַטן — אַ רוסישע גובערניע. די כסדרדיקע מילחמות האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין סימנים פון ייִדישן לעבן, קיין שפּורן פון אַן אָרגאַ־ניזירטער געמיינדע, פון רעליגיעזן, קולטורעלן, געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן סדר. אפשר איז אַזאַ רעגיסטער ערגעץ־ווו יאָ פאַראַן, — איז דאָס נישט מײַן אויפ־גאַבע צו דערפאָרשן. מײַן לעבן פון 55 יאָר אין אַרגענטינע האָט מיך געשטעלט פאַר די פּראָבלעמען פון דער נײַער היים, ווו איך האָב באַקומען מער דערפאַרונגען אינעם אויפבוי פון דעם יונגן ישוב, אינעם קאַמף פאַר אונדזערע ספּעציפישע ווירט־שאַפטלעכע און עקאָנאָמישע אינטערעסן. עס איז אָבער מײַן חוב צו פאַרצייכענען כאָטש מײַנע יוגנטלעכע דערינערונגען וועגן די 17 יאָר, וואָס איך האָב דאָרטן גע־

לעבט, אַפילו בקיצור. עס וועט זײַן ווי אַ דערמאָנונג וועגן דעם שיינעם לעבן — אמת, אפשר נישט אַזאַ רעשיקן, אין קולטור־דערצ׳ערישן זינען, ווי אין די גרויסע יידישע צענטערן, אָבער פּאָרט אַ גײַסטרײַכן, אין סאָלידער ענג־פאַרבונדענער האַר־מאָניע; אַ לעבן מיט אַלע פּרטים פון אַ געזונטן קיבוץ, וואָס איז אַזוי באַרבאַריש אומגעקומען, כמעט אין איין טאָג, דורך די בעסטיאַלישע נאַציס און רומענישע רוצ־חישע הײַדאַמאַקעס...

בריטשאַנער ייִדן האָבן קיין מאָל נישט געהאַט געטראַכט וועגן זייער געאָגראַ־פישער פּאָזיציע אויף דעם ערדישן פּלאַנעט און פּלעגן במילא אויספאָרן וועלטן אָן אַ „וואַדעמעקום״, אָן אַזאַ בוך, וואָס דינט אַלס וועגווײַזער. זיי פלעגן אויס־פאָרן וועלטן און לענדער און גרייכן אין אַלע אַמעריקעס און אַפילו טרעפן דעם וועג אויף צוריק, נישט וויסנדיק גאָר אין וועלכער ריכטונג זיי האָבן געריַיזט.
עס זײַנען שוין אויך געווען אויסנאַמען: בריטשאַן איז אין פאַרגלײַך מיט די שכני־שע שטעט און שטעטלעך געווען אַ פּראָגרעסיוו־קולטורעלע שטאָט. געווען אַ טייל שטודירנדיקע יונגעלײַט, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַ געוויסע טעטיקייט און געשטרעבט צו אָרגאַניזירן אַ סיסטעמאַטיש־דערצ׳ערישע אַרבעט אין דער געזעלשאַפט. אמת, ס׳איז נאָך נישט געווען קיין אַרבעט אין גרויסן מאַסשטאַב, קיין קולטור־צענטערן, ביבליאָטעקן, עפנטלעכע אַקציעס פאַר קונסט און טעאַטער זײַנען דערווײַל קוים גע־שטאַנען אויפן סדר־היום. ס׳איז שוין אָבער געווען אַ רייפער עלעמענט מיט קאַמפּע־טענץ אַרײַנצובערענגען אין אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג די שפּראַצונגען פון דעם ייִדישן רענעסאַנס: די השכלה־באַוועגונג פאַר וועלטלעכער אויסבילדונג פון די ייִדישע מאַסן; מאָדערנע שולן, ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און סאָציאַליזם — זײַנען היימיש דעבאַטירט געוואָרן. הגם איך האָב זיך נישט באַטייליקט אין אַ וועלכער עס איז אַקציע, בין איך אָבער געווען אַ שטענדיקער באַזוכער אין די קרײַזן און אין די שבתים און אין די אָוונטן פלעג איך גיין הערן פאַרלעזונגען, נישט נאָר פון די קלאַסיקער, ווי: מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, ליניעצקי, נאָר מ׳האָט זיך שוין אויך געקוויקט מיט די חנעוודיקע דערציילונגען פון שלום אַש, נאָמבערג, הירשביין, יהודה שטיינבערג (פון ליפקאַן, וועמען איך האָב געקענט פּערזענלעך). אַ סך פון אונדז האָבן שוין אַפילו געלייענט דעם זשורנאַל „דער יוד״, וואָס איז דער־שינען אין קראָקע. איך האָב שוין דעמאָלט געלערנט אין דער רוסישער שולע און אין דער מאָדערנער ייִדישער שולע, וואָס די ברידער פּאָלאַנקער און מײַן קרוב יצחק פרידמאַן האָבן אָנגעפירט. הלוואי אויף די הײַנטיקע אַרגענטינער שולעס געזאָגט געוואָרן...

פאַמיליע־כראָניק

לויט דעם פאַמיליע־רעגיסטער (עווידענץ) בין איך געבוירן געוואָרן אין ברי־טשאַן דעם 7טן יולי 1888 בײַ פעסי־עטי רחלס אין שטוב. היות מײַן טאַטע איז

ברוך הויכמאַן (שטייט אין דער ערשטער רייע) אין קרײַז פון זײַן משפּחה.

געווען אַ געבירטיקער אין סטאַראַ אושיצאַ, פּאָדאָליער גובערניע, האָט ער מיר אויך דאָרטן פאַרשריבן. מײַנע עלטערן האָבן כמעט כסדר געוווינט אין אַ דאָרף, מחמת דער טאַטע האָט זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט אַלע זײַנע יאָרן, נאָך פון קינד־ווײַז אָן. זײַנע עלטערן און די מישפּחות פון זײַן צד זײַנען געווען דאָרפס־ייִדן און געצויגן פּרנסה פון פעלד־אַרבעט: גערטנער פון גרינוואַרג, פּרוכטן, סעדער, טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס און פּאַרזיי פון צוקער־בוראַקעס. על פּי רוב האָבן מיר געוווינט אין דאָרף קאָטיזשאָן (קאָטיזשעני, אויף מאָלדאַוואַניש), נישט ווײַט פון דער „הודאיע״ (גוט) פון סאַנקאַוויץ, וואָס איז געווען די גרעסטע ייִדישע פּאָסעסיע פון דעם פּריץ משה בערשטיין, וואָס האָט פאַרמאָגט אייגענע צוויי טויזנט דיעסאַטין זייער פּרוכט־באַר לאַנד, מיט אַ גוט־אינסטאַלירטער עלעקטרישער מיל. דאָרט האָט געוווינט און פּערזענלעך אַדמיניסטרירט דאָס גוט זײַן זון, באָריס (ברוך) בערשטיין, און בײַ אים פלעגט מײַן טאַטע אָפּדינגען אַ צוואַנציק דעסיאַטין, לענגאויס דעם טײַך, וואָס האָט זיך געצויגן צו דרום און האָט אונדזער דאָרף מזכּה געווען מיט וואַסער, פון וואָס ס'האָבן אויך גענאָסן די גערטנער פון טאַטנס באַזיץ.

די צאַרישע רעגירונג פלעגט אַלע מאָל גוזר זײַן — און שטרענג אויסגעפירט — צו פאַרטרײַבן די ייִדן פון די דערפער, וואָס זײַנען נאָענט בײַ אַ גרענעץ. דאָס דאָרף קאָטיזשאַן האָט זיך געפונען נאָענט פון דער עסטרײַכישער און רומענישער גרענעץ. האָבן מײַנע עלטערן געמוזט אָפּט ליקווידירן דיווירטשאַפט און זיך באַזעצן אין בריטשאַן, מחמת מײַן מאַמע איז געווען אַ בריטשאַנער אַ געבוירענע און האָט דאָרטן געהאַט אירע עלטערן, ברידער, שוועסטערס און אַ פאַרצווייגטע מישפּחה, כמעט אַלע סוחרים, און עטלעכע פון גרויסן עקאָנאָמישן און פינאַנציעלן באַשטאַנד. אָט די געצוווּנגענע לאַגע האָט געפירט דערצו, איך זאָל ווערן אַ בריטשאַנער, דאָס הייסט אַ שטאָטישער און נישט קיין דאָרפס־קינד...

פּעסי־עטל רחלס קליינע הײַזקע איז געשטאַנען אויפן בערגל, דאָרט ווו עס האָט זיך פאַרענדיקט די לאַנגע רימאַקאָוויצער גאַס, ווו מ'פלעגט אַריבערפאָרן דאָס בריקל איבערן טײַכל, צווישן דער אַלטער און נײַער באָד, אינעם קרײַץ־וועג, ווו מ'פלעגט אַרויספאָרן פון שטאָט אויפן ליפּקאַנער און טאַבאַנער וועג. אָט די קליינע הײַזקע איז געשטאַנען אויף דעם שענסטן אָרט פון דער שטאָט, ווײַל עס האָבן זיך דאָרטן אָנגעהויבן די פרישע שיינע הײַזער, פּרוכט־סעדער און גערטנער און דאָס שפּאַציר־אָרט פאַר דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. דאָרט איז אַמאָל געווען די פּאָסט, דער קלויסטער, דער גוייִשער צווינטער, די רעגירונגס־שול, דאָס גרויסע רעגירונגס־שפּיטאָל און די נישט־ייִדישע איינוווינערשאַפט. דאָרטן איז אויך געווען דער אַרויספאָר צו אונדזער דאָרף. די גאַנצע געגנט איז געווען אײַנגעטונקען אין בלומען און פּרוכט־ביימער, וואָס בײַ די פויערישע הײַזער. פּסח־צײַט, אין סאַמע אָנהייב פרילינג, ווען מ'האָט נאָך אין שטאָט געשאַרט די בלאָטעס פון די צעלאָזטע שנייען, וואָס זײַנען אַראָפּגעפלאָסן פון די נישט־געברוקירטע גאַסן און געטראָגן דעם צעפּאַרעטן געשטאַנק, מחמת דער וואַרעמער זון, האָט זיך צו

אונדזער וווינונג געטראָגן די פערפום פון די אַרומיקע צעבליטע סעדער, וואָס זײַנען געשטאַנען אָנגעטאָן מיט צוויטן און בלומען פון אַלע קאָלירן. בײַ דעם אַלעמען איז אונדזער לעבן אין שטאָט געווען שווער אין אַלע הינזיכטן. אַ חוץ די מאַטעריעלע זאָרג, האָט אויך אויסגעפעלט די אײַנגעזעסענע דאָרפישע ייִדישע סביבה, וואָס איז געווען אַזוי האַרציק, אינטים...

ווען מיר האָבן געוווינט אין דאָרף, איז אונדזער שטוב געווען גוט אײַנגעפונדעוועט און פאַרזען מיט אַלדאָס גוטס. די שטוב איז געווען אַ גרויסע און באַקוועמע, מיט עטלעכע צימערן; אַ רחבותדיקער הויף; אַ סאָד מיט פרוכט־ביימער; אַ גוטער שײַער; אַ קעלער און פאַרשיידענע אײַנריכטונגען פאַר עופות, בהמות און פערד; אַ פאָר וועגענער אויף אַרויסצופירן די גרינצײַג־פראָדוקטן און אַ רעסאָרנע „אַקערמאַן"־וועגעלע; אַ פאָר קי, עטלעכע ציגן, עטלעכע שאָף און הינער, גענדז, קאַטשקעס און טויבן. אין שײַער איז שטענדיק געווען מעל, תבואות; אויפן בוידעם — אַלערליי טרוקענע און גערייכערטע פליישן פאַרן ווינטער; אין קעלער — מילכיקס און פעסער מיט געזייערטע קרויט, אוגערקעס, טאָמאַטן און פרוכטן, וואָס מ'פלעגט האַלטן אין דער וואַרעם. געוויינטלעך האָט נישט געפעלט קיין אײַנגעמאַכטס (וואַרעניע), פאָווידלעס און הינערשע, גענדזענע און רינדערנע געפרעגלטע שמאַלצן.

אונדזער שטוב האָט געהאַט זייער אַ גוטן נאָמען בײַם דאָרפישן גלח, וואָס איז, אגב, געווען מײַן ערשטער לערער פון רוסיש, מחמת ער איז געווען דער שול־לערער אין דאָרף. ער האָט געשטאַמט פון אַ פראָסטער מאָלדאַוואַנישער מישפחה און געענדיקט אויף גלח אין יעדיניצער סעמינאַר. זײַן שפראַך איז געווען די מאָלדאַוואַנישע. ווען עס איז געקומען אין שולע צו די „מאָליטוועס", האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ קניפ אין בעקל: „באָרוכאַש, דוטי אַ פאַרע" (ברוכל, גיי אַרויס אין דרויסן). ער איז געווען זייער באַפרײַנדעט מיט מײַן טאַטן און פלעגט אָפט קומען צו אונדז מיט דער פרוי און קינדער אויף טיי. זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט די „וואַרעניעס" און די בוימל־בולקעס, געפלאָכטענעם קוילעטש און פלעצלעך, מיט וואָס מ'פלעגט זיי מכבד זײַן. דער גלח האָט שטאַרק אויסגעליבט וואָס בײַ זשיפוני בויום (בײַם ייִדן בנימין) דעקט מען דעם טיש מיט אַ טישטוך און מ'גיט יעדן אַ סערוועטל. אויף די גוייִשע חגאות, בשעת אַ חתונה, אַ געבורט אָדער טויט־פאַל, מוז דער גלח קומען אויף מיטאָג אָדער וועטשערע, צו עסן מיט די בעלי־שימחה, אָדער אבלים. און עסן עסט מען אויף די הוילע ברעטערנע טישן, אָן סערוועטקעס. יעדער לעקט אָפ די פינגער מיטן מויל, אָדער ווישט זיך אָפ אָן די פעלצן. די לעפל זײַנען הילצערנע און קיין גאָפלען נוצט מען נישט; עסט מען מיט די הוילע הענט. סײַדן בײַ עפעס אַ גביר, וואָס גרייט צו אַ גאָפל, ספעציעל פאַרן גלח, וואָס איז דער איינציקער אינטעליגענט אין דאָרף.

מײַנע דאָרפֿישע און שטאָטישע מלמדים

אין דאָרף האָבן געוווינט עטלעכע ייִדישע מישפּחות, וואָס האָבן געהאַט פּרנסה פֿון קלייטלעך. אַ פּאָר פֿאַמיליעס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט „האַקן װעלדער״ און פֿאַרקויפֿן דאָס געהילץ אין די שטעט און דערפֿער. איין ייִד האָט געפֿירט אַ כשרע יאַטקע. אין דאָרף האָט אויך געוווינט אַ שוחט, וואָס פֿלעגט גיין איבער די נאָענטע דערפֿער צו שחטן עופֿות. מײַנער אַ פֿעטער איז געווען אַ נאמן אין דער מיל בײַם גויִשן פּריץ, וואָס איז אויך געווען אַ זעלטענער ייִדן־פֿרײַנד. שבת און ימים־טובים איז געווען אַ מנין. ייִדן פֿלעגן גיין דאַוונען אין די גרעסטע זאַווערוכעס פֿון איין עק דאָרף אין אַנדערן און זומער׳ אַוודאי און אַוודאי. קיינער האָט נישט געפֿעלט. פֿאַרן דאַוונען און נאָכן דאַוונען האָט מען גערעדט ערנסט און געמיטלעך געשמועסט וועגן פֿאַרשיידענע היימישע און וועלטלעכע ענינים. ייִדן האָבן אין די געמיטלעכע שמועסן געפֿילט דרך־ארץ און צוטרויען איינער צום אַנדערן. די דאָזיקע מידות פֿון די דאָרפֿס־ייִדן האָבן זיך מיר טיף אײַנגעקריצט אין מײַן קינדערישער נשמה און איך פֿלעג שפּעטער צוזען מיט פֿאַראַכטונג, בעת איך האָב שוין געלערנט אין בריטשאַן, ווען אין די קלויזן פֿלעגן די מתפּללים פֿירן מחלוקתן, אינטריגעס, מאַכן געשרייען, אָפּטמאָל איבער באַנאַלע קלייניקייטן... עס האָט געווירקט אָפּשטויסנדיק און מיאוס אַפֿילו אויף אַ דאָרפֿס־ייִנגל...

מען האָט געבראַכט אין דאָרף בשותּפֿות אַ מלמד, כמעט שטענדיק אַן עלטערן ייִדן, וועלכער האָט געלערנט מיט די געציילטע עטלעכע קינדער. איך געדענק, ווען מ׳האָט געבראַכט פֿון פּאָדאָליע אַ רבין, איז ער שוין געווען אַריבער די זיבעציק. ער איז געווען אַ ליבלעכער און האַרציקער מענטש בכלל. איך האָב אים זייער ליב באַקומען פֿאַר זײַן חברישער באַציִונג און גוטער הנהגה. יעדער פֿאָטער פֿון די קינדער פֿלעגט אים האַלטן אין שטוב צו צוויי חדשים, מיט עסן און וועש. אין די חדשים, ווען ער איז געווען בײַ אונדז, ווינטער־צײַט, פֿלעגט ער אויפֿ־שטיין אפשר צוויי שעה פֿאַר זון־אויפֿגאַנג, גלײַך אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר, טרינ־קען טיי און אַרײַנקוקן אין עפּעס אַ ספֿר. נאָך דעם פֿלעגט ער זאָגן אַ קאַפּיטל תהי־לים, אָפּדאַוונען און גלײַך זיך אָנטאָן זײַן גראָבן וואַטאָוון פּאַלטאָ מיטן פֿוטערנעם קאָלנער, זיך גוט אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ גרויסן שאַל און געמאַכט אַ שפּאַציר באַרג־אַראָפּ, אין טיפֿן טאָל, אַזש ביז צום טײַך. עס האָט געמעגט זײַן אַ צוואַנציק־גראַדיקער פֿראָסט, האָט ער קיין מאָל נישט פֿאַרפֿעלט, נישט אָפּגעשטעלט דעם דאָזיקן פֿרימאָרגן־שפּאַציר. אַז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אים די מאַמע דערלאַנגט צום טיש הייסע מילך, קעז, פּוטער און פֿרישע קאָרן־ברויט, וואָס ער האָט ליב געהאַט. זומערצײַט פֿלעגט ער פֿריִער אַראָפּגיין צום טײַך און זיך גוט אויסבאָדן און ערשט נאָך דעם דאַוונען און פֿרישטיקן. דער „חדר״ איז געווען אין צענטער פֿון דאָרף, עס זאָל זײַן באַקוועם פֿאַר אַלע קינדער צו קומען לערנען. ווען דער מלמד איז געווען אויף קעסט בײַ אונדז, פֿלעגט ער מיך נעמען פֿאַר דער האַנט און בעתן גאַנג צום „חדר״ מיר דערציילן די סדרה פֿון דער וואָך, וואָס איז פֿאַר מיר

געווען ווונדערלעך שיין און זייער טשעקאווע. אָבער אינטריגירנדיקער פאַר מיר זײַנען געווען די ווינטמילן, וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן באַרג, אויפן ליפקאַנער וועג, און זיי האָבן מיך ממש פאַרכישופט מיט די גרויסע ריזיקע פליגלען, וואָס האָבן זיך אַזוי שיין געדרייט און אויסגעזען אַנטקעגן דער פרימאַרגנדיקער שײַן פון דער זון ווי די מלאכים, וואָס דער רבי פלעגט מיר מאָלן פונעם חומש אַרויס... איך האָב נישט געפילט דעם רבינס האַנט, וואָס האָט מיך געהאַלטן ווי אַ געפאַנ־גענעם און אַלע מאָל אַ שלעפּ־געטאָן פאַראויס און איבערגעריסן מײַנע חלומות און פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן געשוועבט אויף די הויכקייטן פון די שיינע בערג, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דאָס דאָרף.

זומער איז דאָס דאָרף געווען אײַנגעטונקען אין גרינס פון די גערטנער אַרום די שטיבער און פון די סעדער מיט ווײַנשל, פלוימען, עפּל און באַרן און אַנדערע פרוכטן. אויך דאָס אַלץ האָט געווירקט שטאַרק באַרוישנדיק אויף מײַן קינדערישער נשמה. די לימודים זײַנען באַשטאַנען פון דאַוונען, לערנען חומש מיט רש״י, שרײַבן יידיש, דורכגיין אַריפמעטיק, געוויינטלעך פאַר יעדן לויט זײַן גראַד. אָבער דאָס פאַרכישופטע לעבן אין דאָרף איז באַלד פאַרשטערט געוואָרן, ווען דער ליבלעכער רבי האָט מיך אָנגעהויבן אויסצולויבן פאַר מײַנע עלטערן, אַז איך האָב אַ גוט קעפּל און אין דאָרף איז נישטאָ מער קיין תורה פאַר מיר. דער רבי איז אַהיים געפאָרן אויף פסח צו זײַן פאַמיליע און מער נישט צוריקגעקומען. דאָס איז געווען דאָס לעצטע יאָר, וואָס איך האָב געלערנט אין דאָרף.

באַלד נאָך פסח, אין סאַמע בלי־ענדיקן פרילינג, האָט מיך די מאַמע אָפּגע־פירט קיין בריטשאַן און מיך איבערגעגעבן אין רשות פונעם זיידן, איר פאָטער. דער זיידע איז שוין געווען אין טיפן עלטער, בײַ די אַכציק. ער איז נישט געווען קיין למדן, אָבער זײַנע קינדער האָט ער געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג. ער האָט מיך באַלד אָפּגעפירט צו אַ מלמד אין „חדר״ אַרײַן, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער סאַדיגערער קלויז, אַקעגן שייע שוואַרצס אַרײַנפאָר־הויז. דעם נאָמען פון דעם מלמד געדענק איך נישט. דאָס איז געווען אַ נידעריק־געוואַקסענער ייִד, מיט אַ ברייטער פּלייצע, קליינע גראָבע פיס, מיט אַ געלער שטאַרק־צעוואַקסענער באָרד איבערן גאַנצן פּנים. אויפן משונהדיק־גרויסן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ פאַר־שמאַלצענע יאַרמולקע, אַ ברייטן קויטיקן לײַבצודעק מיט לאַנגע ציצית, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט ביז איבער די קני. דער גאַנצער הולך זײַנער און משונהדיקער אויסזען האָט מער געפּאַסט פאַר עפּעס אַ גזלן... ווען ער האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, אָן עפן־געטאָן אַ גרויסן סידור און אַ נעם־געטאָן מײַן פּנים אין זײַן האָריקער האַנט צום פאַרהערן מיך, איז מיר אַנטרונען געוואָרן יעדער טראָפּן חיות. דאָס גאַנצע קערפּערל האָט געציטערט און פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן... ווען ער האָט אַ רעווע־געטאָן: „אַנו, יונגאַטשל, זאָג נאָר אַ ביסל עברי, ווײַז וואָס דו קענסט?״ — בין איך שיִער נישט דערשטיקט געוואָרן פון דעם טאַבאַק,

וואָס האָט פון אים געאַווירט... איך בין שוין געווען ווי געליימט. כ'האָב געוויינט אויפן קול. די רביצין האָט מיט איר קויטיקן פאַרטעך מיר אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן, האָט מיך צערטלעך געטרייסט, אַז דער רבי איז זייער אַ גוטער: ער וועט מיך נישט שלאָגן, נאָר וועט מיט מיר לערנען דאַוונען און תורה, בכדי איך זאָל ווערן גאָטפאָרכטיק...

און אַזוי האָב איך אָפּגעלערנט די גאַנצע וואָך און גאָרנישט דערציילט דעם זיידן וואָס ס'איז מיט מיר געשען אין „חדר". די באָבע לאה האָט אָבער באַמערקט מײַן פאַראומערטן אויסזען, די געשוואָלענע אויגן פון געוויין און דאָס בלייכע פּנים. זי האָט מיט גרויס ליבשאַפט געגלעט די געקרײַזלטע פעך־שוואַרצע האָר פון מײַן קאָפּ. זי האָט נישט געפרעגט און נישט געטרייסט מיט ווערטער, אָבער אין איר קוק האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי ווייסט וואָס די קינדער שטייען אויס פון די דאָזיקע מלמדים.

פרײַטיק נאָך מיטאָג, נאָך דעם ווי ער האָט געכאַפּט אַ קורצן דרימל און נאָכן טרינקען אַ גלאָז באַרלעך־יויך, האָט מיך דער זיידע גענומען פאַר דער האַנט און מיר זײַנען געגאַנגען אין מרחץ אַרײַן. נאָך שטייענדיק אין גאַס פאַרן אַרײַנגאַנג אין באָד, האָט מיר דער זיידע אָנגעוויזן, אַז דאָרטן אויפן בערגל, ווו מ'גייט אַריבער דאָס בריקל, איבערן טײַכל, ווו מ'פאָרט אַרויס פון שטאָט, — אָט יענץ שטיבל איז פעסי־עטי רחלס, ווו איך בין געבוירן געוואָרן. שבת אין דער פרי איז געקומען מײַן רבי צום זיידן איך זאָל זאָגן עפּעס פון דער סדרה פון דער וואָך. איך האָב נישט געקענט עפענען דאָס מויל, די צונג איז געווען ווי געליימט און איך האָב זיך היסטעריש צעוויינט... דער רבי האָט זיך עפּעס פאַרענטפערט און דער זיידע האָט מבינות געזאָגט, אַז איך וועל קענען גוט לערנען, ווײַל איך האָב אַ גוט קעפּל. די באָבע לאה האָט אויך מבינות געזאָגט, אַז צו מײַן גוטן קעפּל קען דער רבי קנאַפּ עברי... פון זײַן לערנען וועל איך נאָך ווערן אַ גרעסערער גוי פונעם רבין...

באַלד מאָנטיק האָט מען מיך פאַרשריבן אין דער יידישער שולע, ווו עס האָט זיך געביטן דער גאַנצער סיסטעם פון מײַן ביז־איצטיקן לערנען. אין גערוימע לופט־טיקע צימערן, מיט יונגע פײַן־געקליידטע לערערס, האָב איך אָנגעהויבן לערנען גראַמאַטיק, יידישע געשיכטע, תנ"ך, שרײַבן און לייענען, מעטאָדיש, פון שול־טעקסטן.

מײַן מאַמעס משפּחה

דער זיידע מאָטיע גאָרניק (האָרניק אויף יידיש) האָט געוווינט אויף דער גראַמאַטיק, יידישע געשיכטע, תנ"ך, שרײַבן און לייענען, מעטאָדיש, פון שול־טעקסטן. (אָטאָקי), בשכנות פון דער גרויסער פּאָדאָליער שטאָט מאָלעוו (מאָהילעוו־פּאָדאָלסק) אָדער קיין קאָמעניעץ. אַנטקעגן זיידן, אַ פּענצטער קעגן אַ פּענצטער, האָט אויך געוווינט דער רב, רבי דאַנילעקל. מײַן זיידנס שטוב איז געווען אַן אייגענע. אַ גרויסע דירה. און געצויגן האָט ער פּרנסה פון אַ צעלניק־קלייטל, וואָס איז געווען קוים אַן אָפּשײַן פון זיין אַמאָליקער גרויסער שפּע. זײַן ערשטע פרוי, דער מאַמעס מוטער,

די באָבע, האָט אים געבוירן אַכצן קינדער, פון וועלכע עס זײַנען קוים געבליבן פיר. דער עלטערער זון, אלתר, האָט געאַרבעט מיט זיי אין געשעפט און ווען ער האָט געדאַרפט גיין צום „פריזיוו", האָט מען אים אויסגעשטאָכן אַן אויג; האָט ער שוין נישט געדינט; איז געוואָרן בלינד אויף איין אויג; אָבער צום געשעפט האָט ער זיך גוט אויסגעטויגט. ווען ער האָט חתונה געהאַט — אַזוי פלעגט מײַן מאַמע דערציילן — האָט אים די באָבע וועליע אָפּגעטיילט, ווײַל אַלע גרויסע אויפטוען פון סוח־רעריי און פון דערציִונג פאַר די קינדער זײַנען געגאַנגען אויף איר חשבון. דער צווייטער זון, דער פעטער בן־ציון, האָט געהאַט אַ נייגונג צו בילדונג, — איז ער אַוועק קיין אָדעס, וווּ ער האָט שטודירט רוסיש און ייִדיש און זיך דיפּלאָמירט אַלס אַפּטיי־קער. מיט זײַן קלוגשאַפט, געבילדעטקייט און מיט דער אַפּטיק־פּראָפעסיע האָט ער אין בריטשאַן נישט געהאַט קיין פּרנסה. האָט מען אין שטעטל געזאָגט, אַז די באָבע וועליע האָט געגעבן ירושה דעם פעטער אלתרן הצלחה און דעם פעטער בענצי — חכמה... דעם זיידן האָט מען גערופן אין שטאָט „מאָטיע חיה־פרומעס"; דעם פעטער אלתרן — „אלתר וועליעס" און דעם פעטער בן־ציון — מיט דער פאַמיליע גאָרניק. ווען איך בין דעם ערשטן טאָג אַרויס באַטראַכטן די שטאָט און נישט גע־קאָנט טרעפן צוריק, האָב איך געבעטן, מען זאָל מיר ווײַזן דעם וועג צום זיידן.

— ווער־זשע איז דײַן זיידע ?

— מאָטיע גאָרניק !

ווייסט קיינער נישט, ווער ס'איז דער מאָטיע גאָרניק.

— רעדט ווי אַ מענטש ! דאָ אין בריטשאַן איז נישטאָ אַזאַ ייִד ! ווער ביסטו אַליין ?

— מאָטיע חיה־פרומעס אַן אייניקל, אלתר וועליעס אַ ניפּאָטיקל (אויף מאָל־דאַוואַניש: אַ פּלימעניקל).

— אָט אַזוי ! אין בריטשאַן ווייסט מען ווייניק וועגן פאַמיליען־נעמען...

דער זיידע האָט חתונה געהאַט דאָס צווייטע מאָל פאַר דער אלמנה פונעם אירעער רב — מײַן באָבע לאה. זי האָט אויך געהאַט מיטן זיידן צוועלף קינדער. ביידע באָבעס האָבן געהאַט צו עטלעכע צווילינגס און פון זיי זײַנען אויך קוים געבליבן פיר קינדער. פונעם ערשטן מאַן האָט זי געבראַכט אַ זון — מאָניע ראַבינאָ־וויטש — און ער איז געווען זייער אַ שיינער; האָט שוין געטראָגן אַ שוואַרץ בערדל, אָבער פײַן געקעמט; מאָדערן געקליידט; איז געווען אַ יודע־ספר און געבילדעט אין רוסיש און דײַטש, ווי אַן אמתער אויטאָדידאַקט. אין בריטשאַן איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַן אַריסטאָקראַט און פאַר אַן אינטעליגענט. ביידע אייגנשאַפטן האָבן זיך גוט אײַנגעפּאַסט. ער האָט געמאַכט אַ פײַנעם אײַנדרוק מיט זײַן גוטן כאַראַקטער און מיט זײַן אויסערלעכן אויסזען. און ס'איז געווען נאַטירלעך, וואָס מ'האָט געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ. אגב, איז ער געוואָרן אַ סוחר, אַן אייגנ־טימער פון אַ שניט־קראָם און האָט באַקומען קרעדיט און אײַנזען ווי אַן אָרנטלעכער מענטש. דאָך האָט מען אים געפּסלט אין די העכערע ספערן, מחמת ער האָט דווקא

חתונה געהאַט מיט אַ ייִדיש דאָרפס־מיידל... די גרויסע גבירים האָבן אים געוואָלט „אָפּגילטן" און אַרײַנבאַקומען פאַר אַן איידעם... אין דער אמתן האָט ער גראָד גע־מאַכט אַ גוטן אויסוואַל. ער האָט געפירט אַ שטיל, שיין, האַרציק לעבן מיט זײַן באַשערטער און געגעבן אַ גוטע מאָדערנע דערציִונג זײַנע קינדער.

די באָבע לאה איז געווען אַן אמתדיקע רביצין: זי איז געווען גאָר הויך געביל־דעט אין ייִדישן דת. זי האָט געקאָנט גאַנץ תנ"ך, פלעגט אַלע טאָג דאַווענען, זאָגן אין דער פרי אַ קאַפּיטל תהלים אויף אויסנווייניק און איז אויך געווען אַן אשת־חיל: געהאָלפן דעם זיידן אין דער פרנסה.

דער פעטער אלתר איז געווען דער גרעסטער הורט־סוחר אין בריטשאַן. זײַן דירה איז געשטאַנען אין צענטער שטאָט, אויף דער פּאָטשטאָווער גאַס, אַקעגן רב ר' אידעלע דיין, און האָט זיך געצויגן אַזש ביז דער שניידערישער גאַס. די קלייט איז געווען אומגעהייער גרויס און געפּאַקט מיט סחורות פאַר „אַלע" געברויכן. זײַ־נע קונים זײַנען געווען על פּי רוב די „אַרענדאַרן", אָדער פּשוטער, די דאָרפישע ייִדישע קרעמערס, וואָס פלעגן אָנפאָרן אין די הונדערטער און וואַרטן מעת־לעתן, סײַ ווינטער און סײַ זומער, ביז זיי האָבן געהאַט די ריי צו מאַכן זייערע „צעטלען". קיין למדן איז ער נישט געווען; אָבער אַ גרויסער חסיד פונעם רבין יחיאליק קרי־לעוויצער. אויף ימים־טובים פלעגט ער אַוועקפאָרן צום רבין און דאָרט פאַרבלייבן ביז סוכות און געלאָזט דעם רבין אַ פעטן פּדיון. אָבער ווען איך פלעג אַמאָל בעטן חנוכה־געלט, פלעגט ער פינטלען מיטן בלינדן אויג, קוקן צי די מומע רעכל זעט נישט — און מיר אַרײַנשטופן אין האַנט אַ זילבערנעם פערציקער... צוואַנציק קאָ־פּיקעס!... די אַנדערע שוועסטערקינדער האָבן מיך ממש געהאַלטן פאַר אַ העלד, ווײַל זיי פלעגט ער געבן צו פינף קאָפּיקעס...

רב יחיאליקל קרילעוויצער, דער „גוטער ייִד", פלעגט אַלע יאָר אַראָפּקומען קיין בריטשאַן אין דער וואָך נאָך פּסח. ער פלעגט דאַווענען אין דער סעלעשטשער קלויז, און, ווי אַ מין חזקה, פלעגט ער „ציילן ספירה". ער איז געווען אַ הויכער, אַן אויסגע־צערטער, מיט אַ לענגלעך טונקל פּנים און אַ לאַנג, שמאָל, שוואַרץ בערדל, מיט לאַנ־גע, פײַן פאַרדרייטע פּאות, שיין געקליידט. האָט ער טאַקע באמת געמאַכט אַן אײַנ־דרוק ווי אַ צדיק. זיין ספירה־ציילן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן דינער שטימע און נגינה. מ'פלעגט אין בריטשאַן רעדן מיט התפּעלות אין די חסידישע און פרומע קרײַזן — און אַפילו אין די אַזוי־גערופענע אַפּיקורסישע קרײַזן — וועגן זײַן מתי־קותדיקן „רבונו של עולם" און ממש אַנקוועלן. עד היום געדענקט זיך דעם רבי יחיאליקלס ספירה־ציילן און איך פּרוּוו אַפילו אָפטמאָל איבערזינגען יענעם ניגון און אויסלויבן...

בריטשאַן איז נישט געווען קיין חסידיש־פאַנאַטישע שטאָט. חסידיש־רעליגיעז איז מער געווען ייִדישנעץ. אין 1904 בין איך מגולגל געוואָרן אויף אַ שטעלע אין דער שניט־קראָם פון רחל ברונשטיין, אַ קרומע אויף אַ פוס, אָבער אַ גרויסע סוחר־

טע. איר פֿאָטער, דער אַלטער ברונשטיין, האָט איר חתונה געמאַכט מיט אַ ישיבה־בחור, שאַפּירא, אַ הויך־געבילדעטער מענטש, אין יידישן דת. ער איז געזעסן אויף קעסט, אָן דאגת פּרנסה, זיך נישט געמישט אין געשעפֿט, וואָס דער שווער האָט צו־געגרייט, טאַקע אָן ערשט־קלאַסיקע קראָם פֿון די בעסטע מענער־שטאָפֿן, געבראַכטע פֿון טשענסטאָכאָוו, לאָדזש און מאָסקווע. אָט דער שאַפּירא האָט געהאַט די איינציקע גרויסע ביבליאָטעק אין יעדינעץ, מיט ספרים און ביכער ווי: דער רמב"ם, אבן גבירול, די אבן עזראס וכדומה. שפּינאָזאַן פֿלעגט ער לייענען געהיים... אין שטאָט האָט מען דערפֿון נישט געטאָרט וויסן. געדענק איך אויך, אַז דעמאָלט האָט איז יע־דינעץ געוווינט דער העברעיִשער שרייבער און פּעדאַגאָג יהודה שטיינבערג. ער האָט געלערנט מיט דערוואַקסענע קינדער פֿון פֿאַרמעגלעכע עלטערן און ער פֿלעגט אויך האַלטן רעפֿעראַטן אויף פֿילאָסאָפֿישע טעמעס פֿאַר געציילטע משכילישע יונגעלייט, אָבער בשתיקה... מ'האָט שוין אָנגעהויבן פֿירן רכילות קעגן אים און זיין אַפּיקורסות...

סוקעראַן איז געווען גאַנץ אַנדערש. דאָס דאָזיקע שטעטל איז נישט געווען אַזוי פֿאַרגעשריטן ווי בריטשאַן אין קולטורעלן זינען און איז אויך נישט געווען אַזוי חסידיש־פֿאַנאַטיש ווי יעדינעץ. די סוקעראַנער יידישע באַפֿעלקערונג איז געווען אַ האָרעפּאַשנע, אַרבעטזאַמע אין יעדער הינזיכט. אַ געוויסער טייל האָט געהאַנדלט, אַ טייל איז באַשטאַנען פֿון בעלי־מלאכות און אַ גרעסערער טייל האָט זיך באַשעפֿטיקט ביי פֿעלד־אַרבעט, מערסטנס ביי טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס. דאָס זעלבע האָב איך געזען אין ליפּקאַן, פֿון וואַנען עס זיינען אַרויסגעקומען די שטיינבערגס. ס'איז אָבער דאָרטן נישט געווען קיין אָנזעעוודיקע קולטור־סביבה, מחמת די יידישע באַפֿעלקע־רונג האָט דאָרט געוואָקסן פֿון אַ קנאַפּער אויסבילדונג, אויפֿן מוסטער פֿון סוקעראַן. כאָטין, אונדזער באַצירק־שטאָט, און נאָוואָסיליצע, זיינען אין גאַנצן געשטאַנען מן הצד; מ'האָט פֿון זיי כמעט ווי נישט געהערט. די יידישע באַפֿעלקערונג איז געשטאַ־נען אויף אַ נאָך מער נידעריקער שטופֿע סאָציאַל און קולטורעל.

בריטשאַן האָט געהאַט די אויבערהאַנט אויף אַלע געביטן און האָט געשמט אַפֿילו מיט אירע טיפּן פֿון דער אונטערוועלט. ווען איך האָב געלייענט שלום אַשס „דאָס קוילער־געסל", האָב איך זיינע העלדן געזען אויך ביי אונדז אין בריטשאַן. עס איז געווען אַ גאַנצע „חברה שלעגערס", מיט זייער „קאַפּיטאַן", דער הויפּט־אָנפֿי־רער, וואָס פֿלעגט אויספּרעסן געלט ביי פֿאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, און אויב מען האָט זיי נישט באַפֿרידיקט, פֿלעגן זיי נעמען נקמה פֿון די קינדער.

אַזוי געדענק איך, ווי איינמאָל אין אַ שבתדיקן טאָג האָבן מיין פֿעטער אלתר וועליעס זון, שלמה; מיין זיידנס קלענסטער בחורל, לייבוש, און דעם פֿעטער בן־ציונס בחור וועלוול מיך גענומען שפּאַצירן אויף דער טאַליקע (לאָנקע). ווען מיר זיינען געווען נאָענט צו דער „בוינע" (שעכט־הויז פֿאַר בהמות), וואָס איז געשטאַ־נען אין עק שטאָט, האָבן אונדז אַרומגערינגלט „חברה שלעגערס". זיי האָבן געפֿאָ־דערט אַ גרויסע סומע פֿון מיין פֿעטערס בחורל שלמה, ווייל ער איז געווען דער איינ־ציקער פֿון אַ רייכן טאַטן. היות ער האָט נישט געהאַט מיט זיך דעם געפֿאָדערטן סכום,

האָבן זיי פֿאַרהאַלטן דעם זיידנס און דעם פֿעטער בן־ציונס בחורים. איך מיט שלמהן האָבן געמוזט לויפֿן און ברענגען דאָס געלט. אויב מיר וועלן נישט קומען צו דער באַשטימטער שעה, האָט מען אונדז געוואָרנט, וועט מען דעם „משכון" — די צוויי געפֿאַנגענע — אויסטאָן נאַקעט און נאָך מכבד זײַן מיט קלעפּ... מײַן שוועסטער־קינד איז בשתיקה געגאַנגען צו דער קאַסע, גענומען דאָס נייטיקע געלט און גע־ראַטעוועט דעם פֿאַרהאַלטענעם „משכון"...

אין בריטשאַן איז אויך געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע באַנדע גנבים. דאָס זײַנען געווען נישט מער ווי פֿערד־גנבים. דעם ראש פֿון זיי האָבן לסוף ליקווידירט די פּויע־רים פֿון דאָרף לענקעוויץ, נישט ווײַט פֿון אַטיק, ווו עס פֿלעגט אַלע וואָך זײַן אַ גרויסער יאַריד. די פּויערים האָבן אים געפּאַקט אין אַ שטאַל, ווו ס'זײַנען געשטאַ־נען עטלעכע פֿײַן־געקאַליעטע פֿערד, און אים דאָרטן אויף אָן אָרט דערהרגעט...

און אַט די דאָזיקע שלעגערס, גנבים און מענטשן מיט נישט גאָר ריינע מיס־חרים, — און עס האָבן אויך נישט אויסגעפֿעלט אין בריטשאַן די יעקעל שאַפּשאַ־וויטשעס פֿון שלום אַשס „גאָט פֿון נקמה", — אַט די אַלע „ווילע יונגען" האָבן אָפּטמאָל אָפּגעשלאָגן אַ פּאָגראָם...

אין מײַן זכרון איז אײַנגעקריצט נאָך אַ מאָמענט. אַ שלעכטע צײַט האָט זיך פֿאַר אונדז אָנגערוקט. גאָר פּלוצלינג איז געוואָרן אַ מאָביליזאַציע פֿון די רעזער־וויסטן, וואָס מ'האָט גערופֿן אין מיליטער, מחמת רוסלאַנד האָט געפֿירט מילחמה מיט יאַפּאַן. דאָס אויסצומײַדן, האָט מײַן פֿאָטער געמוזט אַנטלויפֿן. ער האָט גע־האַט געדינט „פֿאַניען", אָבער גיין אין „פֿײַער" איז נישט געווען כדאַי. איז ער אַליין אָפּגעפֿאָרן קיין אַרגענטינע, זיך אויפֿגעהאַלטן אַריבער אַ יאָר אָן דער מישפּחה, גע־אַרבעט בשותפֿות מיטן פֿעטער מנשה טיפֿענבערג אין דער קאָלאָניע „ראַכיל". זײַן פֿרוי איז געווען מײַן טאַטנס שוועסטער, די מומע רחל, וועלכע איך האָב פֿאַראײַ־ביקט אין מײַנע זכרונות פֿון די ייִדישע קאָלאָניעס.

אין סך־הכל פֿון מײַנע קאַרגע זכרונות פֿון די יוגנטלעכע יאָרן, דאַרף איך זאָגן, אַז מײַן געבוירנשטאָט בריטשאַן איז פֿאַר מיר אַמאָל געווען אַ גרויסע וועלט; אפֿשר די גרעסטע, וואָס מײַן קינדערישע פֿאַנטאַזיע האָט זיך נאָר געקענט פֿאָרשטעלן. איך האָב דעמאָלט געמיינט, אַז קיין גרעסערע וועלט איז נישט פֿאַראַנען.

די עטלעכע איבערלעבונגען, וואָס איך האָב בלויז עפּיזאָדנמעסיק דאָ פֿאַר־צייכנט, האָב איך געשריבן ווי אַן אָבל נאָך דער גרויסער אבידה. זאָלן מײַנע שורות דינען ווי אַ יזכור, ווי אַן אָנדענק פֿון מײַן ייִדישן בריטשאַן און אַלע אויסגערעכנטע ייִדישע שטעט, וואָס זײַנען געפֿאַלן אונטער דער האַק פֿון די דײַטשישע און רומע־נישע באַרבאַרן, י"ש.

וועגן דעם אופֿן ווי אַזוי עס איז ליקווידירט געוואָרן מײַן געבורטשטאָט ברי־טשאַן האָט דערציילט מײַן בת־עיר טאַניע פֿוקס ע"ה אין איר בוך „אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן", וואָס דער פּוילישער פֿאַרבאַנד אין אַרגענטינע האָט אַרויסגעגעבן אין 1947.

די אַנטשטייונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס

פאַרגעשיכטע

די קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס איז אַנטשטאַנען אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן. זי האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער באַוועגונג אין די אייראָפּעיִשע לענדער; זי איז אויך נישט אויפגעקומען אויף דער איניציאַטיוו פון אייגענע פּיאָנערן, ווי אין ראָשדײַל, כאָטש די נויט פון די ערשטע ייִדישע עמיגראַנטישע פּיאָנערן אין דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע איז יאָ געווען אַזאַ ווי בײַ די ראָשדײַלער. עס איז אָן שום ספק, אַז צוריק מיט זיבעציק יאָר, בשעת דער גרינדונג פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, ווען מ׳האָט אומעטום שוין געפּײַערט דעם פופציק־יאָריקן יובל פון דער אַנטשטייונג פון דער פרײַער קאָאָפּעראַציע, זײַנען נאָך אין די קאָלאָניעס נישט געווען די מענטשן מיט אַזעלכע באַגריפן.

און אַפילו אַ סך שפּעטער זײַנען די מאָדערנע טערמינען, ווי: פּאָליטישע עקאָנאָמיע, טעאָריע און פּראַקטיק, מעטאָדן פון קעגנזײַטיקער צוזאַמענאַרבעט אויף קאָמונאַלע יסודות, געווען פרעמד אין די ייִדישע קאָלאָניעס. עס זײַנען אפשר יאָ געווען יחידים מיט דער איבערצײַגונג, אַז די קאָאָפּעראַציע שטרעבט צו דערהייבן דעם מיזעראַבלען לעבנס־ניוואָ: עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל. זיי האָבן אפשר אויך שוין געוווּסט, אַז אין ענגלאַנד, פראַנקרײַך, בעלגיע, שוועדן, דײַטשלאַנד, אין דער שווייץ, אין די פאַרייניקטע שטאַטן און אפשר אויך אין אַ סך אַנדערע לענדער עקזיסטירן אַ סך גרויסע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן, וואָס אָפּערירן מיט גרויסע קאַפּיטאַלן אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען; אָבער אינעם באַגינען פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, אין יאָר 1888 אין מאָניגאָטעס, אין 1889 אין פּאַלאַסיאָס, און שפּעטער, אין 1890 און 1891, אין מאָזעסוויל, האָבן די ערשטע פּיאָנערן נישט געהאַט קיין געזיכערטע היים, קיין שום באַדינגונגען און וועלכע עס איז באַזע פאַר געזעלשאַפטלעכער, עקאָנאָמישער און ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט.

ביז נישט לאַנג צוריק — און אַפילו נאָך הײַנט צו טאָג — איז געווען אָנגענו־

מען די מיינונג, אַז די אידייע פון דער קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס איז געווען דער ייִקאָס, מחמת די איניציאַטיוו צו גרינדן די ערשטע פינאַנציעלע הילפס־קאַסעס און די ערשטע עטלעכע קאָאָפּעראַטיוועס איז געווען פון אַ טייל ייִקאַ־אַדמיניסטראַטאָרס. עס איז אמת דער פאַקט, אַז די איניציאַטיוו צו גרינדן די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוועס אין די ייִדישע קאָלאָניעס איז שטענדיק און אומעטום געווען דער ייִקאָס. זיי האָבן זיך שפּעטער אויסקריסטאַליזירט און איבערגעגאַנגען צו פונדאַמענטאַלער קאָאָפּעראַציע. אָבער נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג ווערט פעסטגעשטעלט, אַז די אידייע איז פאַקטיש געווען דעם באַראָן הירשס. די כראָניקערס פון יענער צײַט און די ערשטע היסטאָריקערס פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע אייניקן זיך אין דעם פּרט און גיבן איבער באריכות, אַז די ערשטע ייִדישע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אין מערץ 1891, נאָך איידער דער באַראָן הירש האָט געגרינדעט די „ייִדישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט" ייִקאַ. די גרינדונג איז צושטאַנד געקומען מיט פינף חדשים שפּעטער, ערשט דעם 24סטן אויגוסט 1891, און האָט באַקומען יורידישע אָנערקענונג פון דער אַרגענטינער רעגירונג דעם 17טן פעברואַר 1892, ווען זי האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט[1]. די ייִקאַ האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אירע איניציאַטיוועס און פלענער פאַר געזעלשאַפטלעך־עקאָ־

---

[1] דער ערשטער היסטאָריקער פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע איז געווען ישראל פינגערמאַן. ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן די „היסטאָריע פון דער יודישער קאָלאָניזאַציאָן אין אַרגענטינע" אינעם „יודישען קאָלאָניסט", וואָס איז געווען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער „יודישער אַגראַר־פעדעראַציע" און פון די צוויי ערשטע גרויסע קאָאָפּעראַטיוועס: „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ לוסיענוויל" און „פאָנדאָ קאָמונאַל" פון דער קאָלאָניע קלאַראַ. פינגערמאַן איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער קאָלאָניסטישער אויסגאַבע און ער האָט דאָרטן, אין די נומערן 13, 14 און 15 אָפּגעדרוקט די ערשטע 3 קאַפּיטלען אין יאָר 1910 (יוני, יולי). ערשט אין די יאָרן 27—1926 האָט ער געדרוקט אַ גרעסערן טייל אין „די אידישע צײַטונג". היות אַ שרפה האָט פאַרניכטעט דעם גאַנצן אַרכיוו פון „די אידישע צײַטונג" און קיין אַנדערע קאָלעקציע מיט יענער אַרבעט איז נישטא בנמצא, באַנוצן מיר זיך טיילווײַז מיט די מאַטעריאַלן פון יוסף מענדעלסאָנס אַרבעט, אין שפּאַניש: אינעם בוך “Genesis de la colonización judía en Argentina” “50 años de colonización judía en la Argentina” וואָס די „דאַיאַ" האָט אַרויסגעגעבן צו דער געלעגנהייט פון דעם 50־יעריקן יובל פון דער קאָלאָניע מאָזעסוויל, בוענאָס־אײַרעס, 1939. מענדעלסאָן ציטירט אָפטער פינגערמאַנס געשיכטע.

דוד גאָלדמאַן: „די יודן אין אַרגענטינע", אַ בוך אין צוויי טיילן, בוענאָס־אײַרעס, 1914. דאָס דאָזיקע ווערק דינט עד־היום ווי אַ האַנט־בוך פאַר ידיעות פונעם בראשית פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע און טיילווײַז ווי אַן עד־ראיה, מחמת דער מחבר איז געקומען מיט זײַנע עלטערן אין 1889, מיט דער שיף „וועזער". זיין פאָטער, הרב גאָלדמאַן, איז געווען פון די ערשטע פאָדאַליער פּיאָנערן. האָט דער מחבר, אַ חוץ זײַנע אייגענע אײַנדרוקן, זיך געהאַלטן בײַ די זכרונות פון זײַן פאָטער און אַנדערע מקורים. סײַ פינגערמאַן און סײַ דוד גאָלדמאַן האָבן נישט געהאַלטן פון די שטרענגע כראָנאָלאָגישע כללים פון ציטירן דאַטן, וואָס איז אַ היפּשע שטערונג בײַם פאָרשן די געשעענישן אין אַ צײַט, ווען עס זײַנען נאָך נישט דערשינען קיין געדרוקטע אויסגאַבעס. אָט דערציילט דוד גאָלדמאַן

נאָמישער אָרגאַניזאַציע ערשט אין 1900 און נישט אויף דער באַזע פון די ראָשדײַלער פּרינציפּן, און דער נאָמען קאָאָפּעראַטיוו איז אין ערגעץ נישט בנמצא. די ערשטע געלט־שטיצע, וואָס דער באַראָן הירש האָט געשיקט אין מערץ 1891 מיטן ד״ר וויל־העלם לעווענטאַל פאַר די מאָזעסווילער קרבנות פונעם גוטבאַזיצער פּעדראָ פּאַלאַ־סיאָס, וועלכער האָט זיי באַשווינדלט, איז געווען מיט אַ באַדינג, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל פאַרוואַלטן און זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די געלטער אויף אַ מעטאָדישן אופן. נאָך מער אויפפאַלנד איז דער פאַקט, וואָס מ׳האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט אָנגערופן: „אַגראַר־קאָאָפּעראַ־טיוו פון די מאָזעסווילער קאָלאָניסטן״ נאָך איידער דער באַראָן הירש האָט געקויפט די לענדערײַען פון פּעדראָ פּאַלאַסיאָס; ווען זיי זײַנען נאָך ניט געווען אין באַראָן

אין זײַן אַרטיקל: „וועגן די ראשונים אין אונדזער ישוב״, וואָס האָט זיך געדרוקט אין זשורנאַל „דער שפּיגל״, פון אַפּריל 1960:

„ווי באַקאַנט, איז די ערשטע גרופּע ייִדישע אימיגראַנטן, אין אַ צאָל פון 815 ייִדן, אָנגעקומען קיין אַרגענטינע מיט דער שיף „וועזער״ דעם 14טן אויגוסט 1889. צווישן אָט יענער גרופּע האָט זיך אויך געפונען דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען פיר יאָר״.

בײַם סוף פון דעם דערמאָנטן בוך איז אָפּגעדרוקט די גאַנצע רשימה פון די אימיגראַנטן, געקו־מענע מיט דער שיף „וועזער״, וואָס מיר קאָפּירן טעקסטועל:

Nómina de los inmigrantes llegados en el vapor Weser, el 14 de Agosto de 1889; Lista facilitada por la Dirección General de Inmigración:

Arón Goldman 36 años, Rose 35 años, Fischel 13, Hirsch 11, Rivke 8, David 7, Iser 3.

די אָפיציעלע דאַטע וועגן דוד גאָלדמאַנען איז 7 יאָר און נישט 4.

דוד גאָלדמאַנס שילדערונג מכוח דער ערשטער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין מאָזעסוויל לייענט זיך אַזוי:

„נאָך דעם ווי עס איז אַריבער אַ קײַלעכיק יאָר (פון ווען? און ביז וואַנען?) פון צרות און לײַדן, איז ענדלעך געקומען דער באַקאַנטער ד״ר לעווענטאַל, געשיקט פונעם באַראָן הירש ז״ל צו אַרויסהעלפן די אומגליקלעכע פון זייערע צרות און זיי ארונטערנעמען אונ־טער זײַן השגחה״.

״פון דאַן אָן הייבט זיך אָן די גליקלעכע צײַט פאַר די לײַדנדיקע מענטשן, וועלכע האָבן אין דעם דאָקטער געזען אַ מלאך מושיע, וואָס וויל זיי אַרויסראַטעווען פון זייער שרעקלעכער לאַגע. צו יענער צײַט איז שוין געגרינדעט געוואָרן דורך פּאַלאַסיאָסן (??) דער ייִדישער קאָמי־טעט, אָדער ראַט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די אינערלעכע ייִדישע אינטערעסן, און וואָס האָט אָמערסטן געהאַט צו טאָן מיט דער פאַרענטפערונג פון דער פראַגע: „מה נאכל״. („די יודין אין אַרגענטינע״, קאַפּיטל: מאַזיסוויל, זײַט 189).

לויט גאָלדמאַנס אינפאָרמאַציע האָט דער קאָמיטעט (אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו) געגרינדעט פּעדראָ פּאַלאַסיאָס און נישט דער ד״ר לעווענטאַל, אין נאָמען פונעם באַראָן הירש. אָבער די אַלע בלויזן, אומפּינקטלעכקייטן, נעמענדיק אין אַכט דעם ווײַטן צײַט־אָפּשניט, ווען גאָלדמאַן האָט געשריבן „די יודין אין אַרגענטינע״, איז דאָס געווען אַן אויסגעצייכנטער געלונגענער פּרווו פאַר אַזאַ אָנהייב.

הירשס באַזיץ. הגם עס איז נישט באַוווסט, צי די דאָזיקע „קאָאָפּעראַטיוו" האָט לאַנג עקזיסטירט און צי זי האָט אויסגעפירט עפּעס אַ טעטיקייט, פאַרצייכענען מיר דעם פאַקט, אַז די אידייע פונעם באַראָן הירש אינעם ענין קאָאָפּעראַטיוויזם און דער נאָמען קאָאָפּעראַטיוו איז געהערט געוואָרן אינעם ערשטן יידישן ישוב פאַר קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, מעגלעך, אויך אין גאַנץ דרום־אַמעריקע.

כדי צו באַגרינדן אונדזער השערה, ווען עס געהערט די בכורה פון דער קאָאָפּעראַציע אין די יידישע קאָלאָניעס, פאַרצייכענען מיר דאָ עטלעכע דאָקומענטן, וואָס וואַרפן אַ גאַנץ אַנדער ליכט און וואָס זיינען קעגן די פאַרגרייזטע מיינונגען פון עטלעכע שרייבערס, וועלכע זיינען ווייניק באַהאַוונט אין דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און וועלכע ווילן, אַפילו קעגן דער יי״קאָס כוונה, אַרויפצווינגען אויף איר די אידייע און די בכורה פון דער קאָאָפּעראַציע. מיר זיינען דאָ נישט אויסן מינדערצושעצן די גוטע איניציאַטיוועס פון די יי״קאָ־אַדמיניסטראַטאָרס און אַ טייל אָנגעשטעלטע. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועלן מיר זיי אָנווייזן. אינעם איצטיקן פאַל ווילן מיר זיך לענגער אָפּשטעלן אויף עטלעכע פאַקטן אויף צו באַגרינדן אונדזערע טעזיסן.

עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט און ס׳איז ברייט און וויט באַוווסט, אַז דער באַראָן הירש איז געווען אַ גרויסער פילאַנטראָפּ און אַ גרויסער נדבן. אין דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע איז די ערשטע מידה — פילאַנטראָפּיע — אומדיסקוטירבאַר. דאָס איבערגעבן דער יי״קאָ די ערשטע פופציק מיליאָן פראַנק אויף צו קויפן לאַנד און אָנפירן אַ גרויסע אינטענסיווע, קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פאַר מאַסן פאַרפאָלגטע און אָרימע יידן — דער דאָזיקער פאַקט דאַרף נישט קיין סך קאָמענטאַרן. עס איז דאָס פּאָזיטיווסטע און רעאַלסטע, וואָס מ׳קען צושרייבן דעם גרויסן זשעסט מצד אַ ייד — אַן אוניקום פון אונדזער דור. אָבער וועגן באַראָן הירשס צווייטער מידה — אַלס גרויסער נדבן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע, — איז שוין דער ענין גאַנץ אַנדערש. דאָרטן, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַן אונטערנעמונג, האָט דער באַראָן הירש גערעכנט מאַטעמאַטיש: פון יעדער אינוועסטירטער קאָמערציעלער אַקציע מוז דער באַטרעף באַקומען אַ דיווידענד פון דעם קאַפּיטאַל; נישט קיין נדבות. נדבות זיינען פאַר קבצנים, אָרימע לייט און וווילטעטיקע צדקה־חברות. שטיצע פאַר בילדונג, פאַר געזעלשאַפטלעכע אַרבעטס־פּלעצער אין די אָרימע פאַרפאָלגטע ישובים איבער דער גאַרער וועלט און אין אַ סך אַנדערע דרינגענדיקע פאַלן האָט ער געגעבן מיט דער פולער האַנט. וואָס אָנבאַלאַנגט דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, האָט דער באַראָן געהאַט גרויסע פּלענער, לויט דער השגה פון אַ פינאַנסיסט פון זיין קאַטעגאָריע און אונטערנעמונגס־גייסט. ער האָט נישט געטראַכט פון געבן נדבות, פון קליינלעכער שטיצע אויף צו שאַפן עפּעס אַ נייע צדקה־חברה. ער האָט בדעה געהאַט צו שאַפן עפּעס גראַנדיעזעס — מיט אַזאַ פאַרנעם, וואָס ער האָט געהאַט אין פאַר־

שיידענע לענדער בײַם בויען אײַזנבאַן־ליניעס, גרינדן באַנק־געזעלשאַפֿטן און אַנ־דערע גרויסע אונטערנעמונגען. דאָרטן האָט ער באַלאַנסירט די לוינבאַרקייט, גע־חשבונט די ריווחים אויף כפל־כפלים, בכדי מיט זיי צו פֿאַרגרעסערן און אויסברייטערן זײַנע מיסחרים. צו דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע איז ער צוגעגאַנגען נישט ווי אַ פּשוטער סוחר, נאָר ווי אַ מולטימיליאָנער: גרויסע שטחים לאַנד; אַ גרויסע יידישע אימיגראַציע פֿאַר אַ סך קאָלאָניעס. אָבער דאָס אַלץ דאַרף געפֿירט ווערן נישט ספּאָראַדיש, נישט הפקרדיק, נאָר מיט טאַקט, גוט אײַנגעאָרדנט, גוט קאָנטראָלירט, אָנגעפֿירט און אַדמיניסטרירט דורך אַ געזעלשאַפֿט.

עס איז שוין באַוווּסט פֿון אָנצאָליקע פּובליקאַציעס, אַז די 134 מישפּחות מיט 815 נפֿשות, די אַזוי גערופֿענע „פּאָדאָליער”, וואָס זײַנען געקומען מיט דער שיף „וועזער” דעם 14טן אויגוסט 1889 און זײַנען באַלד אָפּגעפֿירט געוואָרן פֿון דעם דערמאָנטן גוטבאַזיצער פּעדראָ פּאַלאַסיאָס אויף זײַנע פֿעלדער אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פֿע, מיט פֿאָרמעלע קאָנטראַקטן זיי צו קאָלאָניזירן, — זײַנען געוואָרן באַ־שווינדלט און האָבן געליטן שרעקלעכע נויט, ממש געשטאָרבן פֿון הונגער. אין משך פֿון די עטלעכע ערשטע וואָכן זײַנען אויסגעשטאָרבן, לויט איין ווערסיע, 61 קינ־דערלעך פֿון הונגער און אַן עפּידעמישער קרענק און מ'האָט נישט געהאַט די מיטלען און מעדיצינישע הילף צו ראַטעווען זיי. אַן אַנדער ווערסיע פֿאַרצייכנט ביז די הונדערט קינדערלעך, וואָס זײַנען געווען די ערשטע קרבנות פֿון די אידעאַליסטישע פּיאָנערן פֿון אַ פּראָדוקטיווער אידייע, וואָס האָט געפֿירט צו דער גרינדונג פֿונעם יידישן יישוב אין לאַנד.

דער צופֿאַל, וואָס דער ד״ר לעווענטאַל איז דעם 18טן אָקטאָבער 1889 דורכ־געפֿאָרן דורך דער באַן־סטאַנציע פּאַלאַסיאָס און געזען אַ גרויסע צאָל יידן זיך וואַל־גערן אַרום דעם פֿעראָן און אין די ליידיקע וואַגאָנעס, הונגעריקע, פֿאַרשמאַכטע, קראַנקע, האָט געפֿירט צו אַ שפּעטערדיקער גליקלעכער לייזונג פֿון דער טרויעריקער לאַגע פֿון די פֿאַרוואָגלטע עמיגראַנטן. ד״ר לעווענטאַל איז געפֿאָרן קיין פּאַריז, האָט געזוכט אײַנפֿלוסרײַכע פּערזענלעכקייטן און פֿאַרגעבראַכט דעם ענין פֿאַרן באַראָן הירש. דעם ד״ר לעווענטאַלס באַריכט איז געווען קלאָר. 800 נפֿשות שטאַרבן פֿון הונגער; לײַדן פֿאַרן אידעאַל, פֿאַר וועלכן זיי האָבן זיך מקריב געווען... על פּי לאָגיק האָט מען געדאַרפֿט טאָן עפּעס ממשותדיקס, קומען מיט באַלדיקער פֿינאַנציעלער הילף אויף עסן, קליידונג, מעדיצין.

אָנשטאָט אַ גיכער רעטונגס־אַקציע האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן פֿאַרשיידענע פּלענער; וועגן אַ גרויסער אונטערנעמונג. דאָס האָט זיך געצויגן ביז נאָוועמבער 1890, אַריבער אַ קײַלעכיק יאָר...

ווען דער ד״ר לעווענטאַל האָט פֿאַרגעבראַכט פֿאַרן באַראָן הירש זײַן פֿאָרשלאָג מכוח דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, און עס זײַנען שוין געווען כמעט פֿאַרטיק

די פּלענער פאַר דער ריזיקער אונטערנעמונג, האָט דער באַראָן באַשטימט קודם־כּל צו באַראַטן זיך מיט צוויי עקספּערטן אין קאָלאָניזאַציע־ענינים, וועלכע ער האָט באַלד באַאויפטראַגט, צוזאַמען מיטן ד״ר לעווענטאַל, צו פאָרן קיין אַרגענטינע און אויספאָרשן די מעגלעכקייט פון גרויסן פאַרנעם, — נישט נאָר אַרויסצוהעלפן און באַזעצן די מאָזעסווילער פּיאָנערן, נאָר זאָנדירן דעם באָדן פאַר אַ גרויסער עמי־גראַנטישער אײַנוואַנדערונג פון די רוסישע ייִדן, וואָס וואָגלען אויף אַלע וועגן פון דער גרויסער וועלט, אָן אַן אויסקוק צו אײַנאָרדענען זיך ערגעץ. און די רוסישע ייִדן האָבן זיך גענייטיקט אין אַזאַ נײַער היים, ווו אָנצוהייבן אַ פּראָדוקטיוו לעבן.

נאַרסיס לעווען דערציילט גאַנץ אויספירלעך די פּרטים, ווי אַזוי עס זײַנען צו־געגאַנגען די ערשטע הכנות פאַר דער דערמאָנטער מיסיע קיין אַרגענטינע[2]

„דעם 20סטן אויגוסט 1890 [3] האָט דער באַראָן הירש פאַרופן די צוויי ספּעציאַליסטן פאַר קאָלאָניזאַציע־פראַגן צוזאַמען מיטן ד״ר לעווענטאַל אויף אַ געמיינזאַמער באַראַטונג, בכדי פעסטצושטעלן מיט זיי דעם פּלאַן פון זייער רײַזע. אינעם פּראָטאָקאָל פון דער דאָזיקער באַראַטונג זאָגט זיך:

„דער באַראָן הירש דערקלערט, אַז זינט אַ לענגערע צײַט באַשעפטיקט ער זיך מיט דער טרויעריקער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ייִדן אין רוסלאַנד, און אַז ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו העלפן זיי דורך דערמעגלעכן צו עמיגרירן אין לענדער, ווו זיי זאָלן קענען, אונטער אַ רעזשים פון פרײַהייט, אַנטוויקלען זייערע כּוחות און פאַרדינען זייער חיונה

[2] נאַרסיס לעווען Cinquante ans d'histoire, L'Alliance Israélite Universelle, vol. II .París 1920

אין זשורנאַל judaica אין שפּאַניש, נומער 18, געווידמעט דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

Orígenes de la colonización judía en la Argentina, por Narcisse Leven, antiguo Presidente de la Alliance y de la J. C. A.

יוסף מענדעלסאָן, אינעם בוך פון דער „דאַיאַ״, אין שפּאַניש: Genesis de la Colonización Judía en la Argentina. זײַט 141.

ו. שייקאָווסקי: אַרגענטינער ייִוואָ־שריפטן, נומ׳ 7, זײַט 24.

א. אלפּערין: אין די ערשטע יאָרן — פּאַריז־אַרגענטינע; בײַם אָנהייב פון דער ייִדישער קאָלאָ־ניזאַציע, יובל־בוך פון „די אידישע צײַטונג״, 25־יאָריקער יובילײַ, זײַט 128.

[3] יוסף מענדעלסאָנס אַרבעט איז דערווײַל, ביז הײַנט צו טאָג, פון די בעסטע וואָס מען האָט אויף דעם געביט געשריבן. ווי זײַן שטייגער, בײַ ערנסטע היסטאָרישע איבערזיכטן, האָט ער אויסגע־פאָרשט אַלע געדרוקטע מאַטעריאַלן, וועלכע ער ציטירט כּסדר. ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזן נאַרסיס לעווענס פאַרגרײַזטע דאַטע, וואָס אַלע אויבן־ציטירטע מחברים האָבן איבערגעחזרט, און הייינו: אַז די צוויי עקספּערטן מיטן ד״ר לעווענטאַל האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פּאַריז, צוזאַמען מיט באַראָן הירש, דעם 20סטן אויגוסט 1889, דאָס הייסט, אין זעלבן חודש ווען די פּאָדאָליער האָבן געלאַנדעט אין ב. איירעס. דער צוזאַמענקונפט איז פאָרגעקומען אין 1890 (זײַט 125 און אין בוך פון דער „דאַיא״).

דורך אַרבעט, וואָס איז אַזוי צרהדיק... צו דעם צוועק וויל דער באַראָן הירש זיך פאַרשאַפן דורך קויפן אָדער איבערנעמען אין קאָנצעסיעס, ער אַליין, אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ פאָנד, וואָס זאָל דורך אים געגרינדעט ווערן — גרויסע שטחים לאַנד, וווהין גרופּעס ייִדן פון רוסלאַנד זאָלן אויסוואַנדערן, אײַנע נאָך די אַנדערע, בכדי צו גרינדן דאָרט לאַנדווירטשאַפטלעכע, אָדער אינדוסטריעלע קאָלאָניעס. באַראָן הירש גלייבט, אַז דרום־אַמעריקע, און ספּעציעל אַרגענטינע, וואָלט פאַר אַזאַ אונטערנעמונג געגעבן גינציקע באַדינגונגען פאַר גוטן דערפאָלג. ער איז אָבער איבערצײַגט, אַז אַזאַ אונטערנעמונג, וועלכע איז בײַם אָנהייב אַ ריין פילאַנטראָפּישע, קען זיך אַנדערש נישט אײַנגעבן, ווי נאָר אַז זי זאָל זיין אָרגאַניזירט און געפירט ווערן ווי אַ געשעפט, אין וועלכן די אינוועסטירטע קאַפּיטאַלן זאָלן ברענגען דעם געוויינטלעכן פּראָצענט ריווח און דער דערגרייכטער ריווח זאָל דינען צו אַנטוויקלען די אונטערנעמונג און זי אויסברייטערן פאַר אַ מעגלעך גרעסערער צאָל עמיגראַנטן."

פון דער דאָזיקער באַראַטונג איז געוואָרן קלאָר, אַז דער באַראָן הירש האָט שוין געהאַט פאַרטיק אויך דעם פּלאַן, צו גרינדן די "דזשוויש קאָלאָניזיישאָן אַסאָסיאיישאָן" J. C. A. (ייִדישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט).

דער ד"ר לעווענטאַל איז אין חודש מערץ צוריקגעקומען קיין מאָזעסוויל און געבראַכט די פריילעכע בשורה, אַז עס איז שוין געמאַכט געוואָרן דער ערשטער אײַנקויף פון אַ גרויסער צאָל העקטאַרן לאַנד אין דער פּראָווינץ בוענאָס־אײַרעס, אינעם באַצירק קאַרלאָס קאַסאַרעס, ווו עס איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ייִדישע קאָלאָניע און מ'האָט איר אַ נאָמען געגעבן "מאַוריציאָ הירש". דאַן האָבן די מאָזעסווילער פּיאָנערן זיך פאַרזאַמלט בײַ הרב אהרן גאָלדמאַן אין שטוב, זיי האָבן געזאָגט ספּעציעלע תפילות און געדאַנקט גאָט פאַרן אָנהייב פון באַראָן הירשס קאָלאָניזאַציע.

"ד"ר לעווענטאַל האָט געמאָלדן פאַר די צוקונפטיקע קאָלאָניסטן, אַז דער באַראָן הירש האָט אים באַאויפטראַגט צו געבן פאַר זיי הילף, באַך איידער עס ווערט באַשטימט צו קויפן דעם באָדן פון פאַלאַסיאָסן. עס איז אָבער בתנאי, אַז מ'זאָל פריִער שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַ געזעלשאַפט, וועלכע זאָל זיך אָפּגעבן מיט דער זאַך און פאַרוואַלטן מיטן געלט, וואָס דער באַראָן שיקט פאַר זיי.

"עס איז פאַררופן געוואָרן אַן אסיפה און ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט אויף זיך גענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר־באַנדערצוטיילן די הילף, וואָס ד"ר לעווענטאַל האָט זיי איבערגעגעבן — סײַ פאַר פערזענלעכע נויטן, ווי פאַר קאָלאָניזאַציע־ענינים. מ'האָט דער געזעל־

שאַפט אַ נאָמען געגעבן אין שפּאַניש: "Sociedad Cooperativa de Agricultores de Moisesville"
אין ייִדיש: „קאָאָפּעראַטיווע אַגראַר־געזעלשאַפט פון מאָזעסווילער לאַנד־אַרבעטער".
„ערשט דעמאָלט איז אָפיציעל דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען מאָזעסוויל.
„עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: יצחק הוראָוויץ, זלמן אַלעקסייניצער, אברהם יצחק גוטמאַן און גלאָסבערג.
„באַלד האָט דער ד"ר לעווענטאַל איבערגעגעבן צו דער קאָמיסיע פופצן טויזנט (15.000) פראַנק."

אפשר קלינגט הײַנט סימבאָליש דער נאָמען „קאָאָפּעראַטיוו פון מאָזעסווילער קאָלאָניסטן"; ס'איז אָבער אַ קאָנקרעטער באַווײַז, אַז אין 1891 איז דאָס וואָרט „קאָאָפּעראַטיוו" צום ערשטן מאָל פאַרשריבן געוואָרן אין די אַנאַלן פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע לויט אַ באַדינג פון דעם באַראָן הירש. פאַרשיידענע כראָניקער האַלטן, אַז זי איז געווען די פאַרגייערין פון דער „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ" פון מאָזעסוויל, וואָס איז ערשט געגרינדעט געוואָרן אין 1908.
פאַרצייכענען מיר דאָס ווי אַ קאָנסטאַנץ.

די געזעלשאַפטלעכע ראָל פון דער ייִקאַ בײַם אָרגאַניזירן די קאָלאָניסטן

די געשיכטע פון דער אַגראַר־קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס איז די געשיכטע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. די אַגראַר־קאָאָפּעראַציע איז אַ פּראָדוקט פון דער קאָלאָניזאַציע. זיי דערגאַנצן זיךביידע אויף אַלע געביטן: ווירטשאַפטלעך, עקאָנאָמיש, פינאַנציעל און קולטורעל. זייערע פּראָבלעמען זײַנען ענג פאַרבונדן און אָפּהענגיק איינע פון די אַנדערע אינעם קאַמף פאַר די אַלגעמיינע אינטערעסן, פאַרן לעבן און קיום פון די פּויערים אין דער נײַער היים, ווו מען האָט ערשט אַלץ געדאַרפט שאַפן און בויען און פאַרוואַנדלען די אומענדלעכע גרויסע און ווײַטע, פּוסטע און ווילדע סטעפּעס אין פּרוכטבאַרע ציוויליזירטע ייִשובים. אין יענער צײַט, צוריק מיט זיבעציק יאָר, איז אַלץ געווען אַנדערש: די נאַטור, דער קלימאַט, די מענטשן. די אַרבעט איז געווען אַזוי פּרימיטיוו ווי אין אדם הראשונס צײַטן. זומער איז געווען שרעקלעך הייס, ווינטער — שטאַרק קאַלט. דער „פּאַמפּעראָ" פלעגט אָפט בושעווען מיט זײַנע שטורעמדיקע ווינטן און רעגנס; פלעגט פאַרטריקענען אַלע אָזערעס, טײַכן און מיטשלעפּן די בהמות, פערד, שאָף, עופות צוזאַמען מיט די שטיבער און שײַערן. האָט ממש אַ תל געמאַכט פון די ערשט מיט שווערער מי אײַנגעריכטעטע ווירטשאַפטן. די אָפטערע האָגלען און יאָרן פון טריקעניש האָבן געהאַט אַ גרויסן חלק אין די שוועריקייטן, וואָס די קאָלאָניסטן האָבן איבערגעלעבט.

די זיבן יאָר, וואָס דער היישעריק איז כסדר געקומען, האָבן געלייגט דעם חותם פון די ערגסטע דורכפאַלן אין אַלע פּרווון פון פּיאָנערטום אין דער נייער באַשעפּטיקונג. עס וועט אונדז דעריבער אין אונדזער אַרבעט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קאָאָ־פּעראַציע אויסקומען אָפּטער צו שילדערן די מעטאָדן און פּראָצעדור פון דער יק"אַ אין איר קאָלאָניזיר־עמפּרעזע; דאָס לעבן פון די קאָלאָניסטן אין די בראשית־יאָרן, זייערע מניעות, שטרויכלונגען, קאַמפן, ליידן און שטרעבונגען, מפּלות און פּראָגרעס.

פריִער דער באַראָן הירש און אַ ביסל שפּעטער די יק"אַ האָבן געקויפט לאַנד גלייכצייטיק אין דריי פאַרשיידענע פּראָווינצן: בוענאָס־איירעס, ווו זי האָט געגרינ־דעט די קאָלאָניע מאָוריציאָ; אין סאַנטאַ־פע — די קאָלאָניע מאָזעסוויל און אין ענ־טרע־ריאָס — די קאָלאָניעס סאַן אַנטאָניאָ און קלאַראַ, ווײַט איינע פון די אַנדערע. דאָס צו אַראַנזשירן אויף אַזאַ צעשפּרייטן מהלך פון טויזנט קילאָמעטער איז צוגע־גאַנגען שווער און כאַאָטיש, אָן אַ שום פאָראויס באַשטימטן פּלאַן. דער טעמפּאָ האָט געמוזט זײַן אַ שנעלער, מחמת עס האָבן כסדר געשטראָמט גרויסע פּאַרטיעס אימי־גראַנטן און מ'האָט געדאַרפט, ווען אַפילו פּראָוויזאָריש, באַזעצן זיי און פאַרגרייטן פּלאַץ פאַר ווײַטערדיקע אַלץ נײַע פּאַרטיעס. דער עלעמענט אין אַלגעמיין און די פון דער שיף „פּאַמפּאַ", 800 נפשות, זײַנען געווען הענדלערס, מעקלערס, כלי־קודש, מענטשן מכל המינים: שוסטערס, שניידערס, טישלערס, שמידן, זייגערמאַכערס, שמוקלערס, מלמדים, שוחטים, כלי־זמר, פריזירערס, וואָס זײַנען געוווּנטשן פאַר אַ שטאָטישער באַפעלקערונג און נישט פאַר אַזאַ קאָמפּליצירטן שווערן פאַך ווי דאָס איז די קאָלאָניזאַציע אין די אַרגענטינער ווילדעניש.

אין אַזאַ מצב, בײַ יענע באַדינגונגען, האָט זיך געניייטיקט אַ סיסטעמאַטישע, גוט אויסגעשולטע אַדמיניסטראַציע, מיט אַ טעכנישן שטאַב פּראַקטישע אַנגעשטעל־טע פאַר אַגראַר־ענינים, פאַך־מענטשן, אַגראָנאָמען — אַלע יידישע מענטשן, — וואָס זאָלן זיך קאָנען צונויפיידן און פאַרשטענדיקן מיט די קאָלאָניסטן, צו וועלכע מ'האָט זיך געדאַרפט באַציִען ווי מיט קינדער, וואָס הייבן ערשט אָן צו גייען אין חדר אַרײַן... די אַרבעט צו אײַנאָרדענען לערך 2.000 נפשות אין מאָזעסוויל און אין מאָוריציאָ; אַ 3.000 אין סאַן אַנטאָניאָ און קלאַראַ — האָט געפאָדערט צײַט. מ'האָט געדאַרפט בויען הײַזער, ברונעמער, שײַערן, אַרומצוימען מיט דראָט די נחלות. דאָס קאָן נישט געטאָן ווערן אין איין טאָג און אויך נישט אָן אַ גוט באַשטימטן פּלאַן. אָבער באַזאָרגן מיט עסנוואַרג, באַלײַכטונג און אַן אָרט מיט אַ דאַך ווו אוועקצולייגן דעם קאָפּ, צו באַשיצן זיך פון די רעגנס, קעלט און היצן — איז געווען פון די עלע־מענטאַרסטע זאַכן; אַ דאָקטער, אַן אַפּטייק — פון די סאַמע ערשטע דרינגענדיקע נויטווענדיקייטן, ווײַל די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, די ווייניקע און אָפט שלעכטע נאַרונג, דער שווערער קלימאַט און אַנדערע פאַקטאָרן האָבן גורם געווען, אַז די קאָ־לאָניסטן, זייערע פרויען און קינדער, זאָלן אָפּטער קרענקען. איבערהויפּט די פרויען

האָבן אָנגעהויבן צו ליַידן פון אַ נערוון־צערודערונג. אָבער דאָס ערגסטע און דאָס שלימסטע איז געווען — די אַדמיניסטראַציע־באַדינונג.

אין 1892, בשעת דער גרויסער קאָלאָניזיר־טעטיקייט, איז אָנגעקומען קיין אַר־גענטינע דער קאָראָנעל ס. ה. גאָלדשמיד: ער איז געווען דער ערשטער דירעקטאָר פון דער יִיקאַ אין דער גענעראַל־דירעקציע פון בוענאָס־איַירעס. ווי אַ ספּרדישער ייִד, אַ מיליטער־מאַן, האָט ער פאַרשטאַנען נישט אַנדערש, אַז איבערן מיזרחדיקן ייִדישן „ערב רב” דאַרף הערשן אַ גוי, — האָט ער באַזעצט די גרעסערע און קלענע־רע צענטערן פון די קאָלאָניעס מיט ענגלענדער, בעלגיער, דיַיטשן, פראַנצויזן און שוועדן אַלס אַדמיניסטראַטאָרן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין שום אַנונג וועגן זייערע אויפגאַבעס; נישט געהאַט קיין פאַך־קענטעניש אין אַגראָנאָמיע; נישט פאַר־שטאַנען דעם באַראָן הירשס ריזיק ווערק און נאָך ווייניקער האָבן זיי באַנומען זיַינע הומאַניטאַרישע צילן דורך דער קאָלאָניזאַציע פאַר די גערודפטע ייִדישע מאַסן. זיי האָבן געוועלטיקט ווי אויבער־האַרן איבער זייערע שקלאַפן, נישט ווייניקער ווי אין די גוטע פעאָדאַלע ציַיטן אין מיטלאַלטער — מיט דער ביַיטש, מיט פּאָליציי, געשמיסן און באַליידיקט, אַרעסטירט פאַר דער מינדסטער קליייניקייט.

בכדי פאַרצושטעלן כאָטש אַ טייל פון יענע באַאַמטע און צו שאַפן אַ קלאָר בילד, ווי עס איז צוגעגאַנגען דאָס אַראַנזשירן די ערשטע קאָלאָניעס אין ענטרע־ריאָס, זיַינען אינטערעסאַנט די שילדערונגען, וואָס מ. טשערטקאָוו האָט פאַרעפנט־לעכט אינעם „ייִדישן קאָלאָניסט”, אין 1911, נומערן 17, 18, 19, 20 און 21 אונ־טערן טיטל: „זיכרונות פון אָנהייב קאָלאָניזאַציע אין קלאַראַ”. טשערטקאָוו איז גע־קומען קיין בוענאָס־איַירעס דעם 29סטן פעברואַר 1892 און איז קאָלאָניזירט גע־וואָרן נישט וויַיט פון דאָמינגעז. ער איז געווען דער פאָטער פון עטלעכע טעכטער, באַקאַנטע סאָציאַליסטקעס; איינע האָט חתונה געהאַט מיטן ד״ר אַדאָלפאָ דיקמאַן און איינע, פעניע, האָט חתונה געהאַט מיטן ד״ר ניקאָלאַס רעפעטאָ. מיר ציטירן נאָר די מער כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן. עס זיַינען דאָרט פאַראַן אַ סך האַרציַיסנדיקע און קאָמישע סצענעס:

„זייער אינטערעסאַנט איז געווען, אַז די „פּאַמפּיסטן” פלעגן זיך צוזאַמענ־נעמען אַ הונדערט פערזאָן און גיין אין הויף אַריַין, צום אַדמיניסטראַטאָר, מיט אים זיך איבערשמועסן. דאָס פלעגט זיַין אָפט, וויַיל וואָס צו טאָן האָט מען נישט געהאַט. זיי זיַינען געקומען אין הויף אַריַין גאַנץ פרי, אַרום 7 אַ זייגער. דער אַדמיניסטראַטאָר איז צו זיי אַרויסגעגאַנגען. ער איז געווען אַ הויכער, געזונטער ענגלענדער, שטענדיק מיט דער ליולקע אין מויל. ער האָט זיך קאַלטבלוטיק אַנידערגעשטעלט אין מיטן הויף. אַלע האָבן זיך געשטעלט אַרום אים. אַלע צוזאַמען האָבן גערעדט און געטענהט. ער איז געשטאַנען קאַלט־בלוטיק און זיך געשאָקלט, געקוקט יעדן אין די אויגן און נישט גערעדט קיין

קאַלאַניסטן, אָבער נאָר אייניקע ווערטער און נישט מער. ער האָט דעם קאַ־לאָניסטס פּנים נישט געזען און דער קאָלאָניסט האָט זײַן פּנים אויך נישט געזען. אַזוי איז דער קאָלאָניסט אַוועקגעגאַנגען און זיי האָבן נישט געוווסט איינער פונעם צווייטן״...

„שפּעטער מיט אַ קורצער צײַט איז געקומען נאָך אַ בעל־טובהניק, אַ גע־וויסער אינזשעניער ה׳ באַרגען. ער האָט געבויט די געוויסע הײַזער פון בלאָ־טע און ער איז נישט געווען בעסער פונעם אינספּעקטאָר טייטעל. אַז אייניקע קאָלאָניסטן האָבן זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז זיי האָבן שלעכטע הײַזער; די ווענט זײַנען נאַס און עס רינט אַרײַן; זיי פאַרקילן זיך און באַקומען רעאומאַ־טיזם אין די פיס; אַז זיי זײַנען נישט אין שטאַנד צו אַרבעטן, — האָט ה׳ באַרגען געענטפערט, „אַז דער איז נישט קיין קאָלאָניסט, וועלכער האָט נישט קיין רעאומאַטיזם״...

„אַן אינטערעסאַנטער פאַל איז פאַרגעקומען אין דער צײַט, ווען די קאָ־לאָניסטן האָבן גענומען אַליין בויען הײַזער. די ערשטע הײַזער האָט מען אָנ־געהויבן בויען פון דער ליניע „אבן הראשה״: פון דער ערשטער גרופּע. האָט אַ קאָלאָניסט אַן עצה געגעבן דעם אַדמיניסטראַטאָר ה׳ באָרן, אַז אַזוי ווי עס זײַנען דאָ אַ סך יונגעלײַט אָן פאַמיליעס, זאָלן זיי גיין העלפן אַרבעטן בײַ די הײַזער פון די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן פאַמיליעס. דעם אַדמיניסטראַטאָר איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן. ער האָט צונויפגערופן די יונגעלײַט און האָט עס זיי געזאָגט. די יונגעלײַט האָבן פאַרלאַנגט פונעם אַדמיניסטראַטאָר ער זאָל זיי געבן מאַטעריאַל, וועלן זיי בעסער בויען הײַזער פאַר זיך אַליין. גיין אַרבעטן צו יענעם אומזיסט ווילן זיי נישט. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט זיי דאַן געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן נישט פאָלגן וואָס ער באַפעלט, וועט ער זיי אַרעסטירן און שיקן קיין וויזשאַגווײַ. אָבער זיי האָבן אים נישט געהערט און נישט געגאַנגען אַרבעטן. אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי איז דער אַדמיניס־טראַטאָר אַרויסגעפאָרן צו דער באַן־סטאַנציע מיטן קאָמיסאַר, מיט וויזשי־לאַנטן (פּאָליציאַנטן), וועלכע ער האָט באַשטעלט פון וויזשאַגווײַ. פריִער פאַר זיי איז געריטן דער קאַסיר פון דער אַדמיניסטראַציע און דער ענגלענדער. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגע גראָבע בײַטש און איז געפאָרן שמײַסן די יונגעלײַט. דער אַדמיניסטראַטאָר מיט דער פּאָליציי האָבן זיך אָבער גאָר נישט געריכט אויף אַזאַ מפּלה ווי זיי האָבן געהאַט. די פּאָליציי האָט געוואָלט נעמען עטלעכע יונגעלײַט, נאָר אַזוי ווי דער אַדמיניסטראַטאָר

וואָרט. אַזוי האָט געדויערט ביז אַ זייגער 12, ווען ער האָט געדאַרפט גיין עסן מיטאָג. דאַן האָט ער זיי געענטפערט מיט די ווערטער: „איך פערשטייע ניכט"... ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק. דאָס איז געווען אַלע מאָל דער רעזולטאַט פונעם גיין אין הויף אַרײַן."

אומגעפער מיט אַ דרײַ חדשים שפּעטער, ווען די „פּאַמפּיסטן" זײַנען געקומען קיין קלאַראַ, איז געקומען דער קאָלאָנעל גאָלדשמיט, אַלס דירעקטאָר. געקומען איז ער אין אַ דינסטיק פֿאַרנאַכט, מיט דער באַן. פֿרײַטיק אין דער־פֿרי איז ער געקומען קיין דאָמינגעז זען די „פּאַמפּיסטן". דאַן איז ער געווען בײַ אונדז אין נאַראַנכאַס. זיצנדיק אין דעם קאָטש האָט ער זיך געגריסט מיט יעדן, געבנדיק די האַנט. ער האָט געשטעלט עטלעכע פֿראַגן און האָט גע־הייסן אַלע זאָלן קומען זונטיק אין דער פֿרי קיין באַלוואַנעראַ צו אים. זונ־טיק אין דער פֿרי זײַנען אַלע מענער געקומען און געשטאַנען אויפֿן פּלאַץ פֿון דער אַדמיניסטראַציע. אַרום צען אַ זייגער איז דער קאָלאָנעל מיט זײַן פֿרוי און מיט זײַנע צוויי טעכטער ראַכיל און כרמל (פֿון דאַנען די נעמען פֿון די צוויי קאָלאָניעס ראַכיל און קאַרמעל) און מיט אַלע אַדיוטאַנטן אַרויסגעפֿאָרן אויף פֿערד צו די קאָלאָניסטן. ער האָט געהייסן אַלע זאָלן זיך שטעלן אין איין זײַט און ער וועט ריידן. ער האָט אָנגעהויבן אַזוי:

„מײַנע הערן! איך בין אײַער גענעראַל און איר זענט מײַנע סאָלדאַטן!"...

„דאַן האָט ער געזאָגט נאָך אייניקע ווערטער און מיט דעם האָט זיך געענדיקט.

„עס זײַנען אַרויסגעטראָטן צוויי קאָלאָניסטן מיט בקשות, נאָר נישט אויף פּאַפּיר: איינער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער האָט פֿריִער מיט אַ נאַכט געגעכטיקט בײַ אַ שפּאַניער, האָבן זיי זיך פֿאַרביטן מיט די זאָטלען. ער האָט זיך עס ערשט אין דער פֿרי אַרומגעזען, שוין בײַ זיך אין דער היים. איז ער געלאָפֿן צום שפּאַניער, אָבער דער שפּאַניער הערט אים נישט. זאָל זשע דער קאָלאָנעל שיקן צום שפּאַניער אָפּנעמען דעם זאָטל...

„דער צווייטער האָט געבעטן: אַזוי ווי ער איז אַ יונגערמאַן און האָט אַ פֿרוי מיט אַ קינד און פֿילט זיך נישט גוט אין כוח צו אַרבעטן, זאָל דער קאָ־לאָנעל אים געבן אַ פּעאָן (געהילף־אַרבעטער). דערמיט האָט זיך אַלץ גע־ענדיקט..."

„באַלד נאָך אים (דעם קאָלאָנעל גאָלדשמיט) איז געקומען זײַנער אַ גע־נעראַל־אינספּעקטאָר, אַן ענגלענדער, ה' טייטעל. אין זײַן ביוראָ האָט ער אויפֿגענומען די קאָלאָניסטן נישט אַנדערש ווי זיצנדיק מיטן פּנים צו דער וואַנט און מיטן הינטער־חלק צום קאָלאָניסט. אַזוי האָט ער גערעדט מיט אַלע

מיטן קאָמיסאַר און די ווישילאַנטן זײַנען געשטאַנען אויפן פּלאַץ פון דער באַן־סטאַנציע און דאָרט אויף דער סטאַנציע זײַנען געלעגן גרויסע הויפנס מיט ציגל, — האָבן אַלע מענער, צוזאַמען מיט די פרויען, געכאַפּט די ציגל און אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן אין דעם אַדמיניסטראַטאָר און אין דעם קאָמיסאַר און די ווישילאַנטן אויף די פערד. מ׳האָט זיי אַלע צעשלאָגן די קעפּ, די פּנימער. איין ווישילאַנט איז אַראָפּגעפאַלן פונעם פערד, האָט מען בײַ אים צוגענומען די שווערד און צעבראָכן אויף צוויי שטיקער; מ׳האָט די שטיקער באַהאַלטן ביז אויף הײַנטיקן טאָג. אַז דער קאָמיסאַר האָט געזען וואָס פאַר אַ סוף ער האָט געהאַט, האָט ער טעלעגראַפירט קיין ווישאַגוועי, מ׳זאָל אַרויסשיקן נאָך ווישילאַנטן. אין דעם האָט זיך דער אַדמיניסטראַטאָר באַרעכנט וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן און וואָס עס קען דערפון אַרויסקומען. פאַר צרות האָט ער זיך צעוויינט און געבעטן די קאָלאָניסטן זיי זאָלן שטיל ווערן און זיך צעגיין... אין מיטן דערינען זײַנען אָנגעקומען נאָך ווישילאַנטן פון ווישאַגוועי. האָט דער אַדמיניסטראַטאָר געבעטן דעם קאָמיסאַר מיט די ווישילאַנטן, זיי זאָלן צוריקפאָרן. דער קאָמיסאַר האָט פאַרלאַנגט מ׳זאָל אים אָפּגעבן די צעבראָכענע שווערד. מ׳האָט זי נישט אָפּגעגעבן און אַלע זײַנען אַוועקגעפאָרן. די געשיכטע האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג״.

„דעם ערשטן טאָג חול־המועד פּסח האָט אַ קאָלאָניסט געזאָגט, אַז ער גייט צופוס קיין סאַן אַנטאָניאָ, כמעט אַכציק קילאָמעטער, ברענגען מצות פאַר אונדז. ער איז געקומען קיין סאַן אַנטאָניאָ און האָט עפּעס נישט אַזוי געענטפערט דעם ענגלענדער אויף אַ פראַגע (אויך דאָרט איז געווען אַדמיניסטראַטאָר אַן ענגלענדער), האָט ער אים געהייסן בינדן און איז אַזוי אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג. יענער האָט געזאָגט: „ווער עס וויל מצות, זאָל אַליין גיין קיין סאַן אַנטאָניאָ״...

מיר האָבן איבערגעגעבן נאָר אַ פּאָר מוסטערן, דערציילט פון אַן עדות־ראיה, וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם גרינדונג־פּעריאָד פון באַראָן הירשס קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון דער יק״א. ווען מ׳לייענט אויפמערקזאַם מ. טשערטקאָווס „זיכרונות פון אַנהייב קאָלאָניזאַציע אין קלאַראַ״, באַקומט זיך דאָס בילד פונעם כאַאָס, וואָס האָט געהערשט אין די ערשטע עטלעכע יאָר, ווען די אויספירער און די קאָלאָניזירטע האָבן זיך באַוועגט אַן אַ רודער. ביידע צדדים האָבן נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן זייערע אויפגאַבן. ס׳האָט זיך נישט געשאַפן קיין סטאַטוס פון סטאַבילערווירטשאַפט פאַר די עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע באַדערפענישן,

מחמת די „פּראָדוקציע", — אויב מ'האָט בכלל געקאָנט באַנוצן דעם טערמין, — איז נאָר געווען דער גוטער ווונטש פון אַ טייל אידעאַליסטן, וועלכע האָבן נאָך געטאַפּט אין דער פינצטער און אומאָפּהענגיק און זעלבשטענדיק געמאַכט אַלערליי עקספּערימענטן צו באַפרײַען זיך פון דער אַדמיניסטראַציעס ווילטעטיקער שטיצע, וועלכע איז צוגעטיילט געוואָרן ווי קצבה און נישט ווי אַ קאָנסטרוקטיווע ערשטע מיטהילף, ביז די פעלדער וועלן געבן די אויסגעקוקטע תבואות־פּראָדוקציע. אין אַזעלכע אומשטאַנדן איז דער באָדן פאַר אַ וועלכער עס איז סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע נאָך נישט געווען רײַף, הגם די קאָלאָניעס האָבן פאַרמאָגט אַ גענוגנדיקע צאָל אינטעליגענטע כוחות, וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט אין אַ רויער סביבה פון אַ ווײַט פאַרשיידנאַרטיקן עלעמענט: פון עגאָיסטן, עם־הארצים און סקעפּטיקער פאַר יעדער גוטער איניציאַטיוו.

אין 1895 איז דער קאָלאָנעל גאָלדשמיט אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן און אין די העכערע ספערן פון דער יִקאַ האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נײַע ווינטן. די קאָלאָניזאַציע מיט די גויִשע אַדמיניסטראַטאָרס האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון לעבן און פּראָגרעס. דאָס האָבן באַלד אײַנגעזען די אָנפירערס פונעם צענטראַל־קאָמיטעט אין פּעטערבורג. צו פאַרוואַלטן מיט דער קאָלאָניזאַציע פון די רוסישע יִדן קאָנען נאָר אָנגעשטעלטע יִדן פון רוסלאַנד גופא. אָבער דערצו האָט מען געדאַרפט די צושטימונג פונעם פאַריזער צענטראַל־ראַט און פונעם באַראָן הירש אַליין. וועגן דעם עִנין זײַנען פאַראַן זייער אַ סך אינטערעסאַנטע שטעלן בײַ אַ. אַלפּערין אין זײַן אַרבעט „אין די ערשטע יאָרן" [4]. מיר ציטירן מיט קירצונגען נאָר די וויכטיקסטע:

„דער פּעטערבורגער קאָמיטעט האָט געוואָלט האָבן אַן אײַנפלוס אויך אויפן אָרט אין אַרגענטינע, בײַם אײַנאָרדענען די קאָלאָניסטן, און נישט נאָר זײַן באַגרענעצט מיט דער ראָל פון אויסקלײַבן און אַרויסשיקן די עמיגראַנטן. ער האָט געוואָלט האָבן אַ פאָרשטייער אין אַרגענטינע. נאָך די באַמיִונגען בײַם ראַט פון דער יִקאַ און בײַם באַראָן הירש, האָט דער לעצטער באַשלאָסן, אײַנצולאַדן אין דער אַדמיניסטראַציע פון דער יִקא אין אַרגענטינע אַ פאָרשטייער פון די רוסישע יִדן. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף דעם כעמיקער בירקהיים, וועלכער איז דאַן געווען גוט באַקאַנט אין מאָסקווע. באַלד נאָך אים איז אײַנגעלאַדן געוואָרן אַלס הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר אינזשיניער מאַקסים קאָגאַן פון מאָסקווע, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג אין הילף־אַרבעט פאַר יִדן. ער איז געווען דער אָנפירער פון ניט־אָפיציעלן הילף־קאָמיטעט פאַר די יִדן, וואָס זײַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון מאָסקווע, בעת דעם טרויעריק־באַרימטן גירוש פון יאָר 1891. ער איז געווען אַ

---

[4] א. אלפּערין (פּאַריז), אין די ערשטע יאָרן — פּאַריז־אַרגענטינע — בײַם אָנהייב פון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע; יובל־בוך פון „די אידישע צײַטונג" (זײַט 145, ב. איירעס, 1939.

מענטש מיט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט, פול מיט ענערגיע, אונטערנעמונגס־גײַסט, אַ דרייסטער, גרייט זיך מקריב צו זײַן פאַר דער זאַך, וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אַרײַנגעוואָרפן אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די אַרויסגעשיקטע פון מאָסקווע, אַז ער האָט דעמאָלט געהאַט אַוועקגעוואָרפן זײַנע פּערזענלעכע ענינים און זײַן גאַנצע צײַט אָפּגעגעבן לטובת די אומגליק־לעכע". (מיר לאָזן אויס די איבעריקע שטעלן צו זײַן כאַראַקטעריסטיק).

אַוודאי איז אַזאַ מענטש ווי אינזשיניער מאַקסים קאַגאַן געווען אַן אויסגע־צייכנטער און פּאַסיקער פּאַרן אַמט פון דירעקטאָר אין אַרגענטינע, בשעת דער ערשטער גרויסער תקופה פון באַראָן הירשס קאָלאָניזאַציע. אָבער איבער אומבאַ־ווּסטע טעמים האָט ער אַמטירט אַ קורצע צײַט.

„פאַר וואָס איז אינזשיניער קאַגאַן פון מאָסקווע, וועלכער האָט אויף זײַן הויכן פּאָסטן אייגנטלעך געדאַרפט זײַן בײַם אויפבוי פון די קאָלאָניעס אין אַרגענטינע דער פאָרשטייער פון די רוסישע יידן, פאַר וועלכע די גאַנצע אַקציע איז געווען באַשטימט, — פאַר וואָס איז ער פאַרבליבן אויף דעם דירעקטאָרן־אַמט אַזאַ קורצע צײַט? (ס'איז ניט אָנגעגעבן די צײַט — ב. ה.). אין דעם באַ־ריכט פון אַדמיניסטראַטיוון ראַט פון דער יִק"א ווערט זײַן אַוועקגיין שטאַרק באַדויערט. עס ווערט וועגן דעם איבערגעגעבן:

„אינזשיניער מאַקסים קאַגאַן האָט פאַרלאָזן זײַן אַמט, ניט קוקנדיק אויף די שטאַרקע ביטעס, אַז ער זאָל בלײַבן אין בוענאָס איירעס און זאָל אָנפירן מיט דער אַרבעט, צוזאַמען מיט די אַנדערע דירעקטאָרן. מיר באַדויערן זײַן אָפּפאָר. מיר אָנערקענען, אַז ער האָט פיל אויפגעטאָן אין די פאַרשיידענע אָפּ־טיילונגען פון דער יִק"א־אַדמיניסטראַציע אין אַרגענטינע.

„צו דער דאָזיקער פעסטשטעלונג ווערט צוגעגעבן: „עס איז איצט זייער שווער צו געפינען די קוואַליפיצירטע מענטשן פאַר אָנפירן מיט דער אַרבעט אין אַרגענטינע; אָבער אַ דאַנק דער הילף פון דער „אַליאַנס איזראַעליט" וועלן מיר געפינען די פּאַסנדיקע פּערזאָנען. די דערפאַרונג האָט אויך דערוויזן, אַז איין דירעקטאָר איז צו ווייניק אין בוענאָס איירעס. אויב ער ווערט קראַנק, אָדער ער פאָרט אָפּ, ווערט די אָנפירונג אָנפאַרטרויט צו געוויינלעכע באַאַמטע, וועלכע די געזעלשאַפט קען אַפילו ניט. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אין בוענאָס איירעס אַ דירעקטאָרן־ראַט פון דרײַ מיטגלידער. איינער פון זיי איז ה' סאַמועל הירש, געוועזענער דירעקטאָר פון דער לאַנדווירטשאַפטלע־כער שולע אין יפו. דער צווייטער איז ה' דוד קאַזעס, דירעקטאָר פון די שולן פון דער „אַליאַנס איזראַעליט" אין טוניס. וועגן די נײַע דירעקטאָרן ווערט געזאָגט אין באַריכט: „די פאַרגאַנגענהײַט פון די צוויי הערן איז אַ גאַראַנטיע פון זייער איבערגעגעבנקייט; זייער פעיִקייט איז גרויס און זיי וועלן זיכער זײַן אויף דער

הייך פון זייער אויפגאַבע. מיר זוכן אַ דריטן דירעקטאָר; דערווײַל האָבן מיר נאָך נישט געפונען; אָבער מיר האָפן צו געפינען".
אַ ביסל ווײַטער ווערט געזאָגט:

„ניט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן אַנטוויקלט זיך אונדזער ווערק. קיין שום ענדערונג אין דער דירעקציע איז ניט פּאַרגעקומען.ביידע דירעקטאָרן זײַנען זייער איבערגעגעבענע דער אַרבעט. בכדי נאָך צו פאַרשטאַרקן אונדזער שטאַב אין בוענאָס איירעס האָבן מיר אַנגאַזשירט דעם רוסיש־יידישן אַגראָנאָם לאַפּין און דעם דערפאַרענעם אינזשיניער מיטעלמאַן. עס איז באַדײַטנד פאַרקלענערט געוואָרן דער פּערסאָנאַל פאַר דער אַדמיניסטראַציע און קאָנטראָל פון די קאָלאָניעס און מיר האָפן אים נאָך צו פאַרקלענערן".

„דער באַריכט באַרירט דאָן די פראַגע וועגן די שוועריקייטן, וואָס שטעלן זיך בכלל, בכדי צו האָבן פּאַסיקע פּערזאָנען אין דער לײַטונג:

„עס איז שווער צו געפינען פּאַסיקע אַדמיניסטראַטאָרן. זיי מוזן קענען, אַ חוץ שפּאַניש, אויך די שפּראַך פון די קאָלאָניסטן, זייער כאַראַקטער און געוווינהייטן, דאַרפן האָבן אויטאָריטעט אאַז״וו. נאָר צוויי אַזעלכע אַדמיניסטראַטאָרן האָבן מיר. אָבער מען דאַרף געפינען אַזעלכע פּאַסיקע פאַרוואַלטערס פאַר אַלע קאָלאָניעס. און דאָס איז ניט פון די קלענסטע שוועריקייטן אין דער אַלגעמיינער לאַגע פון די קאָלאָניעס".

עוסעביאַ (יהושע) לאַפּין האָט באַלד בײַ זײַן אָנקומען קיין בוענאָס איירעס, נאָך קאַל. גאָלדשמידס אָפּפאָרן פון אַרגענטינע, פאַרנומען דעם אַמט פון גענעראַל־אַדמיניסטראַטאָר אין דער קאָלאָניע מאָוריציאָ. בכדי צו פאַרשפּאָרן איבערצוחזרן אַלעמענס מיינונג וועגן דעם אויסגעקוקטן רוסישן ייִדן אין דער שפּיץ פון די יק"א־קאָלאָניעס — פריִער אין מאָוריציאָ און שפּעטער אין ענטרע־ריִאָס — וועלן מיר ציטירן מרדכי אַלפּערסאָנס עטלעכע קיצורים פון זײַנע מעמואַרן. אַלפּערסאָן ווידמעט אים גאַנצע צוויי קאַפּיטלען. דער טיטל פון קאַפּיטל 58, איז: „דער דיקטאַטאָר יהושע לאַפּין" און דער טיטל פון קאַפּיטל 60 איז: „לאַפּין — אַ דימענטענער מענטש".
אין קאַפּיטל 58 שרײַבט ער:

„ניט ווי פריִער, מיט אַ יאָר, רײַטנדיק אויף אַ קליאַטשע, אַלס אָרעם ליטוואַקל, — אָן אַגראָנאָמל מיט אָפּגעריבענע כאַליעוועס — איז דאָס צווייטע מאָל צו אונדז לאַפּין געקומען; נאָר אַלס הערשער, אַלס דער אדון, דער קייסער לאַפּין... האָבנדיק אַ פולמאַכט פונעם באַראָן הירש אַליין, איז ער געקומען אַלס „סאַמאָדערזשאַוועץ" צום באַפעלן איבער לעבן און טויט... צו שאַפן, וואַרפן, בויען, טאָן וואָס זײַן האַרץ וועט גלוסטן...

„אין קאָלאָניע רעשט, עס קאָכט און זידט און דער דיקטאַטאָר האָט געטאָן ווי אַן עכט רוסישער נאַטשאַלניק: האָט צוערשט אָנגעיאָגט אַ מורא אויפן עולם. האָט אַ פּחד, אַ טעראָר אויף יעדן אָנגעוואָרפן און אַזוי אַרום אַלעמען אין האַנט אַרײַן באַקומען.

„ער אַליין האָט פון צווישן די קאָלאָניסטן אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, זיי געקרוינט מיטן טיטל פון פאָרשטייער, כדי זיי זאָלן אים מיטהעלפן זײַנע פּלענער אַדורכצופירן.

„דעם אמת זאָגנדיק, איז ער געווען אַ גרויסער פּאָליטיקאַנט און האָט אונדזערע ייִדעלעך גוט געקענט... געוווּסט האָט ער אויך, אַז כדי צו האַקן די ביימער פון וואַלד, מוז מען דאָס הענטל נעמען פון די זעלבע ביימער... די האַק אַליין, אָן דעם הילצערנעם הענטל — האַקט נישט.

„אַלס זײַן ערשטן מיניסטער און בעל־יועץ כלומרשט האָט ער געמאַכט טאַקע דעם גרעסטן פּראָפּאַגאַנדיסט קעגן דער יק״א. ער האָט אים דערקלערט פאַרן ראש פון זײַן קאָמיסיע און דערצו נאָך אים אַ שטעלע צוגעזאָגט אין זײַן רעגירונג. דערמיט האָט ער צווייפאַך געוווּנען: געפּטרט אַ קעגנער און באַקומען אַ מיטהעלפער, וואָס זוכט נישט מער ווי אַ ביסל כבוד און האָט, לויט זײַן כאַראַקטער, פּשוט ליב די נאַגאַיקע אין האַנט צו האַלטן: טופּען מיט די פיס אויפן רוסישן שטייגער און זיך בייזערן אויפן אָרעמען אימיגראַנט...

„מיט פינף ראשים האָט ער דעם נײַעם מזבח פון דער קאָלאָניזאַציע אויפגעבויט און דאָס שלאַכטערײַ האָט זיך אָנגעהויבן.

„דער כהן־גדול, לאַפּין אַליין, האָט פאַר זײַן אייגענעם ריח ניחוח שוין צוגעגרייט דרײַ קרבנות, וועלכע ער האָט נאָך מיט אַ יאָר פריִער אין זײַן ביכעלע פאַרצייכנט. מיט זיי האָט ער חנוכת המזבח געמאַכט.

„ישראל ליסין, משה סאַפּיאַן און מאיר האָניק זײַנען געפאַלן אַלס די ערשטע קרבנות.

„די קאָמיסיע־לײַט האָבן די הענט אויף זייערע קעפּ אַרויפגעלייגט: „סמיכה״, ווי דער דין איז, געגעבן און זיי גלײַך אָפּגעקוילעט. אָן טענה־ומענה, זיי אַפילו פאַרויס ניט מעלדנדיק, ניט לאָזנדיק זיי אַ וואָרט אויסריידן, האָט מען די דרײַ משפּחות אַרויסגעשלײַדערט אויף די פּורן און פון קאָלאָניע משלח געווען״.

און אָט וואָס אַלפּערסאָן שרײַבט אין קאַפּיטל 60:

„לאַפּין איז געווען אַ מענטש מיט אַ פעסטן, געזעצטן, טעמפּעראַמענט. אַ מושל, טאַקע אַ זעלבסטהערשער — אָבער אַן ערלעכער כאַראַקטער און האָט אין תוך אַרײַן ליב געהאַט דעם קאָלאָניסט. ער איז נאָר פאַרגיפטעט

געווען מיטן סם פון דער רוסישער ביוראָקראַטיע, און פונקט ווי די גאַנצע פּאַרדאָרבענע קליקע זייערע, האָט ער אויך געדענקט, אַז דער אָרעמאַן דאַרף זײַן צופרידן מיט די ביינער, וואָס ער געפינט צום לעקן אונטער די טישן פון די גדולים... ווײַל די וועלט איז דאָך באַשאַפן געוואָרן נאָר פאַר זיי, פאַר די פּריווילעגירטע יחסנים...

„ווי אַ געניטער גענעראַל האָט ער די טאַקטיק געפירט און די שלאַכט געוווּנען: די בטלנים — ווי ער האָט זיי אָנגערופן — אַרויסגעפּטרט. דעם שמוץ וואָס בערקנהיים (אַ פריערדיקער אַדמיניסטראַטאָר — ב. ה.) האָט איבערגעלאָזט, אָדער פאַרזען, האָט ער אויסגעראַמט...

„אַ ריינע, אַ געזונטע דאַרף מאָוריציאָ זיין! — פלעגט ער זאָגן, — דאָ איז ניט דער פּלאַץ פאַר גנבים, זונות און פאַר שנאָרערס״...

אין 1896, נאָך דעם ווי לאַפּין האָט אײַנגעפירט אין מאָוריציאָ אָרדענונג, האָט מען אים איבערגעפירט קיין ענטרע־ריִאָס, אַלס גענעראַל־אַדמיניסטראַטאָר פון אַלע דאָרטיקע קאָלאָניעס. דער זיץ־אָרט פון דער אַדמיניסטראַציע איז געווען אין באַל־וואַנעראַ, פון דער קאָלאָניע קלאַראַ, ניט ווײַט פון דאָמינגעז. די קאָלאָניע איז קוים אַלט געווען פיר יאָר און האָט געליטן פון אַלע אויסגערעכנטע פּורעניותן, האָט גענומען שטיצע, אָנגעהויבן צו אַרבעטן און צו האָפן אויף בעסערע צײַטן. לאַפּין, ווי מיר ווייסן שוין פון מאָוריציער פּראַקטיק, איז געווען אַן אַגראָנאָם, האָט ער געהאַט בעסערע ידיעות אין אַגריקולטור ווי אַלע אַנדערע אַדמיניסטראַטאָרס וואָס פאַר אים. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָנסטרוקטיוון צוגאַנג און געזוכט אַרויפצופירן די קאָלאָניסטן אויפן וועג פון פּראָדוקטיוויזאַציע. ער האָט אויך דאָ אָנגעהויבן דורכ־צופירן אַ רעוויזיע און געמאַכט אַ רייניקונג פון די אומטויגבאַרע עלעמענטן פאַר דער קאָלאָניזאַציע. לערך אין 1899, נאָך אַ דרײַ־יאָריקן אַמטירן אין קלאַראַ, האָט ער אָנגעהויבן פּלאַנירן צו אָרגאַניזירן די קאָלאָניסטן ווירטשאַפטלעך, עקאָנאָמיש און פינאַנציעל. עס איז נישט געווען די רייד פון אַ קאָאָפּעראַטיוו. עס איז מער געווען אינעם אינטערעס פון דער יִקאַ צו שאַפן פאַר די קאָלאָניסטן אַ געזעלשאַפט, אַ מין לײַ־קאַסע, דורך וועלכער זיי זאָלן זיך אַרויסהעלפן פינאַנציעל, זאָלן זיך באַוועגן זעלבשטענדיק און זיך צוגעוווינען אַליין צו זאָרגן פאַר זייערע אינטער־רעסן. היות אָבער לאַפּין האָט געשטרעבט צו אָפּשאַפן די שטיצע, האָט די מער־הײַט קאָלאָניסטן אַרויסגעוויזן דעם ערשטן ווידערשטאַנד.

אָבער די גרויסע מניעה איז געווען די זעלבסטהערשערישע האַלטונג פון לאַפּי־נען גופא. די קאָלאָניסטן זײַנען געווען ביז דעמאָלט אָרגאַניזירט אויפן פּרימיטיוון דאָרפישן שטייגער פון דער אַלטער היים. אַלע אָנהייב יאָר האָבן די קאָלאָניסטן געמאַכט אַן אסיפה, דעם טראַדיציאָנעלן „סכאָד״, און באַשטימט אַ צאָל דעלעגאַטן

פאַר יעדער קאָלאָניע, וועלכע פלעגן אויספירן אַלע שליחותן פון די פויערים מיט דער יק״א און באַזאָרגט אַלע אַנדערע ענינים פון סאָציאַלן, קולטורעלן, רעליגיעזן און „יורידישן" כאַראַקטער. די דעלעגאַטן, פּערציק אין צאָל, פלעגן זיך פאַרזאַמלען פּעריאָדיש אין דער אַדמיניסטראַציע. לאַפּין האָט געדאַרפט אויפנעמען די אַנצאַ־ליקע בקשות מכח ווירטשאַפטלעכע ענינים, סכסוכים, מחלוקתן צווישן שכנים, רעקלאַמעס, וואָס האָבן שטאַרק באַלאַסטעט די טעגלעכע אַרבעט. ער האָט געהאַנדלט שטרענג און זעלבסטהערשעריש. ער אַליין האָט געפרעגט און אַליין געענטפערט. די דעלעגאַטן זײַנען כמעט קיין מאָל נישט געקומען צום וואָרט. ער איינער איז געזעסן און די דעלעגאַטן זײַנען געשטאַנען אַרום טיש. די „סעסיעס" האָבן זיך געפירט אין דרויסן. פון דער דאָזיקער האַנדלונג האָבן זיך די דעלעגאַטן געפילט באַליידיקט. אויב אַפילו דער רוב איז באַשטאַנען פון פּאַלקסטימלעכע מענטשן, זײַנען צווישן זיי אויך געווען גאַנץ פײַנע אינטעליגענטע יידן. דעריבער ווען לאַפּין פלעגט פאַר־ברענגען עפּעס אַ פּראָיעקט, האָבן זיך די קאָלאָניסטן באַצויגן סקעפּטיש, מיט אומ־צוטרוי און אַפילו יעדע גוטע איניציאַטיוו, יעדער קאָנסטרוקטיווער פּלאַן, וואָס לאַ־פּין פלעגט פאָרלייגן, איז נישט אָנגענומען געוואָרן. בכיוון אָדער פאַר מורא זײַנען די פּלענער פון אָרגאַניזאַציע שטענדיק דורכגעפאַלן.

קלאַראַ איז נישט מאָריציאָ, און וועגן דעם אין אַ ווײַטערדיקן קאַפּיטל.

דער ערשטער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַראיין פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל
(Primera Sociedad Agrícola Israelita)

דאָס יאָר 1900 איז געווען דעצידירנדיק פאַרן גורל פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע אין די יידישע קאָלאָניעס. דאָס וואָס לאַפּינען איז גאַנצע פיר יאָר ניט געלונגען צו רעאַליזירן אין דער קאָלאָניע קלאַראַ, האָט עס דערגרייכט מיט גרויס דערפאָלג דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, לעאָן נעמיראָווסקי, וועלכער האָט זיך דער ערשטער אידענטיפיצירט מיט לאַפּינס גדאַנק. נעמיראָווסקי האָט פאַרוואַלטעט מיט דער קאָלאָניע לוסיענוויל גלײַכצײַטיק מיט לאַפּינען — פון 1897 ביז 1904. און כאָטש לאַפּין איז געווען גענעראַל־אַדמיניסטראַטאָר און נעמיראָווסקי — אַן אונטערגעאָרדנטער און געדאַרפט אויספירן לאַפּינס באַפעלן, האָט ער געהאַט אַ געוויסע אויטאָנאָמיע פאַר זײַן דינסט, מחמת די קאָלאָניע לוסיענ־וויל איז געווען אָפּגעטיילט פון קלאַראַ אויף אַ מהלך פון אַריבער 50 קילאָמעטער און די קאָלאָניע קלאַראַ איז דערצו אויך געווען צעשפּרייט אויף הונדערטער קילאָ־מעטער, — האָט יעדער גרעסערער צענטער זיך באַוועגט אויף אַזוי ווײַט פרײַ, אויף וויפל די דרינגענדיקע קאָלאָניסטישע אינטערעסן האָבן געפאָדערט אַ שנעלע לייזונג.

די סיבות פון לאַפּינס דורכפאַל און נעמיראָווסקיס דערפאָלג, צו אָרגאַניזירן געזעלשאַפטלעך די קאָלאָניסטן, איז באַשטאַנען אין די אופנים וואָס יעדער פון זיי האָט גענוצט אין דער באַנעמונג מיט די פויערים.

לאַפּין האָט אוודאי געמיינט ערנסט מיט זײַנע פּלענער, אַרויסצופירן די קאָלאָניסטן פון דער קלעגלעכער לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן אָפּגעלעבט צען יאָר. די שטיצע, וואָס די יזקא האָט פאַר זיי אויסגעטיילט, האָט געפירט מער צו דעמאָראַליזאַציע ווי צו פּראָדוקטיווער פּראַצע; צו אַ לעבן פון אייגענער אַרבעט אין דער ווירטשאַפט. זײַן שטרענגע האַנדלונג (איך הייס, איך באַפעל, איך וויל נאָר אַזוי, ווײַל דאָס איז מײַן ווילן) האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג. אמת, אַ טייל פּויערים האָט זיך אַזוי ווײַט אײַנגעלעבט אינעם גײַסט פון דער שטיצע און אָפּגעקומען מיט דעם, וואָס אַנדערע האָבן געאַרבעט... אָבער געווען שוין אַ גרויסע מערהײַט, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אינעם געראַנגל קעגן אַלע פּלאָגן, זיך אײַנצולעבן אין דער קאָלאָניזאַציע, נישט ווי איינפאַכע ערד־אַרבעטער, נאָר ווי אמתע אידעאַליסטן, מיט פּלענער פון גרויסן פאַרנעם, פאַר ווירטשאַפטלעכן פּראָגרעס. דאָס צו דערגרייכן האָט געפאָדערט פאַרשטענדעניש, טאָלעראַנץ, הילף, גוטע באַציִונגען פון ביידע צדדים; טעכנישע עצות, אין וואָס די קאָלאָניסטן האָבן זיך אַממערסטן געניייטיקט. פּסיכאָלאָגיע האָט אויך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. מען האָט געדאַרפט געפינען אַ קעגנזײַטיקן צוטרוי פאַר אַ „מאָדוס וויוועינדי”. די קאָלאָניסטן — אַ גרויסער טייל באַוווסטזיניקע און אויך אינטעליגענטע מענטשן, — האָבן זיך דערנענטערט צו לאַפּינס פּלענער, אָבער נישט צו לאַפּינען אַלס מושל. אויב די שטיצע האָט געווירקט דעמאָראַליזירנדיק, האָט זײַן באַנעמונג באַליידיקט און דערנידעריקט... אָבער וועגן לאַפּינען און זײַנע ווײַטערדיקע פּלענער, ווי פון זײַנע נאָכפאָלגער — דאָס איז שוין אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס מיר וועלן נאָך באַהאַנדלען.

גאַנץ אַנדערש איז געווען לעאָן נעמיראָווסקיס פּראָצעדור, זײַן אופן פון אַדמיניסטרירן אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל. ווען אַפילו אידענטיפיצירט מיט לאַפּינס געדאַנק, אַז ס'איז שוין צײַט אָפּצושטעלן די שטיצע און אָרגאַניזירן די קאָלאָניסטן געזעלשאַפטלעך און עקאָנאָמיש, טאָר מען אָבער אויך די ווירטשאַפטלעכע לאַגע נישט פאַרזען, מחמת פון איר זײַנען אָפּהענגיק, קודם־כל, אַלע לעבנס־אינטערעסן און דער עצם קיום פון דער קאָלאָניזאַציע.

דער אַדמיניסטראַטאָר לעאָן נעמיראָווסקי, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז געקומען אויף זיין פּאָסטן צו דער יזקא ניט אַלס פּשוטער באַאַמטער, נאָר ווי אַן אידעאַליסט פאַר דעם באַראָן הירשס הומאַניטאַרער אונטערנעמונג אין דער אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע. אַ רוסישער ייִד, ווי לאַפּין, האָט ער בעסער באַנומען די לאַגע פון די רוסישע ייִדן און איז בפירוש געווען אַ זעלטענער אויסנאַם פון אַ סך אַנדערע. ער האָט גוט אויפגעפאַסט דאָס קאָלאָניסטישע פּראָבלעם און מיט פאַר־

שטענדיקע אויסגעפירט זײַנע שליחותן פון דער ייִקאָ בײַ די קאָלאָניסטן. אַ הויך־געבילדעטער און אינטעליגענטער מענטש, אַן אַגראָנאָם פון פאַך, מיט זײַן נאָבעלן כאַראַקטער — האָט ער באַלד געשאַפן צוטרוי אין דער קאָלאָניע. ער האָט געהאָלפן די קאָלאָניסטן מיט ראַט און טאַט, ווי אַ פרײַנד. אָפט מאָל האָט ער פאַרקוקט אויף אַ שטרענגער פאַראָרדענונג פון לאַפינען, צו גונסטן די קאָלאָניסטן, אַפילו ווען עס איז נעמיראָווסקין ניט שטענדיק געלונגען צו לייזן בשלום דער ייִקאָס פאַראָרדענונגען לטובת די קאָלאָניסטן. האָבן די פּויערים נישט געפירט קיין רוגז מיט אים און ס'איז ניט געקומען צו ערנסטע אינצידענטן, ווי שפּעטער, נאָך אים.

אַלס אַגראָנאָם האָט ער געגעבן עצות, גאַנצע לעקציעס וועגן די קולטיוון, ווי אַזוי צו אַקערן, ווי צו זייען די תבואות; וועגן די אופנים ווי אַזוי אומצוגיין מיט די בהמות, עופות און זיי צו קורירן פון עפּידעמיעס, חולאתן און בכלל ווי אַזוי צו באַאַרבעטן אַ גאָרטן פאַרן היימישן געברויך. די קאָלאָניסטן פלעגן ניט פּראָדוצירן קיין גרינצײַג און פלעגן קויפן פון דרויסן. מען האָט אויסגעבראַכט די אָרעמע סענטן, וואָס האָבן אויסגעפעלט אין די קאָלאָניסטישע היימען כמעט אַ גאַנץ יאָר. אויך אין דעם זין איז ער געווען אַן אויסנאַם פון אַנדערע אַדמיניסטראַטאָרס מיט טיטלען פון אַגראָנאָמען, וועלכע האָבן קודם־כל פאַרטיידיקט די אייגענע פּאָזיציע און נישט די אינטערעסן פון די קאָלאָניסטן. אָט די אַלע אייגנשאַפטן האָבן גורם געווען צו אָפּטערע באַגעגענישן מצד אַ טייל באַוווסטזיניקע קאָלאָניסטן מיט נעמיראָווסקין. מ'האָט געפירט דיסקוסיעס וועגן דעם צושטאַנד אין דער קאָלאָניע, וועגן דער לאַגע פון די קאָלאָניסטן און וועגן דער צוקונפט פון דער קאָלאָניזאַציע.

די קאָלאָניע לוסיענוויל איז געגרינדעט געוואָרן אין 1894. זי האָט אויך דורכגעמאַכט אַלע שווערע קריזיסן פון עפּידעמיעס אויפן פי, אַ סך רעגנס, פאַרפלייצונגען, טריקענישן, האָגל, היישעריקן, — אַזוי ווי אַלע אַנדערע קאָלאָניעס אין ענטרע ריאָס. אויך דאָ האָבן די קאָלאָניסטן געמוזט אויסנוצן די שטיצע פון דער ייִקאָ, צוליב די שווערע גורמים, וואָס האָבן פאַראורזאַכט די טרויעריקע עקאָנאָמישע לאַגע. פון דער שטיצע אַליין האָט מען געוויינטלעך נישט געקאָנט אָנפירן אַ ווירטשאַפט, וואָס האָט פאַרלאַנגט קאַפּיטאַלן פאַר אינוועסטיציעס, ווי: אַקערן און פאַרזייען גרעסערע לאַנד־שטחים, אַרבעט־מכשירים, קי פאַר מילך, קעז און פּוטער פאַרן היימישן געברויך און צום פאַרקויפן, איבערהויפּט אַ גרעסערע צאָל מעלק־קי אויף צו באַקומען אַ גרויסע צאָל ליטער מילך טעגלעך, וואָס עס פלעגן אָפּנעמען די אַזוי־גערופענע „לעטשעריִעס", מילך־פאַבריקן, וואָס פלעגן עס אינדוסטריאַליזירן אין סמעטענע און פּוטער, וואָס פלעגט אַרײַנברענגען עטלעכע פּעזעס חודשלעך (זיי פלעגן דעמאָלט צאָלן פון איין ביז צוויי סענטאַוואָס אַ ליטער, לויט דער פעטקייט על פּי אַנאַליז), אַ קליינע סומע, וואָס האָט אָבער מיטגעהאָלפן צו באַשפּײַזן די פאַמיליעס: אויסהאַלט פאַר די פערד, פלוגעס, שנײַד־מאַשינען, זריעה וכדומה. דאָס אַלץ האָט מען

געגומען אויף באָרג אין פּריוואַטער קאַמערץ. די יִיקאַ, פון איר זײַט, האָט געגעבן הלוואות און די קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן פּראָדוקטיוו: מ'האָט געאַר־בעט גאַנץ פּרימיטיוו, אָבער די צײַט און די נויט האָבן מיטגעריסן אויף פאָרויס. די אָפּטערע דורכפאַלן האָבן אָבער שטענדיק גורם געווען צו מאַכן חובות. דאָס ביסל באַקומענע תבואה האָט נישט געדעקט אַפילו די יערלעכע אויסגאַבן. די קאָמערץ האָט געבאָרגט מיט באַוואָרענישן; האָט פאַר יעדער סחורה געגומען גרויסע פּרײַזן; האָט געצאָלט פאַר די קאָלאָניסטישע פּראָדוקטן די קלענסטע פּרײַזן; האָט גערעכנט גרויסע פּראָצענטער פאַר די חובות. די עקספּלואַטאַציע איז געוואָרן אומדערטרעג־לעך, און נישט אַלע קאָלאָניסטן האָבן זיך געקאָנט אויפהאַלטן אין זייערע נחלות. דער פּראָצעס פון עוקר זײַן איז פאַר דער קאָלאָניע ניט געווען קיין קאַטאַסטראָפע, ווײַל עס זײַנען אַלץ צוגעקומען פרישע, נײַע כוחות; אַ טייל מיט בעסערע פעיִקייטן; אַנדערע מיט בעסערע עקאָנאָמישע מיטלען. די פּויערים האָבן געליטן, געבאָרגט, גע־מאַכט חובות און געאַרבעט, געפּרוווט דאָס מזל, געהאָפט אויף בעסערע צײַטן פון דערפאָלג און פּראָגרעס.

דער אַדמיניסטראַטאָר לעאָן נעמיראָווסקי האָט געשטיצט, געמוטיקט, גע־צהט און גלײַכצײַטיק געגומען אויספירן זײַנע פּלענער פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. די אָפּטערע שמועסן מיט אַ צאָל קאָלאָניסטן האָבן רײַף געמאַכט דעם באַדן, וואָס האָט געבראַכט אַ גינציקן רעזולטאַט: די גרינדונג פונעם „ערשטן יודישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַראיין“, דעם 12טן אויגוסט 1900.

ש. י. הורוויץ גיט איבער דעם גרינדונג־עפּיזאָד אויף פאָלגנדיקן אופן: [5]

„אָט דער נעמיראָווסקי האָט עס דער ערשטער אַרײַנגעבראַכט די אידייע די קאָלאָניסטן, זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ פאַראיין.

„אין אויגוסט 1900 האָט ער צונויפגערופן זײַנע עטלעכע באַקאַנטע קאָלאָניסטן, מיט וועלכע ער האָט זיך געחברט, און האָט זיי פאָרגעגעבן די אידייע זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַראיין. דער אופן, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, איז געווען עפּעס אַזוי, ווי ווען רוסישע סאָציאַליסטן פלעגן אָרגאַניזירן זייער „קרוזשאָק“ (קרײַזל) אין צײַט פון צאַר, ערגעץ אין אַ הינטער־גאַס. עס האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער, ווי עפּעס אַ געהיימער צוזאַמענקונפט.

„פאַר וואָס דאָס איז געווען אַזוי איז צו פאַרשטיין... צו יענער צײַט

---

[5] ש. י. הורוויץ: קאָלאָניע לוסיענוויל: צו דער געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויק־לונג פון דער קאָלאָניע, אין פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, במשך פון 37 יאָר צײַט. אַנדענק צום הונדערטסטן יאָרטאָג פונעם געבוירן פונעם פאָטער פון יִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע באַראָן משה הירש ז״ל; בוענאָס־אײַרעס, 1932; קאַפּ׳ XX, ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַראיין; זײַטן 71־72־73 (איצט: סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ).

וואָלט זיך פאַררעכנט פאַר אַ חטא, אַז אַן אַדמיניסטראַטאָר פון דער ייִקאַ זאָל אַזוי אינטים זײַן פאַרבונדן מיט די קאָלאָניסטן, ווײַל צוליב אַזאַ אינ־טימקייט קאָן אים פעלן דער נייטיקער מוט דורכצופירן די פאַראָרדענונגען פון די העכערע באַאַמטע, וועלכע זײַנען ניט שטענדיק אויפגענומען געוואָרן מצד די קאָלאָניסטן. אָט צוליב די מאָטיוון, נישט צו חברן זיך צופיל מיטן קאָלאָניסט, כדי מען זאָל דעם אַגענט ניט חושד זײַן, אַז ער האַלט מער מיטן קאָלאָניסט ווי מיט דער ייִקאַ, האָט עס נעמיראָווסקי געמוזט דורכפירן די אָרגאַניזאַציע־אַרבעט אויף אַ כמעט געהיימען אופן.

„אין חודש יולי 1900 הייבט אָן נעמיראָווסקי אָפּט קומען אין קאָלאָניע נאַוויבוג נומער 1, סודעט זיך מיט די נאָענטע באַקאַנטע, און אין קאָלאָניע הייבט מען אָן ריידן, אַז עס איז עפּעס ניט גלאַטיק, וואָס דער אַדמיניסטראַ־טאָר קומט אַזוי אָפּט אין קאָלאָניע, ביז דער סוד איז אַרויס".

ווען מען פאָלגט נאָך לאַפּינס פּלענער, ווערט קלאָר, אַז די ייִקאַ איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז אירע אַדמיניסטראַטאָרן זאָלן אָנווענדן אַלע זייערע מעגלעכ־קייטן צו אָרגאַניזירן די קאָלאָניסטן עקאָנאָמיש און פינאַנציעל, בכדי זיי זאָלן אָנ־הייבן אַ געזעלשאַפטלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג; קעגנזײַטיק זיך שאַפן די מיטלען און אַרויסהעלפן די מער נויטבאַדערפטיקע פויערים. אַזוי אַרום וועט מעגלעך ווערן אָפּצושאַפן מצד דער ייִקאַ דאָס אַרויסטיילן די שטיצע און אָנהייבן צוגעוווינען צו צאָלן די יערלעכע ראַטעס פאַר די נחלות און די קרעדיטן, וואָס די אַדמיניסטראַציע פלעגן באַוויליקן.

נעמיראָווסקי האָט אויך געוויס געהאַט אַזאַ פאַראָרדענונג פון די העכערע אינסטאַנצן. ער אַליין איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אַז דאָס קאָלאָניסטישע לעבן זאָל אָננעמען פּאָזיטיווע פאָרמען, אויף גוט אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע יסודות, און כדי דאָס צו דערגרייכן האָט ער געזוכט צו שאַפן אַ ביסל סביבה, מיט פרײַנדשאַפט, אָדער דורך חברשאַפט, מיט דעם בעסערן טייל קאָלאָניסטן. אַזוי אַז הורוויצעס סודותפולער צוגאַנג צו דעם גאַנצן ענין, מכח נעמיראָווסקיס געהיימע צוזאַמענקונפטן, פאָדערן אַנדערע דערקלערונגען.

ש. י. הורוויץ האָט געהאַט אין זין ייִקאָס שטרענגע אויספיר־מאַכט, וואָס האָט באַגרענעצט אירע אָנגעשטעלטע צו האָבן פּריוואַטע באַציִונגען מיט די קאָלאָניסטן; אָבער דאָס איז נישט געווען חל אויף די געציילטע הויכע באַאַמטע, די אַדמיניסטראַ־טאָרס פון די גרויסע צענטערן איבער אַ סך פון אירע קאָלאָניעס. זיי האָבן זיך גערעכנט כמעט פאַר די באַלעבאַטים. זיי האָט מען נישט געזאָגט קיין דעות. אויף אַן אַנדער אָרט האָט שוין הורוויץ אָנגעוויזן אויף די אמתדיקע מאָטיוון.

פון אַ פאַריקן קאַפּיטל איז שוין באַוווסט, אַז די שטרענגע באַנעמונג און דער זעלבסטהערשערישער גײַסט פון לאַפּינען האָט געשאַפן אומצופרידנקייט צו אַלע גוטע

איניציאַטיווען. עס זײַנען אויך באַלד אויפגעשטאַנען אין קאָלאָניע אַנדערע שטע־רערישע עלעמענטן, באמת שעדלעכע פּאַר ביידע צדדים: עס זײַנען אויסגעוואַקסן קאָלאָניסטן „קולאַקעס" און קאָלאָניסטן סוחרים, וואָס האָבן שוין באַהערשט דאָס קאָלאָניסטישע האָב און גוטס. זיי האָבן געטאָן טובות מיט אויסבאָרגן אַ ביסל פּי, עטלעכע פערדלעך, אַ זעקל מעל, אַ ביסל זריעות און האָבן גענומען גוטע משכנות, וועקסלען, גאַראַנטיעס פון שכנים און געשונדן די הויט. די סוחרים האָבן געטאָן זייערס: געבאָרגט עסנוואַרג, שיך, קליידונג, און גענומען פאַר אַ גאַראַנטיע אַ קאָנ־טראַקט אויפן קומענדיקן שניט פונעם ווייץ, לײַן, מאַיס; האָבן גערעכנט גוזאַלצענע פרײַזן; האָבן געמאַכט די ליקווידאַציעס פון דער תבואה אויף זייער שטייגער. אָט די ביידע קאַטעגאָריעס האָבן געטרומייטערט אין די קאָלאָניסטישע הײַזער קעגן יעדן פּרווו פון אָרגאַניזאַציע; האָבן אויסגעפונען תירוצים מיט אײַנפאַלן קעגן דער יק"א, קעגן דעם אַדמיניסטראַטאָר און שפּעטער קעגן די אָנפירנדיקע פערזאָנען פון דער קאָלאָניע גופא. ערגער פון די ביידע איז געווען דער מסור און דער אינטריגאַנט, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעבילדעט אין קאָלאָניע. די לעצטע זײַנען געווען ווי אַ מכה אויפן קאָלאָניסטישן אָרגאַניזם. זיי זײַנען אויסגעוואַקסן אומעטום, ווו נאָר עס האָט זיך עפּעס באַוועגט אין דער קאָלאָניע, און האָבן גענוצט אַלע מיאוסע, אָפּ־שײַלעכע מיטלען אויף צו שטערן יעדן פּרווו פון דער מינדסטער איניציאַטיוו. מיר וועלן זיך בײַ אַ באַזונדערער געלעגנהײַט אומקערן צו זיי.

לעאָן נעמיראָווסקי האָט געהאַנדלט פּאָרזיכטיק — ניט מחמת מורא פאַר זײַנע אויבערהאַרן, נאָר פאַר די אַלע נעגאַטיווע עלעמענטן. ער האָט זיי געקענט און אַפילו געליטן פון זייערע קעגנווירקנדיקע אַקציעס. די מאָראַלישע לײַדן האָבן אים אָפּט פאַרביטערט און געצוווּנגען אויסצומײַדן די פאַרשווינען ווי אַ פּעסט...

ש. י. הורוויצעס געשיכטע פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל און דאָס קאַפּיטל „דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַראיין" איז אַוודאי אַ פונדאַמענטאַלע אַרבעט פון דער ערשטער האַנט. זי איז געדרוקט נאָך אין 1932 און די מאַטעריאַלן פון זײַן בוך זײַנען אָפּטער גענוצט און ציטירט געוואָרן בײַ פאַרשיידענע געלעגנהײַטן און זיי פאַרנעמען אויך אַ בכבודיקן אָרט אינעם באַנד נומער 1 פון די „אַרגענטינער יִוואָ שריפטן". איבערחזרן זיך אין אונדזער אַרבעט איז איבעריק, סײַדן די מער נייטיקע דאַטעס, וואָס וועלן אונדז דינען לשם גאַנצקייט.

היות די אַגראַר־קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס און איבערן לאַנד גופא פײַערט איצט דעם 60־יאָריקן אַניווערסאַר זינט דער גרינדונג פונעם „ערשטן ייִדישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַראיין" — די ערשטע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין אַרגענ־טינע, — וועלן מיר לכבוד דעם יובל אויסנוצן כמעט אין גאַנצן די פײַנע אַרבעט פון יצחק גרײַז (פּאָרוואַלטער פון דער קאָאָפּעראַטיוו לוסיענוויל), וואָס האָט זיך

געדרוקט אינעם „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר”, אין חודש סעפּטעמבער 1950, צו דער געלעגנהייט פונעם 50־יאָריקן יובל, אונטערן טיטל:

דער ערשטער פּראָטאָקאָלן־בוך פון „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל”

„ווען מ׳וויל גענוי זיך באַקענען מיטן געבורט־פּראָצעס פון אַן אינסטיטוציע, איז דאָס פּראַקטישסטע צו זוכן די יסודות פון דער ערשטער קוועלע, און דאָס איז דאָס פּראָטאָקאָל־בוך. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז אַ סך אָפּהענגיק פון דעם, צי די דעמאָלטיקע פירער האָבן פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט, אַז די פּראָטאָקאָלן זאָלן אָפּשפּיגלען מיט דער געהעריקער קלאָרקייט און פּרטים דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער גרינדונג און גאַנג פון דער באַטרעפנדיקער אינסטיטוציע.

„צום לויב פון די גרינדערס פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל” (דעמאָלט „פּרימערא סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ”) מוז מען אָנערקענען, אַז זיי האָבן געלייגט אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, אַז די אַקטן זאָלן אָפּשפּיגלען מיט אַלע דעטאַלן און מיט דער גאַנצער אויספירלעכקייט דעם גאַנצן געבורט־פּראָצעס, די צילן און אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע. לייענענדיק די ערשטע פּראָטאָקאָלן, פילט מען, אַז דער דעמאָלטיקער פּראָטאָקאָלן־שרייבער, ה׳ מ. קאָסאָי — און געוויס אויך די לייטונג — האָבן געהאַט דעם באַוווסטזיין, אַז שפּעטער מיט אַ סך, אַ סך יאָרן וועט מען זיך גריבלען אין די אַקטן, כדי צו באַקענען זיך מיט די יסודות, אַנטשטייונג און איבערלעבונגען פון דער געזעלשאַפט, און דעריבער האָבן זיי געלייגט אויפמערקזאַמקייט, אַז דורך די פּראָטאָקאָלן זאָל מען דאָס אַלץ קענען וויסן.

„די ערשטע זעקס יאָר זיינען די פּראָטאָקאָלן געשריבן געוואָרן אין יידיש, אין אַ פאַרדייטשטן יידיש. מיר וועלן נאָר דעם ערשטן אַקט איבערגעבן אין גאַנצן טעקסטועל, מיטן פאַרקריפּלטן דייטשמערישן לשון און אָרטאָגראַפיע, ווי ער איז געשריבן אינעם בוך. פון די אַנדערע פּראָטאָקאָלן וועלן מיר אַרויסנעמען נאָר דאָס, וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם אַרטיקל און איבערזעצן עס, ד״ה פאַריידישן די שפּראַך, צוליב באַקוועמלעכקייט פון לייענער.

„וואָס אייגנטלעך האָבן באַצוועקט יענע ערשטע אידעאַליסטן מיט דער גרינדונג פון דער אינסטיטוציע? וואָס פאַר אַ צילן און אויפגאַבן האָבן זיי זיך געשטעלט?

„דערויף גיבן אַ קלאָרן ענטפער די ערשטע פּראָטאָקאָלן, און אָט טאַקע עפענען מיר אויף דאָס היסטאָרישע בוך און עס דערשיינט פאַר אונדז דער ערשטער גרינדונג־פּראָטאָקאָל, וואָס זאָגט:

„דען 12טן אַוגוסט 1900 יאָהר וואַר דער „ערשטער יודעשער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַריין” געגרונדעט, אונד אַמזעלבין טאַג אַן דער פאַר־

זאַמלונג אין קאָלאָניע נאַוואַ־בוג נר. 1 וואַרען פאָלגענדע סטאַטוטען אויסגע־אַרבייטעט:

I

1) דער נאָמען דעם פעריינס איסט:

„דער ערשטער יודעשער לאַנדווירטשאַפטליכער פעריין״. אין שפּאַניש: Primera Sociedad Agrícola Israelita.

2) דער צוועק דעס פעריינס איסט:

לאַנדווירטשאַפטליכע קענטעניסע צוא ערווערבען; פערשידענע לאַנד־ווירטשאַפטליכע פערזוככע צוא מאַכען אונד, וויא מעגליך, אַלס וואַס פאַר דעם קאָלאָניסט נויטיג איסט ביליג צו קויפען.

II

איבער די מיטגלידער

3) מיטגלידער קאָנען זיין „אָרדענטליכע״ אונד „אויסעראָרדענטליכע״.

4) אַלס אָרדענטליכע מיטגלידער קאָנען זיין נאָר קאָלאָניסטען אונד אַלע אָנגעשטעלטע דער "Jewish Colonization Association".

5) אויסעראָרדענטליכע זינד דיזע דיא קיינע קאָלאָניסטען זינד, אָבער זיי אינטערעסירן זיך מיט לאַנדווירטשאַפטליכע פראַגען, אָדער קאָנען דעם פעריין נוטצליך זיין.

באַמערקונג: גיוויזינע (געוועזענע) קאָלאָניסטען קאָנען ניט מיטגלי־דער ווערען.

III

איבער די פאַרפליכטונגען אונד רעכטע דער מיטגלידער

6) יעדער אָרדענטליכער מיטגליד האָט דאָס רעכט צו שטימען אונד גע־וועהלט צו ווערען.

7) אויסעראָרדענטליכע מיטגלידער האָבען די זעלבע רעכטע ניכט. זיי קאָ־נען נאָר בײַוואהינען בײַ דען פאַרזאַמלונגען אונד טהיילנעמען אין די דעבאַטען (רעדעס).

8) יעדער מיטגלידער וויא אָרדענטליכער, זאָ אויסעראָרדענטליכער, האָט צוא צאהלען דריי (3) פּעזעס פיר אַ יאָר.

9) ביז צום ערשטען יאַנואַר 1901 יאהר קאָן יעדער קאָלאָניסט מיטגלידער ווערן, ווען ער באַצאהלט דיא סוממע וואָס יעדער מיטגלידער האָט צוא צאהלען; נאָכדעם ערשטען יאַנואַר, אום מיטגלידער צו ווערען, איסט נויטיג פאָן דער מערצאָהל דער מיטגלידער — אוף איין גענעראַל פאַר־זאַמלונג אָנערקענט צו ווערדען.

10) יעדער מיטגלידער וועליכער וויל ניט מיטגליד זיין, איסט פאַרפליכטעט זיין יעהרליכע בייטראַגע צוא בעצאהלען.

IV

איבער דען קאָמיטעט

11) די אַלע אָנגעלעגענהייטען דעס פעריינס ווירד פאַרוואהלטעט דורך איי־נען קאָמיטעט וועלכער באַשטייט: אַלס דעם פרעזידענט, סעקרעטאַר, קאַסירער אונד צוויי מיטגלידער.

12) אין קאָמיטעט קאָנען גיוואהלט ווערדען נאָר אָרדענטליכע מיטגלידער, דורך איינפאַכער מערהייט דער שטיממענדען.

13) דער קאָמיטעט ווירד גיוואהלט נאָר אוף איין יאָר.

14) דער קאָמיטעט רעזולירט (באַשטעטיקט — ב. ה.) אַלע פראַגען דורך מערהייט דער שטיממען.

באַמערקונג: ווען דער פרעזידענט פעהלט צו דעם פערזאַמלונג, פאַר־טריט זיין שטעלע דער סעקרעטאַר.

15) אויסער דער באַזאָרגונג פאָן אַלע אָנגעלעגענהייטען דעס פעריינעס האָט נאָך דער קאָמיטעט דאָס רעכט אַלע נויטווענדיגע אויסגאַבען צוא מאַ־כען, אָבער נאָר אין קרייז (גרעניץ)דער סוממע וויא פיהל דער פעריין האָט.

16) דער קאָמיטעט איסט פערפליכטעט רעכנונג איבער דיא אויסגאַבען גיע־בען — ווען מאַן פאַרלאַנגט דאָס — אָבער די אויסגאַבען מוזען אנער־קענט ווערדען.

V

איבער די פערזאַמלונגען

17) דיא פערזאַמלונגען זענען „גיוואהנליכע” אונד „גענעראַלע”.

18) דיא גיוואהנליכע פערזאַמלונגען ווערדען גימאַכט יעדעס מאהל, ווען

דער קאָמיטעט פינדעט דאס פיר נויטדארפיג. אונד אַן אַזעלכע פער־זאַמלונגען, קאָנען נאָר לאַנדווירטשאַפטליכע פראַגען באַהאַנדעלט ווער־דען.

19) די גענעראלנע פערזאַמלונגען קאָנען נאָר צוויי מאהל אין יאהר שטאַט־פינדען, און דער טאָג פאר פערזאמלונגען, ווירד פאַן קאָמיטעט בע־שטימט.

20) די גענעראַלנע פערזאמלונגען קאָנען ריכטליכע גירעכינט ווערדען, ווען 2/3 (צוויי דריטל) מיטגלידער זענען אוף דער פערזאַמלונג פערהאַנדען.

21) ווען צוויי מאהל האָט די גענעראַלנע פערזאַמלונג ניט גיקענט שטאַט־פינדען, ווייל עס האָט געפעהלט דער געזעצליכער צאהל פאַן דיא מיט־גלידער, דאַמאָלסט ווירד איין דריטע פערזאַמלונג צוזאַממען גערופען, אונד זי וועט פיר געזעצליך אנערקענט ווערדען, ביי יעדער צאָל מיטגלי־דער וועלכע ווילען קוממען.

22) אַלע פראַגען אוף דעם גענעראַלנע פערזאַמלונג דאַרפען דורך אײנפאַכע מערהייט שטיממונגען בעשלאָסען ווערדען.

23) באַ גלייכער צאָל פאַן שטיממען, ווירד דיא יעניגע אהנגונעמען, פיר וועלכער דער פרעזידענט געשטיממט האָט.

24) נאָר אויף גענעראַלנע פערזאַמלונגען קאָנען דיא סטאַטוטען אומגעהענ־דערט ווערדען.

25) אוף די גענעראַלנע פערזאַמלונגען דאַרף דער קאָמיטעט רעככענונג פאַן זיינע טהעטיקייט געבען.

פערשידענעס

26) אַלע פראָטאָקאָלן מוסען אין יודעשען זשאַרגאָן געשריבען ווערען.

נאָך די אויסאַרבייטונג די סטאַטוטען וואַהרען אויסגעוואהלט אין קאָ־מיטעט די פאָלגענדע:

אַלס פרעזידענט: העררן מ׳ פריעדלענדער.

אַלס סעקרעטאַר: העררן ל׳ נעמיראָווסקי.

אַלס קאַסירער: העררן א׳ פריידענבערג.

בייזיצענדע מיטגלידער: העררן מ׳ א׳ בלייכער. י׳ שעוועליאָוו״.

נאַכער באַ אַ צווייטער זיצונג האָט מען צוקאָאָפטירט אין קאָמיסיאָן די ה״ה מ. קאָסאָי — אַלס סעקרעטאַר, און אלתר בראַצלאַווסקי — אַלס סינ־דיקאָ.״

„אָט דאָס זײַנען געווען די ערשטע גרינדונג־באַזעס פון דער געזעלשאַפט, וואָס לויט דער באַשרײַבונג איז זי אין דעם אָנגעוויזענעם טאָג געגרינדעט געוואָרן דורך 17 פּערזאָן, פון זיי: 15 קאָלאָניסטן, דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער יִ׳קאַ און אַ ייִדישער לערער. די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אין הויז פון ה׳ מ. העמבוים און עס האָבן זיך באַטייליקט פֿאָלגנדיקע פּערזאָנען: הירש צענטנער, מענדל קאָסאָי, שלמה פריידענבערג, אהרן וויסאָקאָווסקי, ש. שעוועליאָף, מיכאל פרידלענדער, מ. א. בלעכער, מ. העמבוים, וו. פינפאַרב, מ. הורוויץ, וו. גוטקין, פּ. שוואַרצמאַן, ה. פּעטאַשנע, ר. ראַכקינד, ג. רעזניצקי, ל. נעמיראָווסקי און אלתר בראַצלאַווסקי.“

„אָט אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין לאַנד [6].

---

[6] דער ענין פּרי־אָריטעט, ווען מען עס געהערט די בכורה פון דער ערשט־ער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין לאַנד, איז אַן עסק פון עפּנטלעכע דיסקוסיעס אין דער לאַנד־פּרעסע און די פּאָלעמיקעס גרייכן אָפּט מאָל צו עקשנותדיקע און בייזוויליקע אויספירן.

אין 1898 האָט אַ גרופּע פראַנצויזישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן באַאַרבעט אַ גרעסערע צאָל העקטאַרן לאַנד אין דער געגנט פון פּיגוע, פּראָווינץ בוענאָס־איירעס, געגרינדעט אַ מין קאָאָפּעראַטיווע פֿאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט קעגן האָגל אויף די תבואות אין פעלד, נאָך זאַרן שניט. איר טעטיקייט איז געווען און איז פֿאַרבליבן אַ ריין מוטואַליסטישע. זי האָט זיך אָפּגעגעבן און גיט זיך אָפּ נאָך היינט צו טאָג צו באַשיצן די פּראַצע פון די מיטגלידער קעגן דעם האָגל; קעגן די אָפטע שטורעמס, וואָס פלעגן חרוב מאַכן די פעלדער און זי האָט אַ קרעדיט־קאַסע, וואָס דינט אַרויסצוהעלפן די נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער. זי שטעלט ניט צו פּאַר אירע מיטגלידער קיין קאָנסום־אַרטיקלען, מאַשינען פון אַגריקולטורעלן כאַראַקטער, נישט קיין בוי־מאַטעריאַלן און גיט זיך נישט אָפּ מיטן פֿאַרקויף פון די קאָלאָניסטישע פּראָדוקטן און פירט בכלל נישט קיין שום אַקציע, אויף צו פֿאַרטיידיקן די מיטגלידער קעגן דער ווילקירלעכער עקספּלואַטאַציע. היות אָבער אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל האָבן די ייִדישע קאָלאָניסטן געגרינדעט דעם ערשטן לאַנדווירטשאַפטלעכן פֿאַראיין, וועלכער האָט תיכף אָנגעהויבן צו באַדינען זײַנע מיטגלידער מיטן אײַנשאַפן אַלץ פֿאַרן קאָנסום און פֿאַרקויפן אויף אַ קאָלעקטיוון אופן זייערע פּראָדוקטן; האָט געקויפט דרעש־מאַשינען; האָט אײַנגעפירט אַן אָפּטיילונג פון אַסעקוראַציע קעגן פײַער; געגרינדעט אַ ביבליאָטעק; האָט מיטגעהאָלפן צו דער גרינדונג פון אַלע קולטורעלע, דערציִערישע און סאַניטאַרע באַדינונגען; מיט איין וואָרט: האָט זיך אויסגעברייטערט אויף אַלע געביטן ווי אַן אמתדיקע קאָאָפּעראַטיוו — האָט מען געמאַכט פֿאַרגלייכן: „לוסיענוויל — ווערסוס ראַשדייל“.

דעם אמת געזאָגט, איז היינט שווער צו דערגרונטעווען זיך, זינט מ׳אַמפּערט זיך, וועלכע ס׳איז די ערשטע קאָאָפּעראַטיוו אין לאַנד: דער „על פּראָגרעסאָ אַגריקאָלאַ“ צי „דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פֿאַראיין“? עס איז קלאָר, אַז דער „על פּראָגרעסאָ אַגריקאָלאַ“ איז עלטער מיט צוויי יאָר. ס׳איז נאָר די פראַגע: וועלכע איז אַן אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין עפעקטיוון זין פון וואָרט? דאָ דריידלט מען מיט סברות, וואָס איבערצײַגן קיינעם נישט, חוץ דער מחנה, וואָס עס שטייט זיי נישט אַן וואָס דער ייִדישער שילד פֿאַרנעמט דאָס ערשטע פּלאַץ. פון די פיל פּאָלעמיקעס האָבן מיר גענומען פּאַר אַ מוסטער די פֿאָלגנדיקע.

דאָס פֿאַרגלײַכן דעם „פֿאַראיין“ מיט די ראַשדײַלער, סײַ אין פּיאָנערנטום, ווי אין די פּרינציפּן פון ריינער קאָאָפּעראַציע, האָבן שטאַרק אויפגעריסן די אויגן בײַ עטלעכע ספּעציאַליסטן אין אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוויסטישע ענינים, בשעת זיי זײַנען זיך עוסק מיט קאָמפּאַראַטיוון, סטאַטיסטיק און גע־

און מ׳מעג זאָגן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דער ציל און צוועק, וואָס האָט באַ־וויגן די גרינדער, איז פון ערשטן מאָמענט אָן געווען די אידייע פון שאַפן אַ קאָאָ־פעראַטיווע געזעלשאַפט.

„אמת, עס איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט געוואָרן דאָס וואָרט „קאָאָפּעראַ־

שיכטלעכע אָפּהאַנדלונגען און זײַנען זיך נוהג מיט נישט קיין ריינע כוונות, און בפירוש אָפענע רייד, נישט פאַרבאַהאַלטן. עס שרײַבט ממש: „דער ערשטער יִדישער" — דער קען נישט זײַן דער בכור...

אין 1953 האָט די אַרגענטינער רעגירונג אײַנגעלאַדן דעם טשילענער טעכניקער אין אַגראַר־ענינים, אינזשיניער מאַריאָ איסקיערדאָ יורי, ער זאָל מאַכן אַ גענויעם שטודיום איבער דער אַרגענ־טינער לאַנדווירטשאַפט. ער האָט די אַרבעט אויסגעפירט אויסגעצייכנט גוט און אַפילו אינטערעסאַנט אויך פאַר יעדן, וואָס וויל זיך באַקענען מיטן צושטאַנד פון יענער צייט. זי איז גענוי אײַנגעטיילט אין באַזעס, מיט באַזונדערע טאַבעלן פון דער אַגריקולטור, ווי: פי־צוכט, עופות, מילך, אינדוסטריע, וואַלד־עקספּלואַטאַציע, אַגראַר־געזעלשאַפטן; קולטור, דערציִונג און קאָאָפעראַציע. די אַרבעט האָט זיך געדרוקט אין אַ בראָשור פון דער סעריע פעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס עס גיט אַרויס דער אינטערנאַציאָנאַלער ראַט פאַר סאָציאַלער עקאָנאָמיע, אונטערן טיטל:

“Cooperativismo Agrario en Argentina”.

Sección de Cooperativas - División de Trabajo y Asuntos Sociales: Departamento de Asuntos Económicos y Sociales, Unión Panamericana, Washington 1955.

אויף דער זײַט 27, נאָך דעם וואָס אינזשיניער מאַריאָ איסקיערדאָ יורי גיט איבער דעם אינהאַלט פונעם „על פראָגרעסאָ אַגריקאָלאַ" און באַשטעטיקט אונדזער טעזיס, אַז זי איז אַ מוטואַליסטישע געזעלשאַפט אאַז״וו, דערציילט ער אַט וואָס:

„אייניקע מחברים, ווי טענענבוים און קאַוואַזשערא, צום בײַשפּיל, פאַרצייכענען די צווייטע עלטער אינעם אַגראַר־קאָאָפעראַטיוויזם צו „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ לוסיענוויל" פון באַסאַווילבאַסאָ, פראָוו׳ ענטרע ריאָס, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דעם 12טן אויגוסט 1900. פון דעסט וועגן, אין זײַן אַרבעט „די אַגראַר־קאָאָפעראַטיוועס אין אַרגענטינע". פאַרעפנט־לעכט אין אויגוסט 1940 דורך דער „אוניאָן פּאַנאַמעריקאַנאַ", שאַצט אָפּ טענענבוים, אַז ווײַל די קאָאָפעראַטיוו פון פיגוע, מחמת איר אַרבעט אויפן געביט פון אַסעקוראַציע, — אַ טעטי־קייט, וואָס האָט נישט פּראָגרעסירט אויף אַנדערע געביטן, — קען ניט פאַררעכנט ווערן אַלס די ערשטע אַגראַר־קאָאָפעראַטיוו, אַזוי ווי מיר האָבן דאָס געטאָן און אָנערקענט גאָר די ערשטע עלטער דער קאָאָפעראַטיוו פון לוסיענוויל".

נישט שטאַרק צופרידן פון טענענבוימס אויספירן, האָט דער מחבר געפונען אַ פּגימה, דהיינו:

„פון דעסט וועגן, ווען מ׳עקזאַמינירט דעם גרינדונגס־אַקט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, באַקומט זיך, אַז זי איז געבוירן ווי אַ מוטואַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך גערופן “La Agrícola Israelita” און ערשט אין 1907 האָט זי געביטן דעם נאָמען וואָס זי טראָגט הײַנט: “Sociedad Agrícola Lucienville” כאָטש מיט דעם זײַנען מיר נישט אויסן, אַז זי האָט מיט עפּעס געענדערט אירע אויפגאַבן, צילן און דעם כאַראַקטער פון אירע אַקטיוויטעטן".

נאָך דעם דאָזיקן פּראָגנאָז וואַלט שוין דער דאָזיקער ענין געקאָנט זײַן פאַרענדיקט. ער באַשטע־טיקט דאָך טענענבוימס אַסיגנאַציע, אַז „על פּראָגרעסאָ אַגריקאָלאַ" גיט זיך אָפּ נאָר מיט פאַרזיכע־רונג קעגן האָגל (אַפילו נישט קעגן פײַער) און די יִדישע איז דורכויס אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָ־פעראַטיוו אין פולן זין פון וואָרט. כאַפּט ער זיך, אַז ס׳איז אויך אַן ענין פון פּרעסטיזש און שרײַבט ווײַטער:

טיוו״. עס איז אַ פֿראַגע צי עמעצער פון די גרינדערס האָט דעמאָלט בכלל געוווּסט, אַז אין דער וועלט עקזיסטירן אַזעלכע געזעלשאַפטן. אַלנפאַלס, אין אַרגענטינע זײַנען דעמאָלט זיכער נישט געווען קיין אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוועס און דער געדאַנק פון קאָאָפּעראַטיוויזם איז געווען פרעמד. אָבער עס איז נישט וויכטיק צי זיי האָבן יאָ אָדער נישט באַטיטלט די אינסטיטוציע מיטן נאָמען „קאָאָפּעראַטיוו״. וואָס ס׳איז יאָ וויכטיק איז, אַז דער געדאַנק, דער ציל און די אויפגאַבעס זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון קאָאָפּעראַטיוויזם, ווי דאָס באַשטעטיקן די אַקטן און דאָס געשאַפענע ווערק. אַפילו דער נאָמען, וואָס זיי האָבן געגעבן דער געזעלשאַפט, באַשטעטיקט דאָס געזאָגטע: „לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַראיין״. „פאַראיין״ — אַ טערמין, וואָס דריקט אויס: קעגנזײַטיקע הילף, מיטאַרבעטונג, סאָלידאַריטעט און טאָקע אויך קאָאָפּעראַציע: „אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע״.

„מיר ווייסן נישט אויף וויפל די גרינדער האָבן באַרעכנט די באַדײַטונג פון

מיר טיילן נישט די דאָזיקע מײַנונג, ווײַל זי באַטײַט אַ מינדערשעצונג פאַרן כבוד פון „על פראַגרעסאָ אַגריקאָלאַ״ פון פיגוע — דאָס צונעמען בײַ איר די ערשטע עלטער, ווען אַפילו איר אַקטיוויטעט איז בלויז אַסעקוראַציע, אַפּערירט זי אין פעלד־געביטן, צווישן טיפּישע אַגריקולטאָרן און דאָס גיט איר דעם כאַראַקטער, וואָס אויך מיר טיילן איר צו״.

אַ ביסל ווײַטער ווערט שוין אינזשיניער איסקיערדאָ יורי פּאַטעטיש און פרעגט אַט אַזאַ קשיא:

„פון דער זײַט בלײַבט נאָך צו באַלייכטן, צי געהער אין דער אמתן דער דעקאַנאַט (בכורה) צו לוסיענוויל, אין דער אַגריקולטור־קאָאָפּעראַציע, אַלס פּילפּאַכיקן און אוניווערסאַלן טיפּ, ווי מען רופט זי דאָ אַן, איבער דעם, וואָס זי איז אין די ערשטע יאָרן געווען נאָר אַ מוטואַליסטישע?״

ווי אַ קאָנטראַסט צו מאַריאָ איסקיערדאָ יוריס אַרטיקל ציטירן מיר אויך אַן אויסצוג וועגן דעם זעלבן ענין פונעם ד״ר עריקאָ עמיר פּאַנצאַניס ווערק: Cooperativismo, Doctrina e Historia אַרויסגעגעבן פון דער Asociación Pro-Instituto de estudios Cooperativos, Buenos Aires, 1958. Capítulo: La Cooperación en el medio Agrario Argentino.

אויף די זײַטן 79—78 שרײַבט ער:

„דער „על פּראָגרעסאָ אַגריקאָלאַ״ פון פיגוע, געגרינדעט פון פראַנצויזישע קאָלאָניסטן, אין 1898, איז נישט געווען קיין אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין ברייטן זין, ווי מיר פאַרשטייען דאָס איצט, מחמת איר ספּעציפישע אויפגאַבע איז געווען צו באַשיצן דעם שאָדן פונעם האָגל — און פון קעגנזײַטיקער הילף פאַר די מיטגלידער אויף מוטואַליסטישע יסודות״.

„מיט צוויי יאָר שפּעטער (1900) איז אויפגעקומען, אויף דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע ייִדישע קאָלאָניסטן, די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו פון לוסיענוויל, מיט אַ דרײַ־פאַכיקן ציל: דערציִען דעם מיטגליד מיט קענטשאַפטן אין דער לאַנדווירטשאַפט, גרינגן לײַ־ און שפּאָר־קאַסעס און אײַנשאַפן קאָנסום־ און אַגראַר־אימפּלעמענטן אויף צוגענגלעכע פרײַזן. לויט דער קוואַליפיקאַציע, וואָס דער אינזשיניער כואַן טענענבוים האָט אַדאַפּטירט פאַר די קאָאָפּעראַטיוועס, און פון דער צאָל אַקטיוויטעטן, וואָס זי פירט אויס, קען מען זיי פאַררעכענען פאַר אַ פילפאַכיק־אוניווערסאַלער״.

מיטן הכשר פונעם ד״ר פּאַנצאַני איז די ערשטע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין לאַנד געווען אַ ייִדישע.

זייער שאַפונג פאַרן לאַנד־פאַרנעם. אָבער זיכער איז, אַז אינסטינקטיוו האָבן זיי גע־פילט, אַז זיי לייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ גרויסער און וויכטיקער אונטערנעמונג, וואָס וועט זיך מיט דער צײַט אַנטוויקלען, פאַרשפּרייטן, פאַרגרעסערן און פאַרטי־פערן אין אַלע ייִדישע קאָלאָניעס.

„און טאַקע פון ערשטן מאָמענט אָן האָט די אינסטיטוציע אָנגעהויבן דורכפירן איר פּראָגראַם, וואָס פּאַסט זיך זייער גוט אַרײַן אין די פּרינציפּן און דאָקטרינעס פון קאָאָפּעראַטיוויזם, ווי מיר פאַרשטייען עס הײַנט צו טאָג, די פאַרטיידיקונג פון אַלע וויטאַלע אינטערעסן פון די מיטגלידער, סײַ אויפן עקאָנאָמישן, גרעמיאַלן, סאָציאַלן און קולטורעלן געביט.

„און אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אויף דער ערשטער זיצונג, וואָס איז פאַרגעקו־מען געציילטע טעג נאָך דער גרינדונג (21סטן אויגוסט 1900), איז באַהאַנדלט גע־וואָרן די פראַגע פון אײַנקויפן אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון אופן דערזאַץ־טיילן פאַר די שנײַד־מאַשינען און אויך אַראָפּברענגען אַ מאַשיניסט אויף איבערקוקן אַלע מאַשי־נען. אינעם אַקט פון דער זיצונג זאָגט זיך:

„ה' בלעכער זאָגט אין נאָמען פאַן אייניגע קאָלאָניסטען מאַן זאָל שרײַ־בען צוא ה' דרייזדאל עט ק". ער זאָל איין מאַשיניסט שיקען, די שנײַד־מאַ־שינען איבערקוקען..."

„עס וואַר באַשלאָסען אין דיזען זינען צו שרײַבען, זאָפאָרט ווען מאַן וועט דעם „שטעמפּעל" פאַן דעם פעריין בעקומען".

„עס וואַר דערנאָך פאָרגעשלאָגען דאָס יעדע מיטגלידער זאָל נאָך זײַ־נעם ווינטש 10 פּעזאָס הין איינטראָגען, אונד נאָך דער סוממע, וואָס עס וועט געבילדעט ווערדען, אויסשרײַבען אייניגע פיעסען פאַר די שנײַד־מאַשינען, אונד אויף דיזער ווייזע זאָל דער קאָלאָניסט ניט דאַרפען צאָהלען דאָפּפּעל־טע פּרײַזען פון איין „פיעסע" ווען ער ברויכט זי."

„עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פון דער זעלבער זיצונג, וואָס, ווי געזאָגט, איז געווען די ערשטע נאָך דער גרינדונג. אין פּראָטאָקאָל זאָגט זיך:

„דער פּרעזידענט ה' פריעדלענדער ביי ערעפנונג דער זיצונג, מאַכט אויפמערקזאַם דערויף: דאָס אייניגע מיטגלידער, דעם קאָמיטעט זענען צו שפּייט גיקומען און ביטעט דרינגליך, אַם צוקונפט זאָל מאַן פונקליכער זיין. — הערר נעמיראָווסקי פערלאַנגט דאָס זעלבע! אונד ביטעט: ווען יעמאַנד זעהט פאָראויס דער זיצונג ניכט קענען בייוואָהינען זאָפאָרט מוטהיילען, און די אַנדערע ניכט וואַרטען לאַסען".

„און ווי עס ווײַזט אויס, איז דאָס אויסגעפירט געוואָרן, ווײַל אין אַנדערע פּראָ־טאָקאָלן זעט מען מער נישט אַזעלכע באַמערקונגען. עס מעגן פון דעם אַראָפּנעמען אַ

ביישפּיל אייניקע פון די איצטיקע קאָנסעכאַלן (ראַטמענער). לויט דעם פּראָטאָקאָלן־בוך זעט מען, אַז די זיצונגען, ווי אויך פאַרזאַמלונגען, וואָס זיי פּלעגן דורכפירן וועכנטלעך, זיינען פאַרגעקומען יעדעס מאָל אין אַן אַנדער קאָלאָניע. אַזוי אַרום האָט מען פאַרגרינגערט פאַר די קאָנסעכאָ־ (ראַט־) מיטגלידער, וואָס האָבן געוווינט אין פאַרשיידענע קאָלאָניעס, זיי זאָלן נישט דאַרפן שטענדיק פאָרן.

„אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער 1900 ווערט דורכגעפירט אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג אין קאָלאָניע נאַוועבוג נומער 2, אויף וועלכער עס ווערן באַהאַנדלט „אַגראָנאָמישע און וועטערינאַרע פראַגן". דער הער נעמיראָווסקי טיילט מיט וועגן קראַנקייטן פון פלאַנצן; וועגן געדיכט אָדער שיטער זייען; וועגן ווייץ, וואָס ווערט אין שטרוי אַוועק צוליב צופיל רעגן; אויך וועגן פאַלן, וואָס די קעלבער פּגרן ביים געבורט.

דער אַקט איז זייער אויספירלעך און פול מיט דעטאַלן וועגן די עצות, וואָס מ'האָט דעמאָלט געגעבן די קאָלאָניסטן־מיטגלידער פון פאַראיין. אין דעם זעלבן פּראָטאָקאָל זאָגט זיך אויך:

„נאָכדעם האָט זיך ה' קאָסאָי געווענדעט צו די קאָלאָניסטען מיט איי־ניגע ווערטער אן דער פאַרזאַמלונג, אונד האָט ערקלערט, וועלכע בעדייטונג האָט נאָך זיין מיינונג אונדזער פעראיין; דורך איינעם פערגלייך דעס איינ־צעלנע מענטשין מיט דען איינצעלען בוכשטאַבן און דען אַלפאַוועט האָט ער זייער גייסטרייך בעוויזען, די בעדייטונג, פאַן אייניקע לייטע פעראייניגען זיך אין איין אָרגאַניזירטן קערפּערשאַפט. דערנאָך האָט ער געשפּראָכען די בע־דייטונג פאַן אַזעלכע פעראייניגונגען, ספּעציעל פיר אונזער פערהעלטניסע. ער האָט זאָגאַר בעזונדער אויפמערקזאַם גימאַכט אויף די איידעלע בעדייטונג און האָט בעוויזען, דאָס דיזער גרונד אַליין איסט גענוגענד אום דיזען פע־ריין אונטערהאַלטען, ווען זאָגאַר די מיטגלידער וועלען ניט האָבען דיזע מאַ־טעריעלע וויגאָדען, פאַן דיזען פעריין, וועליכע מאַן האָט רעכט צו ערוואַר־טען. דאָס וואַר געזאָגט מיט וואַרעמע באַגייסטערונג אונד האָט איינען גרוי־סען איינדרוק געמאַכט אויף דעם פאַרזאַמלונג. ה' נעמיראָווסקי דאַנקט ה' קאָסאָי פאַר זיינע וואַרימע ווערטער אונד בעדויערט נאַר דאָס די פערזאַמלונג ניט גענוג וואַר און צאַהלרייך, אום צו הערען וואָס ה' קאָסאָי האָט געזאָגט. ה' נעמיראָווסקי שפּריכט אַרום די האָפנונג דאָס דיזע ווערטער זינד אויף גוטען באָדען געפאַלען אונד וועלען גוטע פרוכטע ברינגען."

„דעם 11טן סעפּטעמבער ווערט נאָכאַמאָל פאַררופן אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג אין קאָלאָניע אַקערמאַן נומער 1, אויף וועלכער מ'גיט אינסטרוקציעס וועגן די פאַלן פון Fiebre Aftosa און די נייטיקייט צו אימפן די בהמות. „נאָכדעם האָט ה' קאָסאָי, אויף דער ביטע פון ה' נעמיראָווסקי, די זעלבע רעדע געהאַלטן, ווי אויף דער

פאַרזאַמלונג אין קאָל. נאָוועבוג נומער 2, און די רעדע האָט דעם זעלבן אײַנדרוק געמאַכט ווי דאָרט״.

„דעם זעלבן טאָג ווערט אויף אַ זיצונג באַשלאָסן דורכצופירן חול־המועד סו־כות אַן אָוונט־אונטערנעמונג. אין אַקט זאָגט זיך:

„עס וואַר באַהאַנדעלט די פראַגע איבער איין אַבענד־אונטערהאַלטונג צו אָרגאַניזירען וויגען דיא קאָלאָניסטען, אונד עס וואַר פאָלגענדעס באַ־שלאָסען:

1) דער אַבענד־אונטערהאַלטונג ווער חול המועד סוכות שטאָטפינדען.

2) דער פעריין ווער מאַכען די אויסגאַבען פיר געטרענקע אונד פער־בײַסונג, אונד יעדער מיטגלידער ווער איינע ענט אָדער הין געבען (אַ האָן [?!] אָדער אַ הון).

3) די טרענקע ווער יעדער אַנוועזענדער בעקוממען אָהן צו בעצאָהלען, אָבער פיר דיא פלייש־שפּײַזען זאָל איין בעשטימטער פּרײַז זײַן פאָן 10 ביז 20 סענט פיר יעדער פּאָרציאָן.

4) דאַממען בעקוממען אַלס אויס דעם בופעט אָהן בעצאָהלען.

5) מוזיק ווירד פאָן די טאַנצענדע בעצאָהלט ווערדען.

6) אַלס לאָקאַל זאָהל מאַן די שוהלע ביטען באַ הערען ביט באַלל אין קאָלאָניע נאָוועבוג נומר 1.

„זיצונג פון 7טן אָקטאָבער 1900:

„עס וואַר בעשלאָסן פאָלגענדעס: פיר די ערטער אין טעהאַטער, וועלכער ווער שטאַטפינדען דען 11טן ד׳ מ׳ זאָל ניכט „גראַטיס״ זײַן, זאָנ־דערן מאַן זאָל צאָהלען אין פאָלגענדע ווײַזע: די פּרײַזען פון 1־2 רייהע צו 50 סענט. פאָן 3־4 רייהע צו 40 סענט. 5־6־7 רייהע צו 30 סענט. 8־9 רייהע צו 20 סענט. דיזעס בעשלוס וואַהר אַהנגענעממען ווען מאַן האָט געזעהען דאָס צו פיל פּערזאָנען וועלען קוממען.״

„דעם 26סטן סעפּטעמבער 1900 קומט פאָר אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג אין קאָ־לאָניע נאָוועבוג נומער 1. דער אַקט איז זייער רײַך אין דעטאַלן וועגן אינסטרוק־ציעס, וואָס מ׳האָט געגעבן די קאָלאָניסטן: וועגן אַרט באַאַרבעטן די פעלדער און ספּעציעל די נייטיקייט פון בײַטן און נוצן גוטע זריעה. עס ווערט רעקאָמענדירט צו קויפן געמיינשאַפטלעך די נייטיקע זריעה און אַזוי אַרומער זאָל מען זײַן זיכער וועגן דער קוואַליטעט און פּראַסעדענץ פון דער זעלבער.

„דעם 11טן אָקטאָבער 1900 (חול־המועד סוכות) ווערט דורכגעפירט די אָוונט־אונטערנעמונג. ווי עס ווײַזט אויס האָט מען מיט 50 יאָר צוריק (איצט 60 יאָר) נישט געדאַרפט האָבן קיין „אַגריקולט״ אויף צו פאַרזאָרגן די סאָציאַלע און קולטור־רעלע פראַגן אין די קאָלאָניעס. און זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צײַט איז,

וואָס פאַר אַן ערנסטע באַציִונג דער „פאַראיין" האָט געהאַט פאַר די באַדערפענישן פון פאַרוויילונג פאַרן קאָלאָניסט.

„אין אַקטן־בוך איז פאַראַן אַ פּראָטאָקאָל, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט מיט אַלע איינצלהייטן דער אַנגעוויזענער יום־טוב. ס'איז פּשוט אַ גאַנצע רעצענזיע, און אַפילו אַ ביסל צו לאַנג. דאָך דענקען מיר, אַז ס'איז אינטערעסאַנט צו האָבן אַ ביסל געדולד און איבערלייענען דעם אַקט. אַזוי אַרום קען מען זיך באַקענען מיט יענע פּערזאָנען, טיפּן און פאַרוויילונגען און דעם לוסט נאָך קולטור פון די דעמאָל־טיקע קאָלאָניסטן, — אַ זאַך, וואָס הײַנט איז עס כמעט נישטאָ אין די קאָלאָניעס (נאָך צוריק מיט צען יאָר: 1950).

„די אָוונט־אונטערנעמונג פון 11טן אָקטאָבער אין קאָלאָניע נאַוועבוג נומער 1, וועלכע דער קאָמיטעט פון „ערשטן ייִדישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַראיין" האָט גע־געבן פאַר די קאָלאָניסטן פון אונדזער ראַיאָן: באַסאַווילבאַסאָ נ"ר 1־2, אַקערמאַן נ"ר 1־2 און לוסיענוויל, איז געווען גרויסאַרטיק אין פולן זין פון וואָרט.

„פון 6 אַ זייגער אָוונט האָבן אָנגעהויבן צו קומען די מאַסן געסט פון אַלע קאָ־לאָניעס, און אַלע צימערן פון דער גרויסער שולע זײַנען געוואָרן איבערפולט פון דאַמען, הערן, פרײַלינס און קאַוואַליערן, מיט מונטערע און פריילעכע געזיכטער. דער גרויסער זאַל, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט ווערדליק פאַר אַ טעאַטער, איז געווען גרויסאַרטיק און מיט געשמאַק דעקאָרירט: קראַנצן פון גרינע צווײַגן און בלומען האָבן אײַנגעהילט די ווענט און צווישן די סימעטרישע אָרקען האָבן ראַזע באַנדן זיך אַרויסגעצויגן. אַ שילד אויף אַ ראַזעווער פאָן שיין באַפּוצט, אויף וועלכער עס זײַנען גע־ווען אויסגעהעפטן די בוכשטאַבן P. S. A. J. די איניציאַלן פון Primera Sociedad Agrícola Israelita („ערשטער ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַראיין"). בײַ בייַ־דע זײַטן פון שילד האָבן זיך צווישן געדיכטע בלומען און קראַנצן געזען בילדער פון אונדזער וווילטעטיקן זעליקן באַראָן הירש און זעליקער באַראָנעסע קלאַראַ. דער זאַל פון טעאַטער און די אַנדערע צימערן האָבן געמאַכט זייער אַן אַנגענעמען אײַנדרוק. דער בופעט האָט אויך געגעבן גוטע האָפענונג צו פאַרברענגען זייער אַנגענעם און פריילעך. די זיץ־פּלעצער, וועלכע זײַנען צוגעגרייט געוואָרן פאַר 72 פּערזאָן, זײַנען אין דאָפּלטער צאָל פאַרמערט געוואָרן, אַ דאַנק דעם איבערפלוס פון געסט: לײַדער אָבער זײַנען פיל געסט אָן בילעטן געבליבן.

„די ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען „שמואליק שאַלטיק", אַ וואָדעוויל, פאַר־פאַסט פון אונדזער געשעצטן לערער ה' אלתר בראַצלאַווסקי, וועגן די בויער פון ייִדישן לעבן אין אַרגענטינע.

„ווי פּראָסט און קינדעריש־נאַיִוו עס איז געווען דער וואָדעוויל, דאָך האָט עס אויף אַלע אָנוועזנדיקע געמאַכט אַ טיפן אײַנדרוק. אַ וואַרעמע באַגײַסטערונג האָט יעדעס האַרץ דערפילט און אַלע האָבן מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפאָלגט די האַנד־לונג.

„די צווייטע פֿאָרשטעלונג איז געווען „פּאַטעל נאַר", אויך פֿון אַ. בראַצלאַווסקי. אַ קאָמישע סצענע: ה' מיכאל טאַלקאַטשיער אין דער ראָל פֿון פּאַטעל נאַר איז גע־ווען אַ טאַלאַנטפֿולער קאָמיקער. די אַלע אַנוועזנדיקע האָבן געלאַכט האַלטנדיק זיך ביַי די זיַיטן... דער פּאָרפֿאָסער אַליין אין דער ראָל פֿון ה' גוטמאַן האָט ווי אַן אַר־טיסט אַן ערנסטע ראָל געשפּילט פֿון אַ „סאַווערעמענעם" אינטעליגענט, מיט יידישע אַריסטאָקראַטישע זיטן און באַרעמהאַרציקייט.

„דער „ערב יום־כיפּור" לינעצקיס איז געווען לאַנגוויַיליק. דאָס באַוויַיזט, אַז דעם ה' בראַצלאַווסקי געלינגט בעסער צו פֿאָרשטעלן אייגענע ווערק איידער פֿרעמ־דע, איבערהויפּט ווען ה' בראַצלאַווסקי האָט אין דעם אַליין נישט פֿיגורירט... ה' יוסף איטערמאַן אין ראָל פֿון „אַפּיקורס" האָט מיט עפֿעקט פֿאַרגעשטעלט אַ טיפּ פֿון אַן אויפֿגעקלערטן יידישן פֿילאָזאָף... אָבער די קופּלעטן האָט ער איבערגעגעבן מע־כאַניש־אויטאָמאַטיש, נישט נאַטירלעך. ער איז אפֿשר אין דעם נישט שולדיק, וויַיל אין איין טאָג איז שווער אויסצולערנען אַ ראָל, וועלכע ס'זאָל נישט זיַין; דאָך איז מען מיט דעם אויך געווען גאַנץ צופֿרידן."

מיר האָבן אויסגעלאָזט די גרויסע רעצענזיעס, וואָס יצחק גרייַז האָט איבער־געגעבן מיט אַלע דעטאַלן. מיר האָבן נאָר פֿאַרצייכנט די מער וויכטיקערע עפּיזאָדן, בכדי צו ברענגען צו קענטשאַפֿט דעם הויכן קולטור־ניוואָ פֿון די קאָלאָניסטן אינעם בראשית פֿון דער קאָלאָניע לוסיענוויל, בשעת דער גרינדונג פֿון דער ערשטער אָר־גאַניזירטער עקאָנאָמיש־ווירטשאַפֿטלעכער געזעלשאַפֿט, און ווי אַ קאָנטראַסט פֿון לעאָן נעמיראָווסקיס אַקטואַציע לגבי לאַפּינס צוואַנגס־מיטלען, — צו דערגרייכן אַזאַ פּראָגרעס, פֿול מיט ענטוזיאַזם, מיט פֿרייד און ליבע און האָפֿענונג פֿאַר דער־פֿאָלגן אין דער צוקונפֿט (די אָרטאָגראַפֿיע און דער יידיש אין די לעצטע עטלעכע ציי־טאַטן האָט יצחק גרייַז אַליין פֿאַריידישט).

נעמיראָווסקיס איַינפֿלוס איז געווען גרויס און אַן אַ גרענעץ אויפֿן אָרגאַניזירטן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל. דער יום־טובדיקער טאָן האָט באַהערשט גרויס און קליין, פֿריַינד און קעגנער. דער „פֿאַראיין" איז באַלד געוואָרן דאָס האַרץ און די נשמה פֿון דער קאָלאָניע. די ווירקונג פֿונעם „פֿאַראיין" האָט גע־פֿירט צו אַ ברייט פֿאַרצוויַיגטער טעטיקייט. חוץ די עקאָנאָמיש־פֿינאַנציעלע און ווירטשאַפֿטלעכע אַקציעס האָט מען אויך געפֿירט אַ טעטיקייט פֿאַר די סאָציאַלע, קולטורעלע, דערציִערישע, קאָמונאַלע, נאַציאָנאַלע און סאַניטאַרישע הצטרכותן. די יום־טובים, טעאַטער־אונטערנעמונגען און די פֿאַרוויַילונגען זענען נישט פֿאַריבער גלאַט ווי עפּעס אַ הוליאַנקע. ווי אַ מוסטער ציטירן מיר וויַיטער דעם אויסגאַנג פֿו־נעם ערשטן ספּעקטאַקל, וואָס דער פֿאַראיין האָט פֿאַראַנשטאַלטעט:

„נאָכדעם האָט דער הער קאָסאָי געהאַלטן אַ רעדע „מעניני דיומא". און אַזוי ווי דער יום־טוב פֿון „פֿאַראיין" איז אויסגעפֿאַלן אין זעלבן טאָג פֿון יום־

טוב סוכות, האָט ה׳ קאָסאָי דערקלערט די באַדײַטונג פון דער „סוכה״ פאַר אונדז אייניקלעך קאָלאָניסטן פון אונדזערע אור־אור־אורעלטערן אין דער ביבלישער צײַט, פאַסטוכער און בויער אין דער צײַט פון סוכות, וואָס דאָס איז דער „חג־האָסיף״; דער ערנטע־פּײַערטאָג (יום־טוב פון שניט). דער קאָר־נאַוואַל „שמחת בית השואבה״, די צײַט פון די „עולי־רגל״־פּילגרימען, וועל־כע האָבן ביכורים געטראָגן און פאַרטיילט צו די אָרימע, נויטבאַדערפטיקע. און דאָ האָט ה׳ קאָסאָי באַנוצט די געלעגנהייט צו מיטטיילן די בײַוועזנדיקע, אַז מיר, ווי קאָלאָניסטן, זײַנען אויך פאַרפליכטעט צו געבן „ביכורים לחג האָסיף״, און נעמלעך: אין די לענדער רומעניע, רוסלאַנד, גאַליציע, לײַדן שרעק־לעך אונדזערע ברידער. און דאָ איז אונדזער הייליקע פליכט צו מיטהעלפן זיי מיט וואָס מיר קענען. גראַד צו דעם צוועק האָט די באַרימטע „אַליאַנס״ זיך געווענדט צו אונדז דורך אונדזער געשעצטן ה׳ נעמיראָווסקי מיטן צוועק צו זאַמלען נדבות, ווי עס ווערט געזאַמלט אין אַנדערע לענדער. און ווירק־לעך, דער ה׳ נעמיראָווסקי האָט שוין בײַ אונדז געזאַמלט די נדבות, וועלכע מיר האָבן מיט הייסן ווילן געגעבן.

נאָכהער האָט ה׳ קאָסאָי געטרונקען פאַר דעם צוקונפטיקן פּראָגרעס פון „פאַראיין״, פאַר דעם גליק פון קאָמיטעט און די מיטגלידער, און — פאַר אַלע איבעריקע קאָלאָניסטן.

„נאָכדעם האָט ה׳ נעמיראָווסקי געהאַלטן אַ וואַרימע רעדע, אין וועלכער ער האָט געדאַנקט אין נאָמען פון קאָמיטעט פון „פאַראיין״ אַלע אָנוועזנדיקע, די אימפּראָוויזירטע אַרטיסטן און הויפּטזעכלעך דעם ה׳ בראַצלאַווסקי, וואָס איז געווען די זעלע פון דער אָבענד־אונטערהאַלטונג און האָט געענ־דיקט מיט אַ קרעפטיקן „הוראַ״, וואָס אַלע אָנוועזנדיקע האָבן מיט באַגײַס־טערונג אונטערגעכאַפּט און האָבן אויפגעהויבן אויף די אָרעמס דעם ה׳ בראַצ־לאַווסקי און אייניקע אַנדערע — וועלכע צוליב באַשיידנהייט ווילן נישט פיגורירן מיט זייערע נעמען — און דערמיט האָט זיך געענדיקט דער טעאַטער.״

מיט דעם האָט זיך דער יום־טוב נישט געענדיקט. 11 אַ זייגער בײַנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן „דער טאַנץ־באַל״. אין זעלבן אַקט ווערט באַשריבן ווי אַזוי עס זײַנען צוגעגאַנגען די ערשטע דרײַ שעה. אויף צו פאַרענדיקן וועלן מיר ציטירן נעמי־ראָווסקיס לעצטע רעדע אויפן אָוונט:

„דער רעגן, וועלכער האָט 2 אַ זייגער בײַנאַכט זיך אָנגעהויבן, האָט נישט געשטערט דעם יום־טוב. אין קעגנטייל, ער האָט פאַרלענגערט דעם אונטער־האַלט ביז אין פרימאָרגן. צו די „מאָרגען־שטונדען״ האָט ה׳ נעמיראָווסקי באַגלייט מיט מוזיק און פיל אָנוועזנדיקע זײַנען געגאַנגען צום הויז פון ה׳ בראַצלאַווסקי, אונד פיר איין אויסדריקען פאַן דאַנקבאַר אים פאַר זײַן

אַנטהייל נעמען אַן דעם פעסט אײַן „גוט מאָרגען" געגעבען: נאָכדעם איזט מאַן הערײַן ווײַטער אין שולע, ווי הער נעמיראָווסקי האָט מיט וואָרעמגעפיל געזאָגט איין אָפּשיד־רעדע אונד האָט ערינערט הייליקע עררינערונגען, אַן די זעליגע באַראָן הירש אונד באַראָנעסאַ, וועלכע זעהען אויס ווי מילד פאַן זייערע בילדער, ווי מילד אונד אָפען זייער האַנט איסט אימער געוועזען, צײַט זיי האָבען געלעבט: צו העלפען זייער אָרימע געדריקטע גענאָסען, אַן דער גרויסער וועלט; הייליגע געפיהלע האָבען דיזע ערינערונגען ערוועקט אין די הערצער פון אַלע צוהערער, אונד אַלע האָבען מיט עהרע־בליקען זיך געווענדעט צו די ריהעגע פראַכטפאַללע בילדער אונד אויך מיט עהרע צו זייער געדעכעניס האָבן זיך אַלע פאַן זייערע פלעטצער אויפגעשטעלט.

„אום זעקס אוהר דען פריה מאָרגען האָבען אַלע געסט אָפּשײַד גענעמען אונד זיך צופאַהרען."

„זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן טעאַטער, האָט מען זיך ווידער גענומען צו דער קאָאָפּעראַטיוו, און אַזוי זעען מיר, אַז דעם 17טן אָקטאָבער 1900 ווערט דורכגעפירט אַ זיצונג, אין וועלכער עס ווערט באַהאַנדלט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער פירמע „דריזדאַלע עט ק." דיסקוטירנדיק די הנחות, וואָס דאָס הויז איז מסכים צו געבן דער קאָאָפּעראַטיוו, קויפנדיק אַ גרעסערע צאָל שנײַד־מאַשינען."

אויף דער זעלבער זיצונג זאָגט דער פּראָטאָקאָל:

„ה' פרידלענדער שלאָגט פאָר, דאָס מאַן זאָל קויפען די דרעש־מאַשין וואָס ה. פינוואַרב און ק. האָבען אויף אָקציעס. עס וואָר באַשלאָסן דיזען פאָרשלאָג אויף דעם גענעראַלען פערזאַמלונג פאַרלייגען."

„דעם 19טן אָקטאָבער 1900 ווערט דורכגעפירט אַן עקסטראַ פאַרזאַמלונג אין קאָלאָניע נאַוועבוג נומער 1.

„דער פרעזידענט, ה' פרידלענדער עפנט די זיצונג מיט די ווערטער: אַז „יעצט איזט זייער נויטיק צו בעשליסען אייניקע פראַגען וועליכע זינד וויכטיק פיר די קאָלאָניסטען, פאַר דער צײַט פאַן דער ערנעטע (שניט — קאָסעטשע), וועליכע וועט אין צוויי מאָנאַט אַרום זײַן: די פראַגע זינד: וועגען דעם קויף פאַדעם, בוימאייל אונד זעק, א. ז. וו. אויך וועגען צו גרינדען אין אונזער ראַיאָן פון קאָלאָניעס „ג. בוג", „אַקערמאַן" אונד „לוסיענוויל" איין פערזיכערונג־געזעללשאַפט פאַן בראַנד־שאָדען" (סעקוראַציע קעגן פײַער). עס אַנטוויקלט זיך אַ גרויסע דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אַנטייל פיל מיטגלידער, און דער ה' בלעכער פאַרלאַנגט: אַז אַלע מיטגלידער זאָלן פאַרפליכטעט זײַן קויפן זעק, פאַדעם, בוימאייל אין איין אָרט, און ווען נישט האָט קיין צוועק נישט איבערהויפּט דער „פאַראיין".

„הער נעמיראָווסקי מאַכט אים אויפמערקזאַם: „וואָס פיר אַ געפאַהר פיר דען פעריין פינדעט זיך אין דיזען פאַרשלאַג? מיר קאָנען ניט זעליכע בעדינגונגען שטע־

לען די מיטגלידער״. עס פאַרפירט זיך אַ ברייטע דיסקוסיע וועגן דעם ענין, אין וועלכער עס ווערן אויסגעדריקט פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דער פראַגע פון די ה״ה נעמיראָווסקי, בלעכער און אַנדערע. דער ה׳ נעמיראָווסקי אין זיין קעגנערשאַפט צום פאָרשלאַג פון ה׳ בלעכער פאַררופט זיך אויף דעם ווי עס האַנדלען אין דער פראַגע פאַראייניגן ביי אַנדערע פעלקער.

„מיר רוסישע אידען זינד וויניגער בעקאַנט דאַמיט ווי פאַריינען דאַרפען זיך פירען, וויל ביי אונז אידען איזט איבערהויפּט זייער וויניג פאַריינען דאַ.

„באַ אַנדערע פעלקער איז זייט אַ לאַנגע צייט ווי עס עקזיסטירן ביי זיי פערשידענע פעריינען. מיר דאַרפען דאַרום זעהען ווי זיי פירען זיך, אונד באַ איהנען לערנען, וויל זיי האָבען געוויס מער פראַקטיק אַלס מיר. באַ זיי הערשט פאָלגענדער פרינציפּ:

„די פעריינינגונגען זוכן צו גרייכען גוטע באַדינגונגען פאַר די מיטגלידער; די מיטגלידער שטייהט דאָס פרייה, מיט דיזע באַדינגונגען צו פראָפּעטירן, אָדער ניין. מאַן גייט אויס דיזען געדאַנק הערויס — דאָס יעדער ווייסט בעסער זיינע אינטערעסען, אונד יעדער קאָופט דאָרט, ווי ער ביליגער באַקומט. צווינגען דאַרום איזט גאַנץ איבעריג.״

(ש. י. הורוויץ: קאָלאָניע לוסיענוויל זייט 76).

אין קעגנטייל, האָט נעמיראָווסקי באַגרינדעט, אַז צווינגען דעם מיטגליד קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען מען דאַרף באַיקאָטירן אַ קאָמערץ־הויז אָדער ווען עס איז, וואָס ברענגט שאָדן דעם „פאַראיין״, אָבער נישט פאַרלאַנגען פון אַ מיטגליד, ער זאָל נישט קויפן דאָרט, וווּ אים ווייזט זיך אויס, אַז ער קריגט ביליקער.

און דאָך, נאָך אַלע זיינע אַרגומענטאַציעס, אויסטייטשונגען, וואָס עס לוינט יאָ און וואָס עס לוינט נישט פאַרן „פאַראיין״ און פאַר די מיטגלידער, האָבן אַ טייל פון די קאָמיטעט־מיטגלידער, ד״ה פון דעם דירעקטיוון ראַט, אָנגעהאַלטן זייער שטאַנדפּונקט: „אויב די מיטגלידער זיינען פריי צו קויפן און פאַרקויפן ווו זיי לוינט בעסער, איז דער גאַנצער עסק מיטן „פאַראיין״ נישט געווען כדאַי. די פּויערים זיינען פּראָדוצירער פון ווייץ, ליין, מאַיס, האָבער, גערשטן, קאָרן; בהמות, פערד, שאָף, עופות; פעל, וואָל, האָר, פאַר דער גרויס־אינדוסטריע. דער אינדיווידועלער שטייגער פון אויסברענגען די אַלע פּראָדוקטן איז אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקער עקספּלואַטאַציע פון פּריוואַטן און קליינעם קאָמערץ: די מילך־אינדוסטריע פאַר קעז, פּוטער, קאַסעין איז בכלל נישט מעגלעך אויסצוברענגען ספּאָראַדיש, מחמת אויף די פּראָדוקטן זיינען נישטאָ קיין פּריוואַטע קונים פון גרויסן פאַרנעם און מ׳דאַרף קאָנצענטרירן דעם פאַרקויף אין די ספּעציפישע מילכיקעריי־פאַבריקן, וועלכע פאַרטיידיקן בעסער זייערע געשעפטלעכע אינטערעסן. די פּויערים

קאָנסומירן אַלע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך; עסנוואַרג, שוכוואַרג, באַקליידונג; קויפן אין די הונדערטער: שנײַד־מאַשינען, באַראַנעס, זיי־מאַשינען, אַקער־אײַזן, שטעכיקן דראָט, שטריק, עמערס, רומענענט־מכשירים און אַלע נוצלעכע טיילן צו דער אַרבעט: צו בויען אַ צימער, אַ שײַער, פאַרריכטן די צעשטערטע און אָפּגע־נוצטע וווינונגען; קויפן אַלע יאָר דערזאַץ־טיילן צו די מאַשינען, וואָס ברעכן זיך אָפּ בשעת דער אַרבעט; קויפן אָפּט זריעות פון בעסערן מין; קויפן בעסערע קלאַסן קי פאַר מילך און רעפּראָדוקציע און דאָס זעלבע פערד, שאָף, עופות. די ראָל פונעם פאַראיין איז צו ווערן דער איינציקער פאַרמיטלער אויף אויסצוברענגען און אײַנצו־שאַפן אויף אַ קאָנצענטרירטן קאָלעקטיוון אופן די פּראָדוקטן און דעם קאָנסום פון א׳ ביז ת׳ פאַר די מיטגלידער. די 15 קאָלאָניסטן־פּיאָנערן האָבן דאָ געגעבן דעם מחבר פונעם פּראָיעקט און שעפער פון דער אידייע, דעם גרינדער פונעם „ערשטן יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַראיין״, די ערשטע לעקציע פון קאָאָפּעראַציע, כאָטש זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום אַנונג וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אַז אין דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט איז דער קאָאָפּעראַטיוויזם ווײַט און ברייט פאַר־שפּרייט און זײַן ווירקונג האָט געבראַכט פּאָזיטיווע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, קולטו־רעלע, דערציִערישע דערפּאָלגן.

איצט לאָמיר אַנאַליזירן יענע פּאַנאָראַמע: נעמיראָווסקי, אַן אינטעליגענטער און פאַרגעשריטענער מענטש, און די פּויערים, קליינשטעטלדיקע יידן. יענער גרינ־דעט דעם „פאַראיין״, אָבער לאָזט נישט אויסברייטערן די האָריזאָנטן, לויט די באַ־דערפענישן פון די פּויערים, און די לעצטע רעוואָלוציאָנירן אומבאַוווּסטזיניקערהייט אויפן שליאַך פון קאָאָפּעראַטיוויזם, כאָטש זיי האָבן אַפילו נישט געהערט פון די ראָשדײַלער פּרינציפּן. די לוסיענווילער פּיאָנערן אימיטירן אָבער יאָ באַוווּסטזיני־קערהייט זייערע ראָשדײַלער פאָרגייער. ווי עס קלינגט זייער דעפיניציע:

„נאָר אַלע מיטגלידער זאָלן פאַרפליכטעט זײַן קויפן זעק, פאָדעם, בוימ־
אייל אין איין אָרט, אונד ווען ניכט, האָט קיין צוועק ניכט איבערהויפּט דער
פעריין!״

ביידע צדדים האָבן זיך שווין פון לאַנג אײַנפאַרשטאַנען וועגן דער באַזע און די פּרינציפּן פאַרן פאַראיין: ד ע ר   אַ ד מ י נ י ס ט ר אַ ט אָ ר,   נ ע מ י ר אָ וו ס ־ ק י,   האָט געשטרעבט: סטאַביליזירן די ווירטשאַפט, באַפעסטיקן די עקאָנאָמיע, באַפרײַען די קאָלאָניסטן פון דער ייִקאָס שטיצע און שאַפן אייגענע מקורים פאַר לעבנסמיטלען, פאַר קולטור, פאַר געזעלשאַפטלעכקייט. זײַן הומאַניזם האָט אָבער נישט באַנומען אַזאַ בלוטיקן פּראָבלעם, וואָס האָט לחלוטין באַשוועדט די מאַטעריע־לע אינטערעסן פון גאַנצן כלל שאַפער פון אַזעלכע רײַכטימער; פון די אַגריקולטאָרן, וואָס באַשפּײַזן די וועלט און אַליין הונגערן זיי כסדר, מחמת דער גרויסער צאָל פאַרמיטלערס, צו וועלכע זיי זײַנען אונטערגעוואָרפן, און מחמת דער אומברחמנות־

דיקער עקספּלואַטאַציע, פון וועלכער זיי זײַנען אומבאַהאָלפענע און אומבאַשיצטע קרבנות... די פּויערים ווידער, האָבן נאָך געדאַרפט: אַ מנין, אַ שולכל, אַ בית־עולם, ציוניזם, וואָלטעטיקע צדקה־חברות. דאָס פאַרזאָרגן זיי זיך אַליין אָן שום זײַטיקער מיטהילף. די אַלע אינסטיטוציעס באַוועגן זיך פרײַ און כמעט אומאָפּהענגיק אין יעדער קאָלאָניע באַזונדער, מחמת די קאָלאָניעס זײַנען ווײַט אָפּגעזונדערט אויף צענדליקער און הונדערטער קילאָמעטער איינע פון די אַנדערע. אָבער די לאַנדווירטשאַפטלעכע אינטערעסן דאַרפן און מוזן זײַן קאָנצענטרירט אויף איין צענטראַלן פּונקט — אין אַ פאַראיין, וועלכער זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע, קאָלאָניסטישע שאַפונג, בכדי געמיינזאַם צו שטיצן און באַשיצן די פּראָדוקציע און די קאָנסומירונג פאַר אַלע ווירטשאַפטלעכע לעבנס־באַדערפענישן: אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע. (דער ראָשדײַלער פּרינציפּ).

„דער אַקט פונעם 19טן אָקטאָבער 1900 איז לאַנג און מיט אַ סך דעטאַלן וועגן דער דיסקוסיע. עס ווערן אויך באַהאַנדלט אַנדערע פּונקטן. צו לעצט ווערט אָנגענומען צו קויפן קאָלעקטיוו די נייטיקע זעק, פאָדעם און בוימאייל. אויך ווערט אויף דער פאַרזאַמלונג געגרינדעט די פאַרזיכערונג־סעקציע (Seguros contra Incendio).

„אויף דער זיצונג פון 25סטן אָקטאָבער ווערט אָנגענומען:

„פאַרקויפן צוזאַמען איין פּאַרטיע לײַן, אָדער ווייץ, אין נאָמען פון פאַראיין.״

די לוסיענווילער קאָלאָניסטן האָבן די ערשטע אין אַרגענטינע און אין גאַנץ דרום־אַמעריקע פאַרלייגט די פונדאַמענטן פון אויטענטישער קאָאָפּעראַציע, נישט האָבנדיק געהערט וועגן די טעאָרעטישע און פּראַקטישע גאָלדענע פּרינציפּן פון די אויסגעפּרוּווטע 28 ראָשדײַלער פּיאָנערן. די באַגרינדונג פון דער טעזע באַשטעטיקט דער אַקט פון דער אַלגעמיינער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פון דעם 6טן מערץ 1901: נישט וועגן דער פּראָצעדור, נאָר וועגן דעם אינהאַלט פון די באַריכטן און הויפּטזאַכלעך וועגן דעם באַריכט און דער רעדע, וואָס ל. נעמיראָווסקי האָט געהאַלטן פאַר די מיטגלידער, נאָכדעם וואָס ער איז דורכגעפאַלן מיט זײַנע אויספירן, „אַז די מיטגלידער זינד פרײַ צו קאָופען וואָ עס מער לוינענד פיר זיי איסט״.

„אום 2 אוהר נאָך מיטאַג האָבען די מיטגלידער פאָן פעריין אָנגעפאַנגען זיך צונויפצוזאַמלען: אויסער די מיטגלידער, זינד פיהלע אַנדערע קאָלאָניסטען אויך געקומען — אַ בעווײַז דאָס דער גענעראַלנער פערזאַמלונג האָט פיהלעס אינטערעסאַנטעס צו האָבען; די מיטגלידער זינד פאַר אַלעס גערופענד געוואָרדען אונד לויט דער געזעצליכען צאָהל מיטגלידער איז די גענעראַל־פאַרזאַמלונג ערהעפענד געוואָרדען. דער פּרעזידענט הערן מ. פרידלענדער עפענט דעם פאַרזאַמלונג אונד פאַנגט זיך אָהן דער אונטערהאַנדלונג אונד די דעבאַטען פאָן די מיטגלידער, וועליכע בעשטעהען אין פיהלע וויכטיקע געגענשטאַנדען וועליכע מיר דענקען יעצט איבערצוגעבן פּינקטליך.

„פּאָראויס שפּריכט אויס אונזער סעקרעטאַר הערר ל. נעמיראָווסקי פער־
געניגענט: דאָס דער גענעראַלנע פערזאַמלונג האָט שטאַטפינדען; נעמליך:
דאָס אויסער דען געזעצליכען צאָהל מיטגלידער דעס פעריינס, זינד אויך פיה־
לע פּאַרטיקולאַר קאָלאָניסטען געקומען — אַ בעווײַז דאָס דער פעריין אינ־
טערעסירט יעדען, אונד יעדער איזט איבערצײַגט דאָס דער פעריין האָט אין
דער וואַרהייט פערראורזאַכט מאַן זאָלל זיך מיט פערגעניגענדען אינטערעסן
אים זיך איבערגעבען; הער נעמיראָווסקי שטעלט פאָר דאָס דיא אַלע אויפ־
טראַגע וואָס די מיטגלידער האָבען פאָרגעגעבען דען קאָמיטעט צו טאָהן, איזט
געטאָהן געוואָרדען טרײַ אונד איבערגעגעבען אונד אַלעס איזט אַן בעסטע
אָרדנונג, אונד ווערענד דער „יודישער לאַנדווירטשאַפטליכער פעריין״ איז
ערשט פאָן אַ קורצער צײַט געגרינדעט געוואָרדען אונד האָט שוין זאַכליכע
פאָרשריטטע געמאַכט, איז דאָס אַ גוטער בעווײַז דאָס אים ווערט געלונגען
מיט דער צײַט זיך פעסט אָרגאַניזירען אין איין פעסטען קערפערשאַפט אונד
וועט פיהל, זייער פיל ערווערבען אונד אײַנקיפטע ברייגנגען זײַנע מיטגלידער.

„די ווערטער פאָן העררן נעמיראָווסקי זינד אויפריכטיק פאָן די בײַוווע־
זענדע אָהן געגעמען אונד מיט דאַנקבאַרקייט אָנערקענט: דיא בעווײַזע אונד
צײַגענישע זינד גענוג: די פיעלע בריעף אונד אַהן לאַהדונגען פאַן פיהלע גע־
שעפטס־הײַזער דאָס דער פעריין זאָל מיט איהנען געשעפט מאַכען. די רעבאַ־
כעס (הנחות) אויף אַרטיקלען וואָס יעדעס הויז האָט פאָרגעשלאָגען און אַמ־
לעצט די רעזולטאַטען פאָן די געקויפטע אַרטיקלען וואָס דער פעריין האָט גע־
קויפט פיר די מיטגלידער, ווי אויך פיר אַנדערע קאָלאָניסטען, אויך דער אײַנ־
דרוק וואָס דער פעריין האָט געמאַכט אויף אונזער נאָענטע אַלמאַסענעס (אַל־
געמיינע און שפּײַז־קראָמען) וועליכע האָבען שוין אָנגעפאַנגען פערקויפען בי־
ליג זייערע אַרטיקלען אויך, אונד ניכט רײַסען די זיבינטע הויט, פון דעם קאָ־
לאָניסטען, דאָס אַלעס צוזאַממען איזט אויך גענוג צו רעשפּעקטירען דעם
נאָממען „יודישער לאַנדווירטשאַפטליכער פעריין״ וועליכער האָט נאָך אויסער
זײַן מאַטעריעלנע וויגאָדען פּארטהייל, אויך מאָראַלנע און וועליכע יעדער
איזט איבערצײַגט און קאָן זיך איבערצײַגען ווערענד מאַן זאָלט אונטערזיכען
נאָך די פּראָטאָקאָלען פאָן יעדען פאַרזאַמלונג פאָן דיזען געגענוואַרטיקען בוך.

„און די אויפטראַגע וואָס דער קאָמיטעט האָט געהאַט פון זײַנע מיטגלי־
דער, האָט העררן משה אהרון בלעכער בעזאָנדערס איין טיפען אויסדרוק פאָן
דאַנקבאַרקייט פערדינט צו באַקומען; איז וואַרהייט, האָט דער מאַן פיהל גע־
האַט צו טאָהן, אונד האָט געטאָהן אַלעס מעגליך אײַנצוברענגען אײַנקופט
דעם פעריין אונד אײַנגעבראַכט עקאָנאָמיע פיעלע מיטגלידער — אונד זײַ־
טיקע קאָלאָניסטען אויך, — מיט אײַנקויפן פיהלע נויטיקע אַרטיקלען אין

די ביליגסטע פּרייזן. דער מאַן פערדינט נאָך מער דאַנקבאַר זיין איבער די אַלע אונאַנגענעמהייטן וואָס ער האָט געהאַט פאָן פערזענליכע פיינדע פאַר־ווירפע פאָן אונזער היזיקע אַלמאָסענעראָס (קרעמערס).״

מיט צוויי־דריי יאָר צוריק, אונטער לאַפּינס ממשלה אין ענטרע־ריאָס, איז אָנ־געגאַנגען אַ ווידערשטאַנד־קאַמף קעגן די קאָנטראַקטן, וואָס די יק״אַ האָט צוגעשטעלט פאַר די קאָלאָניסטן און די האָבן זיי אָפּגעוואָרפן און נישט געוואָלט אונטערשרייבן. וועגן דער דאָזיקער קאָנטראַקטן־פּאָליטיק וועלן מיר אַ ביסל ווייטער, אינעם קאַפּיטל וועגן דער גרינדונג פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל״, ריידן באריכות. אויך נעמיראָווסקי האָט פאַרהאַנדלט מיט די קאָלאָניסטן פון לוסיענוויל און געראָטן זיי זאָלן אונטער־שרייבן, אָבער אויך דאָ האָבן זיי געשטעלט אַזאַ ווידערשטאַנד, ווי אין קלאַראַ. אָבער דער איינפלוס פונעם פאַראיין איז געווען אויף אַזוי ווייט גרויס, און דער צוטרוי צו די אייגענע פירערס איז געשטיגן צו אַזאַ הויכער שטופע, אַז די דערמאָנטע מיט־גלידער־פאַרזאַמלונג האָט אויפגעגעבן דעם באַיקאָט קעגן דער יק״אַ און באַשטימט צו מעלדן אין דער צענטראַלער אַדמיניסטראַציע, אַז אַלע מיטגלידער האָבן איינגע־וויליקט אונטערצושרייבן די קאָנטראַקטן.

„נאָכדעם ווירד פאָן פיהלע מיטגלידער דעס פעריין געפאָדערט דאָס דער קאָמיטעט זאָל מיט איינער טעלעגראַמע מיטטהיילען דען העררן לאַפּין דאָס אַלע מיטגלידער פאָן פעריין האָבען אונטערגעשריבען דיא קאָנטראַקטען, וואָס די איק״א האָט געמאַכט מיט דיא קאָלאָניסטען; דיעזער אויפטראַג איז ער־פיהלט געוואָרדען און די טעלעגראַמע איזט געשיקט געוואָרדען. אויף דער טע־לעגראַממע איז אונטערגעשריבען ה׳ א. פריידענבערג.

„צו לעצט ווערט נאָך אויסגעאַרבייט איין פונקט צי די סטאַטוטען, נעמ־ליך: דאָס ביי 10 מיטגלידער קאָן דער פעריין אויך עקזיסטירען.״

יצחק גרייז פאַרענדיקט זיין אַרטיקל אַזוי:

„אין דעם אַרטיקל האָבן מיר באַרירט אייניקע אַקטן, וואָס באַהאַנדלען די אַק־טיוויטעט פון די גרינדער פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל״, אין דעם פעריאָד פון די ערשטע 7 חדשים פון דער גרינדונג, און ס׳איז בפירוש אַ שאָד, וואָס איבער דער באַגרענעצטקייט פון פּלאַץ אין אַן אַרטיקל קאָנען מיר ניט פאַרזעצן אָט די באַשרייבונג. מיר זאָגן, אַז ס׳איז אַ שאָד, ווייל וואָס מער מ׳לייענט דעם פּראָטאָ־קאָלן־בוך; וואָס מער מען באַקענט זיך מיט דער אַקטואַציע פון אָט די אידעאַליסטן, אַלץ נאָבעלער, שענער און ערלעכער זיינען די געשטאַלטן, אַלץ מער וואַקסן אויס פאַר אונדזערע אויגן די גרויסקייט און פערזענלעכקייט פון די זעלבע.

„זייער ווערק און וויזיע, זייער איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש פאַרן ווילזיין פון די קאָלאָניסטן, האָט פאַרדינט, אַז אַ היסטאָריקער זאָל ווידמען אַ ספּעציעל בוך פאַר זיי.

„און אַזוי ווי דער וועלט־קאָאָפּעראַטיוויזם אָנערקענט די באַדײַטונג און פּאַר־דינסטן פונעם ווערק, וואָס ס'האָבן געשאַפן די ראָשדײַלער, אַזוי דאַרף דער אַרגענ־טינער קאָאָפּעראַטיוויזם פּאַראייביקן דעם אָנדענק פון די גרינדער פון דער ערשטער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין לאַנד, די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל".

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון ל. נעמיראָווסקי און א. בראַצלאַווסקי

ווען אַפילו אין קורצן, איז דאָך וויכטיק און אינטערעסאַנט צו באַקענען די לייע־נער און אַוודאי די פּאַראינטערעסירטע פאָרשער פון דער ייִדישער אַגראַר־קאָאָפּעראַ־ציע און ייִקאַ־קאָלאָניזאַציע מיט די צוויי זעלטענע אידעאַליסטישע זײַטיקע פּיאָנערן — דעם ייִקאַ־אַדמיניסטראַטאָר לעאָן נעמיראָווסקי און דעם לערער פון דער ייִקאַ־שולע א. בראַצלאַווסקי, וואָס זייער אַקטואַציע איז שוין באַקאַנט.

וועגן דער פיגור פון לעאָן נעמיראָווסקי האָט ש. י. הורוויץ איבערגעגעבן אַ קליינע ביאָגראַפישע נאָטיץ, אין זײַן „געשיכטע פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל", אי־נעם קאַפּיטל „ערשטער ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַראיין", און איבערגעחזרט אינעם נומער 1 „אַרגענטינער ייִוואָ־שריפטן", א"ט „די קאָאָפּעראַטיוון אין די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע". וועלן מיר זיך בײַ דער געלעגנהײַט אויך אַזוי נוהג זײַן ווי בנוגע דעם „ערשטן פּראָטאָקאָלן־בוך" פון יצחק גרייז און מיר וועלן ציטירן אַ טייל פון אַן אַרבעט פונעם ערשטן סעקרעטאַר פונעם „פאַראיין", מ. קאָסאָי, פאַרעפנטלעכט אינעם אַלבאָם, צום 25סטן אַניווערסאַר פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ", וואָס די באַטרעפנדיקע קאָאָפּעראַטיוו האָט אַרויסגעגעבן לכבוד דעם דאָזיקן יובל (באַסאַווילבאַסאָ, 16טן אויגוסט 1925), אונטערן טיטל: „אונדזער קאָלאָניסטישער יום־טוב".

צווישן אַנדערעס שרײַבט מ. קאָסאָי:

„אַ משך פון 5 ־ 6 יאָר האָט געהערשט אַזאַ שטימונג אין די קאָלאָניעס, און ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אומגינסטיקע און געפערלעכע קאָנסעקווענצן וואָלטן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט, ווען צו יענער צײַט זאָלן זיך ניט געווען געפינען עטלעכע „יחידי סגולה", וועלכע האָבן מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַמווייניקסטן טיילווײַז, געקענט באַהערשן די סיטואַציע, באַרויקן די געמיטער און צעטרײַבן די וואָלקנס פון יאוש, ספיקות און נידערגעשלאָגנקייט. עס וואָלט פאַרנומען פיל פּלאַץ זיך מער פאַרשפּרייטן מיט די דערינערונגען פון יענער נעפּלדיקער צײַט, און לײַדער מוז איך זיך באַשרענ־קען מיט די געשעענישן, וועלכע האָבן גורם געווען יענע שטורעמדיקע יאָרן — איבער אַנדערע סיבות אויך. נאָר אַזוי ווי דאָס וועט ממילא אַמאָל פאַרצייכנט ווערן דורך יענעם, וואָס וועט שרײַבן די היסטאָריע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענ־טינע און דורך דער ייִקאַ, דעריבער וויל איך אַצינד צוקומען צום סאַמע בולטסטן, נאָר

צו דער הויפּט־סיבה, וואָס האָט גורם געווען, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע זאָל זיך סטאַביליזירן און אַרויף אויף אַ וועג פון שלום, פּראָגרעס און אַרבעט, און נעמלעך — די באַשאַפונג פון דעם „ערשטן יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַראיין".

„ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, זיינען געווען ביי אונדז עטלעכע „יחידי סגולה", וואָס האָבן געוואָלט שאַפן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל צונויפנעמען די פּרודי לבבות; וואָס זאָל אַלעמען פאַראייניקן אין איין קערפּערשאַפט מיט אַ „קשר קיימא".

„אין כלי מחזיק ברכה לישראל כהשלום", און אָט דעם „כלי מחזיק ברכה" האָט מען באַדאַרפט באַשאַפן, און דאָס צו באַשאַפן האָט מען באַדאַרפט דעם „בורא".

„דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער גורל פון דעם „בורא" זאָל פאַלן דווקא אויף איינעם פון די יק"א־אַדמיניסטראַטאָרן, נעמלעך, אויף דעם ה' נעמיראָווסקי. איך וויל דעריבער דאָ זיך אָפּשטעלן, כדי אין קורצע שטריכן כאַראַקטעריזירן די אינטערע־סאַנטע פּערזאָן:

„פון פּראָפעסיע אַן אַגראָנאָם; קאָמוניסטיש געשטימט; אַ פאַרברענטער אָנהענ־גער פון פ. קראָפּאָטקינס תורה; מיט אַ רעליגיעזן טעמפּעראַמענט צו אַלץ וואָס איז אידעאַליסטיש; אַ גרויסער ענטוזיאַסט פון אַלץ, וואָס איז פּערפעקט, ריין און נאַטיר־לעך, — גלייבנדיק, אַז אַ בויער איז נאָר דער, וואָס נעמט אַלץ פון דער ערד און ווענדט אָן צו דעם מאָדערנע מכשירים... (די קאָלאָניסטן פלעגן אים שוין מוחל זיין זיינע פּרימיטיווע פאָדערונגען ווי אַזוי צו פירן די ווירטשאַפט).

„אָט דעם מענטשן, דעם גרויסן אידעאַליסט מיט קינדערשער נאַיוויטעט, האָבן מיר אפשר צו פאַרדאַנקען אונדזער „סאָסיעדאַד", בפרט און בכלל אַלע קאָאָפּעראַטי־ווען אין אַרגענטינע (ווייל אונדזערע איז די ערשטע). אָט דער מענטש איז געווען דער בורא פון אַ יש מאין.

„ווער פון די באַזוכער אין דער אַדמיניסטראַציע פלעגט ניט טרעפן אָט דעם „בעל־חלומות" שטענדיק שפּאַנענדיק מיט ברייטע טריט, פאַרטראָגן און פאַרטראַכט אין זיינע רעיונות און אידייען, ניט באַמערקנדיק קיינעם, ביז מען האָט אים ניט באַ־דאַרפט ממשותדיק אָנמערקן.

„אָט דערינער איך מיר אַ פרימאָרגן, ווען איך האָב באַזוכט די אַדמיניסטראַציע וועגן אַן אָנגעלעגנהייט פון מיין רעספּעקטיווער קאָלאָניע, נ. בוג 2, אַלס פאָרשטייער.

„איך באַגריס אים פריינדלעך (זייענדיק שוין פון אַ צייט מיט אים באַפריינדעט). ער הערט נישט מיין באַגריסונג, נישט ער באַמערקט מיין אָנוועזנהייט. אַרומגייענדיק אין הויף פון דער אַדמיניסטראַציע, פאַרטיפט ווי תמיד, אין זיינע, גאָט ווייסט וועלכע, רעיונות. ניט האָבנדיק קיין געדולד, און אגב איז מיין שליחות געווען פון אַ שנעלער נויטווענדיקייט, איבער אַן ענין פון אַלגעמיינעם אינטערעס פון מיין קאָלאָניע, בין איך צו אים צוגעגאַנגען, זאָגנדיק אים אין שפּאַס: „הער נעמיראָווסקי! איר רעכנט אוודאי וויפל לעגווס (אַ לעגווע איז 5 קוואַדראַט־קילאָמעטער) קאַמפּ האָט די פּראָ־

ווינץ ענטרע־ריאָס, כדי צו וויסן צי די מיליאָנען פון באַראָן הירש וועלן זײַן געניגנד צו קויפן"...

— „אָ, פאַרצײַט, ה' קאָסאָי — איר האָט נעמלעך כמעט געטראָפן. איך האָב אָבער ניט גערעכנט, אַז מיטן באַראָן הירשס מיליאָנען קאָן מען קויפן לעגוועס ערד. עס זײַנען דאָ גרעסערע אוצרות מיט וואָס צו דערווערבן, און אָט די אוצרות זײַנען שוין דאָ בײַ אײַך, — בײַ בערלען, שמערלען, זרחן און ברוכן (אַזוי, דאַכט זיך מיר, זאָגט „שלום־עליכם". — זיין, נעמיראָווסקיס, באַמערקונג), אָבער אָט די אַלע מענטשן מוז מען און מען באַדאַרף צונויפנעמען אַאַז"וו, אַאַז"וו.

„אַזוי שמועסנדיק, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, זײַנען מיר אַרײַן אין ביוראָ (איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן אין דער סיבה פון מײַן קומען). מיר זײַנען געזעסן היפּשע עטלעכע שעה. ער האָט פאַר מיר עקספּאָנירט זײַנע אַלע אויסגעאַרבעטע פּלענער פון „קאָאָפּעראַטיוויזמוס", מאַלנדיק פאַר מיר ברייטע און רײַכע האָריזאָנטן: די גליקלעכע צוקונפט פון אַזאַ געזעלשאַפט, מיט אַלע ראָזעווע פאַרבן, פון גליק און פרידן. איך בין געזעסן פאַרכישופט, האָב זיך געפילט ווי אונטער אַ היפּנאָטישער קראַפט.

„אָט, איר זעט, ה' קאָסאָי, מײַנע פּלענער זײַנען פּאַרטיק; איך מוז אָבער האָבן טיכטיקע און איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער. איך האָב שוין מײַנע פּלענער עקספּאָנירט פאַר בראַצלאַווסקין, צענטנערן, פרידלענדערן און בלעכערן און מיר מוזן האָבן אַ צוזאַמענשמועס איבער דעם ענין. אַלזאָ, דעם נאָענטסטן שבת לאַד איך אַלעמען אײַן אויף אַ פאַרזאַמלונג, כדי צו שטודירן די זאַך אין די פּרטים און דאָ וועלן מיר באַשטימען אַ טאָג און אָרט, ווו צו פאַרופן די קאָלאָניסטן און רעאַליזירן די פאַרמירונג פון אונדזער „פאַראיין".

„און דאָס איז געשען. דעם קומענדיקן שבת האָבן מיר, די אויבנדערמאָנטע פּערזאָנען, זיך פאַרזאַמלט אין דער אַדמיניסטראַציע, אימפּראָוויזירט אַ קאָמיטעט „לעגיסלאַטיוואָ" און „עקזעקוטיוואָ", מיט ה' אלתר בראַצלאַווסקי אַלס פּראָוויזאָרישן סעקרעטאַר.

„איך קען ניט פאַרשווײַגן און ניט פאַרשטעלן, אַמווינציקסטן אין קורצע שטריכן, די פּערזאָן פון דעם ה' בראַצלאַווסקי, וועלכער האָט געלײַסטעט אַזוי פיל מי און איבערגעגעבנקייט דעם באַשאַפן פון פאַראיין און אין משך פון כמעט אַ פאַר צענדליק יאָרן ביז זײַן פריצײַטיקן טויט.

„דאָס איז געווען אַ מענטש מיט זעלטענע מידות פון אַ „מעורב בין הבריות", מיט אַ זעלטענעם געדולד זיך צוצופּאַסן צו דער סביבה, צו אַלע מענטשן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען און מיינונגען. און פון יעדן איינעם זײַן מיט ליבשאַפט און רעספּעקט געאַכטעט. אַליין אַ הייסער חובב־ציון, פון דער אדעסער באַוווסטער חובבי־ציון־שולע, אַ גרויסער אידעאַליסט־נאַציאָנאַליסט, וועלכער האָט געטרוימט, אַז די־

אַרגענטינער יידישע קאָלאָניזאַציע איז אַ „פּרוזדור לפני טרקלין", אַ דרך עקלתון פון אַרגענטינע קיין ארץ־ישראל...

„איינער פון די וויכטיקסטע יידישע לערערס פון ייקאַס שולעס, אַ גרויסער פּע־דאַגאָג און דערצו מיט אַ געבוירענעם אַרטיסטישן טאַלאַנט, האָט ער אויף אַלע גע־ביטן פאַרשפּרייט קולטור אין קאָלאָניע. איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער ערש־טער פאַראיין־ביבליאָטעק, דער גרינדער פון אַ טעאַטער־סטודיע אין קאָלאָניע. און וווינענדיק אין נאָוועבוג נ׳ 2, שאַפט ער אַן אָוונט־שולע פאַר עלטערע, וועלכע וואָלט געגעבן די בעסטע רעזולטאַטן, אָבער, ליידער, מיט זיין איבערגיין אין דער קאָלאָניע נומ׳ 1, ווערט זיין אַרבעט אָפּגעשטאָרבן. פאַרשטייט זיך, אַז אויב ה׳ נעמיראָווסקי איז געווען דער בורא פון דעם „סאָסיעדאַד" (פאַראיין), איז ה׳ בראַצלאַווסקי געווען די רעכטע האַנט זיינע, כדי די אידייע ממשותדיק דורכצופירן אין לעבן".

לעאָן נעמיראָווסקי האָט שוין געהאַט די פאַראָרדענונג איינצומאָנען ביי די קאָ־לאָניסטן די יערלעכע ראַטעס פאַר די נחלות, לויטן קאָנטראַקט. דער שניט איז ניט ביי אַלע גלייך געראָטן. עס זיינען גראַד געווען אַרבעטזאַמע פּויערים, אָבער דער קלעג־לעכער אויסגאַב פון דער תבואה האָט ממש געשאַפן נויט. דער דאָזיקער טייל האָט בשום אופן נישט געקאָנט נאָכקומען ייקאַס פאָדערונגען. נעמיראָווסקי האָט ווי ווייט מעגלעך אָפּגעוויכט פון זיינע פליכטן לגבי די דאָזיקע. ער האָט זיי געטרייסט, גע־מוטיקט און אַרויסגעהאָלפן לויט זיינע מעגלעכקייטן. פאַר דער אומדיסציפּלינירט־קייט האָט ער געהאַט אַ סך ניט־אָנגענעמע פאַרוואורפן. די ווייטערדיקע פאַקטן וועלן נאָך מער באַפעסטיקן די געבראַכטע כאַראַקטעריסטיק:

די גענעראַל־דירעקציע אין בוענאָס־איירעס האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן, אַז די יערלעכע ראַטעס זאָלן ווערן איינגעמאָנט אויפן שטרענגסטן אופן. און בכדי צו געבן אַ לעקציע דעם אַדמיניסטראַטאָר נעמיראָווסקי, ווי אַזוי ער דאַרף זיך נוהג זיין, איז ספּעציעל געקומען קיין לוסיענוויל דער גענעראַל־דירעקטאָר דוד ווענעציאַני; ער האָט פאַרגרייט אַן עקזעקוציע (עמבאַרגאָ), האָט גענומען די פּאָליציייִשע באַדינער און איז באַפאַלן דעם קאָלאָניסט דאָקטאָראָוויטש. אָבער דאָ האָט ווענעציאַני געליטן אַ גרויסן דורכפאַל. נעמיראָווסקי האָט באַצייטנס אינפאָרמירט די קאָלאָניסטן וועגן דער עקזע־קוציע און זיי האָבן באַלאַגערט די קאָלאָניסטישע היים און ווענעציאַני האָט גאָר נישט געקאָנט אויפטאָן. דער שטרענגער קעגנער פון אַזאַ אומברחמנותדיקער פּראָצעדור האָט אויך אין דעם פאַל אָרגאַניזירט אַ סאָלידאַרישן אַקט. די געטריישע האַרציקע נשמה האָט געוויקט, האָט נישט אויסגעהאַלטן און אין יוני 1904 האָט ער געמאָלדן די קאָלאָניסטן, אַז ער האָט דעמיסיאָנירט פון זיין פּאָסטן אַלס אַדמיניסטראַטאָר. דעם 13טן יוני האָט דער „פאַראיין" פאַררופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלי־דער און פון אַלע קאָלאָניסטן, אויף צו דערפילן דעם פאַרלאַנג פון נעמיראָווסקין, צו געזעגענען זיך מיט דער קאָלאָניע.

פון זײַן געזעגענונגס־רעדע איז כדאַי איבערצוגעבן עטלעכע זייער וויכטיקע זײַנע ביאָגראַפישע דאַטן:

„הײַנט — זאָגט נעמיראָווסקי — ווערט 7 יאָר, זינט איך האָב באַטראָטן מײַן פּאָסטן בײַ דער יק״א: זאָל זײַן געבענטשט יענער טאָג, ווײַל מײַן ווונטש, מײַן שטרעבונג צו דינען מײַנע אָרעמע געדריקטע ברידער איז דערפילט געוואָרן.

„נאָך אין מײַנע יונגע יאָרן, ווען איך האָב שטודירט אין דער צײַט פון ייִדישע פּאָגראָמען (געמיינט פּאָגראָמען אויף ייִדן — ב. ה.) אין רוסלאַנד; שוין אין יענער צײַט, ווען די ייִדישע אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, — נאָך דאַן האָב איך באַשלאָסן צו באַגלייטן מײַנע ברידער. און גראָד אין יענער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג פון באַראָן הירש.

„איך בין געווען דאַן אַן אָנגעשטעלטער אויף די גיטער פון באַראָן גינצ־בורג, און אין טאַלנע האָט זיך פאָרמירט אַ גרופּע עמיגראַנטן אַריבערצופאָרן קיין אַרגענטינע. האָט מען מיר באַאויפטראַגט צו זײַן איר פאָרשטייער. איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען און האָב וועגן דעם געמאָלדן דעם באַראָן גינזבורג ער זאָל מיך רעקאָמענדירן צום באַראָן הירש. אָט ווי איר זעט, בין איך 7 יאָר געווען צוזאַמען מיט אײַך אין מײַן פאַראַנטוואָרטלעכן דינסט, אַלס אַד־מיניסטראַטאָר פון דער יק״א, וואָס איך האָב גערן דערפילט נאָך מיינע כוחות.

„איך האָב אָבער ניִשט פאַרגעסן צו דערפילן מײַן פליכט צוצוהערן זיך צו דער שטימע פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס איז די שטימע פון גאָט, און האָב זיי געהאָלפן פאַרטיידיקן — לויט מײַנע קרעפטן — זייערע אינטערעסן, וועלכע זײַנען געווען בײַ מיר טײַערער ווי מײַנע אייגענע.

„דער „פאַראיין" וועלכן איך האָב געגרינדעט צו אייערע גונסטן. ווי איר זעט, גייט אַרײַן אין אַ פּאַזע, ווו ער ווערט דער פאַרמיטלער צווישן אייערע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער יק״א. איצט, ווען איך פאַרלאָז מײַן פּאָסטן און שייד זיך פון מײַן אַקטיווער מיטאַרבעט אין „פאַר־איין", בלײַבט פאַר אײַך צו שטיצן מיט אַלע מיטלען אָט די אינסטיטוציע פון פרידן צווישן אײַך און דער אַדמיניסטראַציע. איך ראָט אײַך יעדע זאַך דורכצופירן דורכן קאָמיטעט, אָן קריג און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. נאָר מיט פאַרנונפט און דורך פרידלעכע אײַנפאַרשטענדענישן וועט איר אַלץ פועלן בײַ דער געזעלשאַפט יק״א, וועלכע זוכט און ווינטשט אײַער ווווילזײַן". (ש. י. הורוויץ: קאָלאָניע לוסיענוויל; זײַטן 85־86).

פאַרגייערס פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל"

(1899—1904)

דער „פאָנדאָ קאָמונאַל" איז די צווייטע גרויסע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין די ייִדישע קאָלאָניעס. אין גרויסקייט און אין פאַרנעם האָט זי איבערגעשטיגן דעם „פאַראיין" פון לוסיענוויל, און שפּעטער אַלע אַנדערע, וואָס האָבן זיך שטופּנווײַז, לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, געגרינדעט און איז פאַרבליבן ביז הײַנט צו טאָג (1960) די גרעסטע ערשט־ראַנגיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַגראַר־עקאָנאָמישע אינסטיטוציע. אָבער איר אַנטשטייונג איז צוגעגאַנגען לאַנגזאַם און שווער, צוליב די קאָמפּליקאַציעס צווישן דער אַדמיניסטראַציע און די קאָלאָניסטן — ווי יענע, וואָס מיר האָבן שוין ציטירט אין אַ פריִקן אַרטיקל, ריידנדיק וועגן אָנהייב פון לאַפּינס אַניציאַטיוועס.

אין 1901 האָט שוין דער „ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַראיין" פון לוסיענוויל געמאַכט פאָרשריט און דער אַדמיניסטראַטאָר נעמיראָווסקי איז אָנגעגאַנגען דערפאָלגרײַך מיט זײַנע פּראָגראַמאַטישע פּלענער פאַרן פּראָגרעס אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווען לאַפּין האָט נאָך אין דער קאָלאָניע קלאַרא נישט באַוויזן אין דעם זינען אויפצוטאָן עפּעס ממשותדיקס. אָבער אין די ייִקאַ־ספערן פון פּאַריז און אין בוענאָס־איירעס האָט מען געפאָדערט פון די אַדמיניסטראַטאָרס, אַז זיי זאָלן אָנווענדן אַלע מיטלען און אָרגאַניזירן אין די קאָלאָניעס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס אויף קעגנזײַטיקע יסודות, בשותפות מיט דער ייִקאַ. די ייִקאַ האָט דאָ גוט באַנומען די לאַגע פון די קאָלאָניסטן. זי האָט אײַנגעזען, אַז אָן איר פינאַנציעלן בײַטראַג וועט די קאָלאָניע נישט אויפלעבן אַזוי גיך און זי איז געווען גרייט צו שטיצן מיט אירע געלטער אַ קרעדיט־געזעלשאַפט, אָדער ווי מ'האָט זיי דעמאָלט גערופן: הילפס־קאַסעס. זי האָט געהאַט דערבײַ אַ טאָפּלטן ציל: ערשטנס, אַרײַנצופירן די קאָלאָניסטן אויף אַ מעטאָדישן אופן צו פאַרוואַלטן מיט זייערע אינטערעסן דורך אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע בײַשטײַערונגען פאַרן סאָציאַלן קאַפּיטאַל און פאַר די הלוואות פון דער ייִקאַ. צווייטנס, האָט זי באַצוועקט מיט דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צו שאַפן פעסטערע מקורים פון באַלדיקע הכנסות פאַר טעגלעכער חיונה און אָפּשטעלן די שטיצע, וואָס זי גיט שוין אַ צענדליק יאָרן און עס דאַרף אויך דערצו נעמען אַ סוף.

אָט ווײַזט מען אָן, אַז דער לוסיענווילער „פאַראיין" שמט מיט זײַן פּראָגרעס עקאָנאָמיש, ווירטשאַפטלעך, סאָציאַל און אַפילו קולטורעל. אַ קלענערער קיבוץ פון קלאַראַ און שטעלט זיך אַליין אויף די אייגענע פיס.

אויף דעם סמך האָט מען אין קלאַראַ געמאַכט עטלעכע פּרוון, וואָס האָבן זיך נישט אײַנגעגעבן. הגם מען דערציילט אַ סך אויסטערלישקייטן וועגן די אופנים

פון דער גרינדונג און אונטערגאַנג, איז נישט דאָ אונדזער אויפגאַבע צו פאַרנעמען זיך מיטן אויספאָרשן אַלע נעגאַטיווע פאַקטאָרן, וואָס האָבן נישט געבראַכט קיין נוצן פאַר די קאָלאָניעס. מיר וועלן נאָר פאַרצייכענען אַ פּאָר, וואָס רעכענען זיך פאַר די פאַרגייערס פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל", בכדי נאָך מער צו באַקרעפטיקן אונדזערע טעזיסן בנוגע דעם אינטערעס, וואָס די יק"א האָט אַרויסגעוויזן צו אָרגאַניזירן דאָס עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטלעכע לעבן פון די פויערים.

אין 1902 זײַנען געקומען פון פּאַריז קיין אַרגענטינע די צוויי הויפּט־דירעקטאָרן: ס. זאָנענפעלד און אַווערבוך. ווען זיי האָבן באַזוכט די קאָלאָניע קלאַראַ, האָבן זיי באַנײַט לאַפּינס פאָרשלאָג, — צו גרינדן אַ הילפס־פאַראיין בשותפות מיט דער יק"א. ווי אַ פּועל־יוצא פון זייער איניציאַטיוו, איז אַ סברה געווען די גרינדונג פון אַ קעגנזײַטיקן אונטערשטיצונגס־פאַראיין, מיט אַ פאַרטיקן רעגלאַמענט פון גאַנצע 23 אַרטיקלען. פאַר יענער צײַט איז דער רעגלאַמענט געווען אַ גאַנץ פאַרגעשריטענער. דער מחבר איז געווען אַ פשוטער קאָלאָניסט, מיטן נאָמען יצחק פרידלאַנד. דער טיטל אויף אַ געדרוקטן שער־בלאַט אין שפּאַניש איז:

Reglamento de la Sociedad Protectora y de Socorros Mutuos de la Colonia Clara y de la Jewish Colonization Association.

1903 [7]

Imprenta G. Zeitlin, Cerrito 421, Buenos Aires

דערצו קומט אַ פוס־נאָטע מיט פּעטיט־שריפט: Sociedad Precursora del Fondo Comunal.

היות דער רעגלאַמענט איז אָפּגעדרוקט אין שפּאַניש און ברענגט נישט די דאַטע פון טאָג, חודש און יאָר, איז צווייפלהאַפט די דעפיניטיווע גרינדונג פון אונטערשטיצונגס־פאַראיין, ווי אויך זײַן טעטיקייט, און קיינער געדענקט ניט די עקזיסטענץ פון יענער געזעלשאַפט. אָבער צוליב דער וויכטיקייט פון די תקנות, וועלן מיר איבערגעבן, אין אַ פרײַער איבערזעצונג, דעם אינהאַלט פון אַ פּאָר געציילטע אַרטיקלען:

אַרטיקל 2 — די צילן און אויפגאַבן זײַנען: צו ראַטן, שטיצן און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די מיטגלידער. זײַן די פאַרמיטלערן צווישן זיי און דער יק"א. וואַכן, עס זאָל הערשן שלום און פאַרשטענדעניש צווישן די באַטרעפנדיקע צדדים: א) זײַן די פאַרמיטלערן צווישן די מיטגלידער אין זייערע אייגענע באַציִונגען: ב)

---

[7] אַ קאָפּיע פון דעם רעגלאַמענט איז פאַראַן אין אַרגענטינער ייִוואָ, אינעם סאָכאַראָוו־אַרכיוו. ער איז אויך אָפּגעדרוקט אינעם „סאָכאַראָוו־בוך", זײַט 44, און אויך אינעם בוך „פאָנדאָ קאָמונאַל", אין שפּאַניש, זײַט 36.

שאַפן די נייטיקע פאָנדן, אויף אַרויסהעלפן די מיטגלידער אין פאַל פון אַן אומ־פאָרויסגעזעענעם אומגליק אויף די תבואה־פעלדער און גרינדן געזעלשאַפטן פון אַל־געמיינע באַדערפענישן, צום נוצן פון די מיטגלידער.

אַרטיקל 4 — ווען דער רעגלאַמענט וועט באַשטעטיקט ווערן פון דער אַלגע־מיינער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג, וועלן אַלע מיטגלידער דאַרפן וועגדן זייערע ביטעס אָדער אָנקלאַגעס קעגן דער יק״א, אָדער קעגן אירע פאָרשטייערס אין דער קאָלאָניע, צו דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט, וועלכע וועט מיט אײַנזען זיי עקזאַמי־נירן און שטודירן אויף אירע זיצונגען און באַשטימען צי זיי זײַנען אָננעמבאַר אָדער נישט. אויב זיי וועלן זײַן אָננעמבאַר, וועט דער געזעלשאַפטלעכער ראַט אָנווענדן אַלע נייטיקע מיטלען, בכדי ס'זאָל געאורטיילט ווערן אויפן בעסטן אופן.

דאָס זײַנען די אייגנטלעכע הויפּט־פּרטים פאַר דער געזעלשאַפטלעכער באַזע. די אַנדערע אַרטיקלען זײַנען פאָרמאַליסטישע פון קאָנסטיטוציאָנעלן, יורידישן און דיסציפּלינאַרן כאַראַקטער.

אָבער דער אַרטיקל 13 לויטעט:

יעדער אַקטיווער מיטגליד, וואָס געפינט זיך אין די קאָנדיציעס פונעם אַרטיקל 15 (זײַן אַ קאָלאָניסט פון דער יק״א) וועט צאָלן (מיטגליד־קוואָטע) 1 פּראָצענט פונעם שניט, בײַם דרעש־מאַשין גופא...

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען: די יק״א האָט געשטעלט אירע תנאים: דער פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט איז אויטאָמאַטיש דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע; די יק״א איז וויליק איבערצוגעבן אין רשות פון דער געזעלשאַפט אַ געוויסע סומע געלט, שטענדיק ווען יעדער מיטגליד וועט אײַנצאָלן ווייניקסטנס פאַר איין אַקציע. אינעם רעגלאַמענט איז נישט פאָרגעזען קיין אַקציען־קאַפּיטאַל, נאָר איינס פּראָצענט פון דעם תבואה־אויסגאַב.

אַן ענלעכן פּרווו האָט געמאַכט אין 1903 דער נײַער יק״א־אַדמיניסטראַטאָר ד״ר לאַנדע, וועלכער האָט פאַררופן די 23 דעלעגאַטן פון די קאָלאָניעס און האָט פאַר זיי אויסגעשטעלט אַ פּראָיעקט, צו גרינדן אַ קרעדיט־קאַסע, וואָס זאָל, אַ חוץ דעם געוויינלעכן מזומנעם קרעדיט, זיך אויך באַשעפטיקן מיט די קאָמערציעלע אָפּעראַציעס פון קויפן זעק, פאָדעם, מעל אאַז״וו.

די דאָזיקע איניציאַטיוו —אָדער פאָרשלאַג — איז צונויפגעפאַלן מיט דער וויכטיקער רעפאָרם, וואָס די יק״א האָט באַשטימט דורכצופירן אין דער פּראַקטיק, און האָט געביטן דעם גאַנצן מצב פון דער קאָלאָניזאַציע. דהיינו: זי האָט באַוויליקט צו פאַרגרעסערן די נחלות פון 50 און 75 — אויף 150 העקטאַר.

אינעם פּראָיעקט צו שאַפן דעם סאָציאַלן קאַפּיטאַל איז געוואָרן באַשטימט, אַז יעדער מיטגליד וועט צאָלן אַ שטײַער פון איין פּעזע פון דער צאָל העקטאַרן, וואָס ער האָט פון פריער באַקומען און צוויי פּעזעס פון די נײַע צוגעגעבענע העקטאַרן.

אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד, מיט קאָמישע סצענעס, לויט יצחק קאַפּלאַנס אַן אַרטיקל, אינעם נומער 131 פון „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר" פון דעם 15טן מערץ 1929, האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף יענער דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג: [8]

„אייניקע דעלעגאַטן האָבן פאַרדעכטיקט, אַז דער אַדמיניסטראַטאָר איז אויסן מיט דער גרינדונג פון דער קרעדיט־קאַסע, צו באַפריַיען אירע פליכטן בנוגע צו דער הילף פאַר די קאָלאָניסטן, ווי זי האָט דאָס געטאָן ביז דעמאָלט. אייניקע דעלעגאַטן האָבן צופיל געניצט דעם טערמין: „באַפרייונג" (Indepen-dencia) און עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסער טומל. דער אַדמיניסטראַטאָר האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, כאָטש ס'האָט אים געקאָסט אַ סך אַרבעט און מי, ביז ס'איז אים געלונגען איַינצושטילן די צעהיצטע געמיטער פון די אויפגעברויזטע דעלעגאַטן. ערשט נאָך דעם, ווען ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די יִקא וועט אויך אויף וויַיטער אָנגיין מיט די זעלבע פליכטן, ווי ביז איצט.

„נאָך לאַנגע דעבאַטן און דיסקוסיעס, איז דער פאַרשלאָג אָנגענומען געוואָרן אויף דעם פאָלגנדיקן אופן: עס ווערט באַשטימט צו צאָלן איין פּעזע פאַרן איצטיקן העקטאַר־צוגאָב און צוויי פּעזעס פאַר דער ערשטער צאָל העקטאַרן.

„די פאַרזאַמלונג האָט דאַן באַשטימט יצחק קאַפּלאַנען און שמעון פּוס־טילניקן אויף דורכצופירן אין דער פּראַקטיק די אָנגענומענע רעזאָלוציעס, אָבער...

„עס איז פּלוצים דערשינען אַ „רעדל־פירער" פון דער קאָלאָניע און אויס־געזעצט קעגן דעם גאַנצן פּראָיעקט אַ שלל חסרונות און ס'איז אים געלונגען צו צעשטערן דעם גאַנצן פּלאַן. אַלץ איז געבליבן ביַי גאָרנישט, ווי פריִער...

„עס זיַינען נאָך געווען עטלעכע פּרוּוון אויף דעם געביט, אָבער זיי האָבן געהאַט דאָס זעלבע מזל".

די גרינדונג פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל"

די גרינדונג פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל" איז צושטאַנד געקומען דעם 21סטן נאָוועמבער 1904, אין שטעטל לאַ קאַפּיזשאַ, אין סאַלאָן „זכרון משה".

---

[8] ציטירט פונעם בוך, אין שפּאַניש: "Fondo Comunal", capítulo: Primeras manifestaciones de una vida social organizada, pág. 33.

[9] די מיינסטע ציטירטע עפּיזאָדן, די דאָקומענטאַציע פונעם פאַריקן קאַפּיטל און דאָס איצטיקע, ווי די וויַיטערדיקע, בשייכות מיטן „פאָנדאָ קאָמונאַל", זיַינען געשטיצט אויף די מאַטעריאַלן פון די ביכער „פאָנדאָ קאָמונאַל", אין שפּאַניש, און דאָס „סאַכאַראָוו־בוך".

אויף דער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַנוועזנד: ד״ר נח ירחי, מיגעל סאַכאַראָוו ע״ה, די ה״ה: יצחק קאַפּלאַן, דער נייער אַדמיניסטראַטאָר, אַדאָלפאָ לייבאָוויטש, עטלעכע פאָרשטייער פון די קאָלאָניעס און אַ גרעסערע צאָל קאָלאָניסטן. עס איז געווען דער דעציידירנדיקער מאָמענט פאַר דער געשיכטע פון אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוויזם אין די יידישע קאָלאָניעס, וואָס מען האָט אָנגענומען אַ ביסל שפּעטער, ווי אַ מאָדעל־שולע, סיי אין ענטרע־ריאָס און סיי אין לאַנד גופא. דער קולמינאַציע־פּונקט איז געווען דער ייקאָס טריומף, וואָס זי האָט סוף־כל־סוף דערגרייכט צו שאַפן אין דער דאָזיקער קאָלאָניע אַ געזעלשאַפט — נאָך דעם ווי עטלעכע פון אירע פאַרשלאָגן און פּלענער זיינען דורכגעפאַלן.

דער ראש־המדברים איז שוין געווען דער יונגער אינזשיניער, דאָן מיגעל סאַ־כאַראָוו (דער „דאָן״ האָט אים באַגלייט ביזן סוף פון זיין לעבן), וועלכער האָט גע־האַלטן אַ מין מאַניפעסט־רעדע און מ׳האָט געלייענט אַ פּראָיעקט פון סטאַטוטן, וואָס זיינען געווען אַ קאָפּיע פון אַן אַגראַר־געזעלשאַפט פון קאָנקאָרדיאַ און אויך אַ טייל פון אַזאַ אינסטיטוציע פון דער קאָלאָניע סאַן כאָסע. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינען געוואָרן צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון דער ייקאָ און אירע קאָלאָניסטן און מער מאָדערניזירט ווי יענע, פון לוסיענווילער „פּאַראיין״.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געפירט געמיטלעך און די דעבאַטן זיינען אָנגעגאַנגען רויק, ביז ס׳איז געקומען צום פּונקט „קאַפּיטאַל סאָסיאַל״. די באַזע איז געווען, אַן שום קאָמפּליקאַציעס, אויף אַקציעס, אין באַטרעף פון צען פּעזאָס יעדע איינע. ס׳איז געווען אַ באַדינג, אַז יעדער מיטגליד פאַרשרייבט זיך באַלד מיט דריי אַקציעס, ווי אַ גרינדונג־קאַפּיטאַל און דאַרף איינצאָלן צו דריי פּעזאָס פאַר יעדער אַקציע; די רעשט איינצאָלונג פון 5 פּעזאָס — פונעם ערשטן שניט, ביי דער דרעש־מאַשין גופא. עס זיינען געווען צדדים „פּאַר״ און „קעגן״. אָבער באַלד זיינען דערשינען די כסדרדיקע „פּראַקטישע מענטשן״, דער נעגאַטיווער טייל, די אינטריגאַנטן פון דער קאָלאָניע, און האָבן אָנגעוויזן, אַז פאַר דרייסיק פּעזאָס קויפט זיך דער קאָלאָניסט קי מיט קעלבער, און פון די וואַקסן נאָך צו עטלעכע קעלבער, וואָס איז אַ פּאָזיטיווער ריווח; איז צו וואָס־זשע פאַרווענדן אַזוי פיל געלט אויף „קהלשע געשעפטן״? דאָ אָבער האָט געווירקט דאָס וואָרט פון ד״ר ירחי, פון סאַכאַראָוון און שוין אויך פון לייבאָ־וויטשן. די פאַרזאַמלונג האָט באַשטעטיקט די סטאַטוטן און עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער ראַט, אין באַשטאַנד פון די פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

פּרעזידענט: אַדאָלפאָ לייבאָוויטש; סעקרעטאַר און קאַסיר: בענכאַמין מעזשי־באָווסקי (דער דעמאָלטיקער בוכהאַלטער פון דער אַדמיניסטראַציע); ראַטמענער: ד״ר נח ירחי, משה אַבראַמאָוויטש, מ. קאַסטיאַנאָווסקי, יצחק מיכאַל סאַס, ישעיה טאָף, חיים באַקמאַן, פּנחס זאַלצמאַן, לעאָן גאַרבאָוועצקי, גרעגאָריאָ גלאַז; דוד ווע־נעציאַני און וואָלטער מאַס, ביידע דירעקטאָרן פון דער ייקאָ אין בוענאָס איירעס.

ברוך הויכמאַן

מערקווירדיק: סאַכאַראָוו און קאַפּלאַן זײַנען נישט אַרײַן אינעם ראַט.

דער אַדמיניסטראַטאָר לייבאָוויטש איז געווען אַ פֿאָלקס־מענטש, מיט אַ גוטן כאַראַקטער, וועלכער איז ביז דעמאָלט געווען דער בוכהאַלטער פֿון דער אַדמיניס־טראַציע אין דער קאָלאָניע קלאַראַ, אונטער לאַפּינס אַמט. לאַפּין איז איבערגעפֿירט געוואָרן קיין מאָוריציאָ און אַדאָלפֿאָ לייבאָוויטש האָט פֿאַרנומען זיין שטעלע.

לייבאָוויטש איז געווען דער פֿאַקטישער שאַפֿער פֿונעם „פֿאָנדאָ קאָמונאַל״. ווי נאָר ער איז געוואָרן אַדמיניסטראַטאָר, האָט ער געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט די ערשטראַנגיקע פּערזאָנען: ד״ר ירחי, סאַכאַראָוו און אים צו לענגערע יאָרן, יצחק קאַפּלאַן און אַנדערע. צו די מענטשן האָט מען געהאַט צוטרוי און די לאַגע האָט זיך געענדערט לטובת אַלע גוטע איניציאַטיוועס, כאָטש מיט אַ סך שוועריקייטן און מניעות איבער די עקאָנאָמישע קריזיסן. לייבאָוויטש האָט באַטראַכט זײַן באַ־שאַף ווי אַן אייגן קינד און ער האָט אים אַנגעהויבן דערציִען שטאַרק געצערטלט. בכדי אויסצומײַדן קאָסטן (די געזעלשאַפֿט האָט נאָך נישט פֿאַרמאָגט קיין מזומנע פּרוטה) האָט ער אײַנגעאָרדנט אַ שטיקל ביוראָ אין אַ ווינקל פֿון דער אַדמיניסטראַ־ציע און אַנגעפֿירט אירע אָפּעראַציעס מיטן פּערסאָנאַל פֿון דער יק״א. די ווערבי־רונג פֿון מיטגלידער איז ניט געווען מיט פֿרײַען אַנשלוס, לויט די סטאַטוטן, מחמת דער פּרעזידענט איז געווען דער אַדמיניסטראַטאָר און ווען אַ קאָלאָניסט איז געקו־מען צום אַדמיניסטראַטאָר איז ער אַרויסגעגאַנגען ווי אַ מיטגליד פֿונעם „פֿאָנדאָ קאָמונאַל״. צי ער האָט יאָ, אָדער נישט געוואָלט, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. בײַ יעדער געלעגנהײַט, וואָס אַ קאָלאָניסט האָט געדאַרפֿט אָנקומען צום אַדמיניסטראַטאָר: ווענן בײַטן אַ פֿערד, אַן אָקס, אָדער אַ קרעדיט פֿאַר מילך־קי, זריעה אָדער פֿאַרגרעסערן די נחלה און אַ סך אַנדערע נויטווענדיקייטן, האָט ער פֿריִער פֿאַר אַלעם געדאַרפֿט ריידן מיטן פּרעזידענט פֿונעם „פ. ק.״; דערליידיקט דעם אָנשלוס אין פֿאַראיין, האָט ער אויך מצליח געווען אין דער אַדמיניסטראַציע און אַזוי אַרום איז די צאָל מיטגלידער באַלד געוואָרן גרויס.

לייבאָוויטש האָט געגאָסן פֿון גוטן פּרעסטיזש אין דער גענעראַל־דירעקציע פֿון בוענאָס איירעס און געהאַט רעפּוטאַציע אין דער צענטראַל־פֿאַרוואַלטונג פֿון דער יק״א, אין פּאַריז, ווו ער איז פּערזענלעך אָפּטער געקומען אין קאָנטאַקט מיט די אַמטירנדיקע דירעקטאָרן. דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז זײַן טריומף מיטן „פֿאָנדאָ קאָמונאַל״ זאָל אויסווירקן לטובת די מיטגלידער אַ סך פּריווילעגיעס פֿאַר זייער ווירטשאַפֿטלעכער פֿאַרבעסערונג און געלט־קרעדיטן, סײַ צו פֿינאַנצירן די אָפּעראַ־ציעס און סיי דירעקט פֿאַר די קאָלאָניסטן.

די צילן און אויפֿגאַבן פֿונעם „פֿאָנדאָ קאָמונאַל״, ווי עס איז קודם פֿאַרגעזען

אין די סטאַטוטן, איז די שאַפונג פון אַ קרעדיט־קאַסע אויף אַקציעס, מיטן ציל, אַרויסצוהעלפן די מיטגלידער אין זייערע נויטן פון טעגלעכע באַדערפענישן און אין דער צײַט פון שניט, אָדער פון אַרבעט אין פעלד. עס ווערט אויך אָנגעוויזן אַז דער דירעקטאָריום (דירעקטיווער ראַט) וועט פאַרהאַנדלען מיט דער יי־קאַ, מיט אַ זיכע־רער גאַראַנטיע, צו באַקומען פון איר מזומנעם קרעדיט אויף צו פינאַנצירן די קאָ־מערציעלע אָפּעראַציעס, וואָס די מיטגלידער האָבן נייטיק ביים אײַנשאַפן זיך מאַ־שינען, זעק, פאָדעם, בוימל, זריעה, רומאַנענט, בעסערע קלאַסן קי, פערד און אַלע אַנדערע מכשירים פאַר דערווירטשאַפט. די סטאַטוטן האָבן פאַרגעזען די מאָראַלישע און מאַטעריעלע דערגרייכונגען און ספּעציעל דערציִונג און קולטור, וואָס איז דער יסוד פון קאָאָפּעראַציע אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט. ווי אַ מוסטער פון דעם הויכן מאָראַלישן קאָנצעפּט פון זײַנע אָנפירער קאָן דינען דער באַשלוס אינעם אַקט נומער 2 (נישט אָנגעוויזן די דאַטע), אַז פון די קרעדיטן, וואָס די געזעלשאַפט וועט באַקומען פון דער יי־קאַ פאַר די מיטגלידער, קאָנען נישט געניסן די מיטגלידער פון־נעם דירעקטיוון ראַט.

היות מיר שרײַבן נישט די געשיכטע פון „פ. ק." און אויך ניט פון די קאָאָ־פּעראַטיוון, נאָר פון דער אַנשטייונג פון דער קאָאָפּעראַציע, איז נישט מעגלעך צו קאָמענטירן אַלע אַרטיקלען פון די סטאַטוטן. מיר ווילן זיך באַגרעניצן נאָר מיטן אָנווײַזן דעם גאַנג פון דער קאָאָפּעראַציע און דעם וווקס פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם; אין איצטיקן פאַל — אינעם „פאַנדאָ קאָמונאַל".

אַזוי גיך ווי דער „פאַנדאָ קאָמונאַל" האָט אָנגעהויבן צו באַזאָרגן די מיטגלי־דער מיט זעק, פאָדעם, בוימל, מעל, עסנוואַרג וכדומה, האָבן אויפגעוואַכט די לאָ־קאַלע סוחרים, קרעמערס, אויפקויפער פון די קאָלאָניסטישע פּראָדוקטן און האָבן דורך אַלערליי מאַנעוורען געזוכט אומצוברענגען די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרנומען דירעקט צו באַדינען מיט אַלץ אירע מיטגלידער, וואָס האָט באַטײַט אַ טויט־קלאַפּ פאַר זייערע פאַנטאַסטישע געשעפטן. זיי האָבן אָנגעווענדט כאַבאַר און סאַבאָטאַזש־מיטלען, כשרע און טריפהנע; זיי האָבן געשיט מיט גאָלד, אונטערגע־קויפט די באַן־באַאַמטע, וועלכע האָבן פאַרפירט אויף פרעמדע וועגן וואַגאָנען מיט סחורות, קאָסטשע־מכשירים און געשטערט די נאָרמאַלע אויסוויקלונג צו די הכנות פאַר דעם קומענדיקן שניט, וואָס האָט זיך געניייטיקט און די לאַגע פון די קאָלאָניסטן איז געוואָרן געפערלעך, ווען זיי באַקומען נישט די אַלע מכשירים. דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביטערטער און נאָך מער געפערלעך איבער דעם, וואָס דער „פאַנדאָ קאָמונאַל" האָט נאָך נישט אָרגאַניזירט די קאָמערציאַליזאַציע פון תבואות און די מיטגלידער, ווי די קאָלאָניע אין אַלגעמיין, זײַנען סײַ ווי אַרײַנגעפאַלן מיט

זייערע פּראָדוקטן צו די סוחרים און די עקספּלואַטאַציע איז אַנגעגאַנגען ווי פריִער. דער פּרעזידענט־אַדמיניסטראַטאָר האָט נישט געקאָנט ריזיקירן מיט אַזאַ קאָמפּליצירטער אונטערנעמונג. דערצו האָט מען געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט, מיט אַלע נייטיקע אינסטאַלאַציעס, פּערסאָנאַל, שייערן אויפצונעמען די תבואות און גרויסע קאַפּיטאַלן צו פינאַנצירן די אָפּטיילונג. די געזעלשאַפט איז ערשט געשטאַנען אין איר ערשטן סטאַדיום פון איר גרינדונג און מ׳האָט ניט געוווסט צי זי וועט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פאַר איר עקזיסטענץ. די יִיקאַ האָט אָפּגעמאַכט מיט די סוחרים, וואָס האָבן פאַרקנסט די קאָלאָניסטישע פּראָדוקציע פון קומענדיקן שניט מיט קאָנטראַקטן, אַז זיי דאַרפן פאַרהאַלטן דעם באַטרעף פון די קאָלאָניסטן פאַר די יערלעכע ראַטעס, און דאָ האָט דער אַדמיניסטראַטאָר געדאַרפט אויספירן די דאָזיקע פאַראָרדענונג פון דער העכערער מאַכט. די דאָזיקע אויפגאַבע איז נישט אַרײַן אין לייבאָוויטשעס קאָמפּעטענץ. דאָס איז שוין געווען די אַרבעט פון „דאָן קיכאָט״ — מיגעל סאַכאַראָוו, ווי מיר וועלן אין קומענדיקן קאַפּיטל איבערגעבן באריכות.

אָבער אין די ערשטע פיר יאָר אונטער לייבאָוויטשעס פּרעזידענץ האָט דער „פּאָנדאָ קאָמונאַל״ דערוויזן צו סטאַביליזירן די עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פון דער קאָלאָניע.

דער צו גרויסער שטראָם פון אימיגראַנטן מיט גרויסע פאַמיליעס, וואָס זײַנען געקומען אין דער קאָלאָניע, האָט שטאַרק באַלאַסטעט די אַזוי אויך אָרעמע קאָלאָניסטן און דער „פּאָנדאָ קאָמונאַל״ האָט נישט געקאָנט שטיין מן הצד. כמעט אויף יעדער קאָמיסיאָנס־זיצונג איז באַהאַנדלט געוואָרן די לאַגע פון די אימיגראַנטן און ס׳איז געשאַפן געוואָרן שטיצע און הילף, צו לינדערן זייערע נויטן. מ׳האָט פאַר זיי אויספאַרריכט די פאַרלאָזענע שטיבלעך פון די אָפּגעפאָרענע פויערים. מ׳האָט זיי דערמעגלעכט די סאַניטאַרע באַדינונג. כמעט אומזיסט און אויפגעפאַדערט די יִיקאַ צו נעמען זיי אונטער איר שוץ. אַ סך פון זיי זײַנען קאָלאָניזירט געוואָרן, אַנדערע מיט פּראָפעסיעס און מלאכות, האָט מען אײַנגעאָרדנט אין די שטעטלעך און אַרום די קאָלאָניעס און אויך זיי האָבן זיך צו־ביסלעך אײַנגעלעבט און זיך געשאַפן גוטע פּאָזיציעס.

דער „פּאָנדאָ קאָמונאַל״ האָט אויסגעווירקט ביליקערע טאַריפן צו טראַנספּאָרטירן די תבואות מיט דער באַן, ביז צו די פּאָרטן, ווו זיי פלעגן אויפגעלאָדן ווערן אויף שיפן, דירעקט קיין אייראָפּע.

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ בוררות־קאָמיסיע, וועלכע איז אָנגעגאַנגען מיט אַלע סיכסוכים און פראַגן אינעם לעבן פון דער קאָלאָניע. דאָס איז געווען זייער אַ וויכטי־

קער אָרגאַניזם מחמת דער גרויסער צאָל אָפטע סקאַנדאַלן צווישן די קאָלאָניסטן און אויך אין זייער פּריוואַטן פאַמיליע־לעבן. אַזוי אַרום איז אויסגעמיטן געוואָרן צו לופּטערן די מיספּאַרשטייענישן אין דער יוסטיץ.

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד, אַרויסצוהעלפן אָרעמע אלמנות און עלטערע מענטשן אין דער קאָלאָניע.

ווען די יק״א האָט אויפגעגעבן איר אויסהאַלטונג פונעם שפּיטאָל, האָט דער „פאָנדאָ קאָמונאַל״ אים איבערגענומען אונטער זײַן פאַרוואַלטונג און געשאַפן אַ מאָדערנע סאַניטאַרע באַדינונג, וואָס האָט אים אָפּגעקאָסט שווערע טויזנטער פּעזעס.

דער „פאָנדאָ קאָמונאַל״ האָט איבערגענומען אַ פּאָר סמעטענע־פאַבריקן און זיי אָנגעפירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. פאַר דעם צוועק האָט ער אײַנגעקויפט קי פון גוטן קלאַס, כדי אויסצובעסערן די מילך־פּראָדוקציע פון די מיטגלידער.

אין 1905 האָט דער „פאָנדאָ קאָמונאַל״ אייגעקויפט 1.000 פאַנעגעס ווייץ און פאַרטיילט צו די מיטגלידער, וועלכע זײַנען געבליבן אָן זריעה צוליבן גאַנצן פאַר־לוסט פון דער קאָסטשע (שניט).

ער האָט דורכגעפירט פּעריאָדישע קאָנפערענצן איבער אַגריקולטור, פי־צוכט, היגיענע און אויף קולטור־טעמעס.

האָט געהאָלפן פאַרריכטן די וועגן, בויען בריקן, שאַפן ביבליאָטעקן, אויפזיכט איבער די לימודים אין יק״א־שולעס א״אַז״וו אאַז״וו.

קיבאָטיזם, קאָאָפּעראַטיוויזם און קאָאָפּעראַציע [10]

אין די ערשטע פיר יאָר טעטיקייט פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל״ (1908 — 1904) האָט זיך די קאָלאָניע אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ סך לײַכטער. די קאָלאָניסטן זײַנען געוואָרן מער פּראַקטישער בײַ דער אַרבעט אין פעלד. זיי האָבן זיך אַ ביסל בע־סער צוגעוווינט צום אַרגענטינער ווילדן קלימאַט און זיך באַרויִקט פון די אָפטערע אָנפאַלן, רויבערײַען און מערדערײַען, וואָס די רוצחיש־ווילדע גאַוטשן פלעגן אויס־פירן אין די קאָלאָניעס. אין אַ סך יידישע היימען זײַנען געפאַלן יחידים און אויך גאַנצע פאַמיליעס. אָבער איצטער, נאָך 15 יאָר יק״א־קאָלאָניזאַציע אין ענטרע־ריִאָס (1907 — 1892), איז שוין געשטאַנען בײַ דער אַרבעט דער יונגערער דור, וואָס איז

[10] דער מחבר פון דער אַרבעט איז צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן קאָלאָניזירט געוואָרן אין 1907, ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר. אין 1909 איז די קאָלאָניע סאַן אַנטאָניאָ שוין געווען אָנגעשלאָסן אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל״ און ער האָט בהדרגה מיט דער אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע און סאָ־ציאַלע באַדינונגען מיטגעאַרבעט און שוין כסדר אַנטייל גענומען אין אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך באַוועגט אין די קאָלאָניעס, ביז כמעט 1935 — אַזוי, אַז אין די ווײַטערדיקע איבערזיכטן וועט ער אורטיילן אויך לויט זײַנע אייגענע דערפאַרונגען.

אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אויף די אַרגענטינער פרייע פּאַמפּאַס, האָבן זיי שוין העלדיש פּאַרטיידיקט די לעבנס, דאָס האָב־און־גוטס און אַפילו געלערנט דרך־ארץ מיט די באַנדעס־דעגענעראַטן... די קאָלאָניסטן זיינען געוואָרן מער פּראָדוקטיוו. עס זיינען געקומען יאָרן פון גוטע גערעטענישן. די פעלדער האָבן געבליט און נאָכן שניט זיינען די קאָלאָניעס געוואָרן באַצירט מיט הויכע שיינע סטויגן ווייץ, ליין, האָבער און אויף די פּאַשע־פעלדער האָבן זיך געהאָדעוועט פיל צענדליקער קי, אָקסן, שאָף און פערד. אַרום די הייזער האָט מען שוין געקענט זען אין די הונדערטער: היי־נער, גענדז, קאַטשקעס, אינדיקעס און טויבן. און ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דרעשן די תבואות, האָט זיך איבער די וועגן געצויגן אַן אומענדלעכער קאַראַ־וואַן פון וועגענער, געלאָדענע מיט דער קאָלאָניסטישער פּראָדוקציע, וואָס האָט גע־שטראָמט אַ גאַנצן טאָג צו די מאַגאַזינען פון דער באַן־סטאַנציע. אַלץ איז דאָרט אויסגעלאָדן געוואָרן פאַרן סוחר, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער קלייטניק, וואָס פלעגט אַ קיילעכיק יאָר אויסבאָרגן די פּויערים קאָנסום־אַרטיקלען, אַ מאָל אויך אַ מזומנע פּעזאָ און אַלע נייטיקע אַרבעט־מכשירים.

אויך פאַר דער יק"א איז דאָס געווען אַ גרויסע פאַרלייכטערונג, מחמת דער קאָ־מערציעלער קרעדיט האָט איר באַפרייט פון אַ סך פליכטן לגבי די קאָלאָניסטן; אין דער ערשטער ריי, האָט זי אויפגעהערט צו געבן שטיצע, וועלכע האָט גיכער געהאַט אַ דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג — סיי אין דער פאָרעם פונעם געבן און סיי אינעם נעמען.

די יק"א (פריער דער אַדמיניסטראַטאָר נעמיראָווסקי — אין דער קאָלאָניע לוי־סיענוויל; איצט לייבאָוויטש — אין קלאַראַ) האָט געגעבן מער פּרעפערענץ די קאָ־לאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס — דעם „ערשטן יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן פאַראיין" און דעם „פאָנדאָ קאָמונאַל" — און זיי אַרויסגעגעבן גרויסע געלט־סכומים, קרעדיט, וואָס איז במילא צעטיילט געוואָרן צווישן די פּויערים. יענע האָבן עס גענומען מיט דער פולער האַנט און האָבן דערפירט די קאָאָפּעראַטיוון צו אָפּטע און שווערע קריי־זיסן. דער „פאַראיין" (איצט „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ"), וואָס האָט אין 1907 באַקומען יורידישע אָנערקענונג, האָט שטאַרק געליטן פון דעם איבערפלוס אין געלט־קרעדיט פון דער יק"א: די אָפּטע שלעכטע גערעטענישן, דער היישעריק, יאָרן פון טריקעניש און דאָס זעלבע פון צופיל רעגן, האָבן גורם געווען, אַז די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוו זאָל אין פאַרשיידענע פעריאָדן שליסן אירע טירן אויף אַ סך יאָרן צוליב נישט קענען סילוקן די קרעדיטן און צוליב נישט קענען איינמאָנען די חובות פון די מיטגלידער. אין קעגנטייל האָט דער „פאָנדאָ קאָמונאַל" גובר געווען אַלע מניעות און אַפילו אויף איין טאָג, — אין פאַרלויף פון קאַרגע 60 יאָר עקזיסטענץ, — נישט אָפּגעשטעלט זיין טעטיקייט, כאָטש ער האָט אויך נישט אויסגעמיטן אָט די אַלע שוועריקייטן, וואָס דער „פאַראיין" האָט דורכגעמאַכט. אָבער די מיטגלידער

פון לוסיענוויל איז פאָרגעשטאַנען אַ שווערער קאַמף מיט דער פּריוואַטער קאָמערץ, צו וועלכער זיי האָבן ווידער אַ מאָל געמוזט אָנקומען און זיך אונטערוואַרפן די עקס־פּלואַטאַציע־מאַנעווערן פון די סוחרים.

פון דעם קרעדיטן־סיסטעם זײַנען די קאָלאָניסטן געוואָרן דרײַפאַכיקע בעלי־חובות: אין דער ערשטער ריי צום סוחר; נאָכדעם צו דער יי״קאַ — פאַרן אַלטן חוב און פאַרן באַנײַטן קרעדיט, און צו לעצט — צו די קאָאָפּעראַטיוון, וואָס ס׳איז אויך געווען דער יי״קאַס הלוואה.

דער „פאָנדאָ קאָמונאַל“ האָט אַ חוץ מזומנע געלטער אויך צוגעשטעלט פאַר די מיטגלידער: בוימל, זעק, פאָדעם, זריעות, מעל, בוי־מאַטעריאַלן, אַגראַר־מאַשינען און אויך קאָנסום־אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. אָבער קיין תבואות האָט ער נאָך נישט אויפגענומען און די הויפּט־פּראָדוקציעס פון די קאָלאָניסטן זײַנען אַרײַנגע־פאַלן צו סוחרים־קלייטניקעס, וועלכע פלעגן זיך באַוואָרענען באַצײַטנס מיט קאָנ־טראַקטן, אַז דער ווייץ, לײַן, האָבער און קוקורוזע געהערן צום ערשטן קרעדיטאָר. אָט די סוחרים האָבן גענומען הויכע פּרײַזן פאַר זייערע סחורות און פלעגן צאָלן ני־דעריקע פּרײַזן פאַר די קאָלאָניסטישע פּראָדוקטן. על־פּי רוב פלעגן זיי אײַנקויפן אויף די רעמאַטעס (אויקציאָנען) סחורות אין שלעכטן צושטאַנד און עסנוואַרג אין שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען און זיי פאַרהאַנדלען צו די קאָלאָניסטן און מיט־גלידער פון דעם „פאָנדאָ קאָמונאַל“. די פאַלשע וואָג, סײַ בײַם פאַרקויפן און סײַ בײַם אויפנעמען די תבואות, האָט גורם געווען, אַז נאָך אַ יאָר שווערער האָרעוואַניע זײַנען אויסגערונען אַ סך הונדערטער און טויזנטער פּעזאָס בײַ איין פאַמיליע. און אויב מיר זאָלן עס כופלען אויף די קאָלאָניעס (די קאָלאָניע קלאַראַ איז אין יאָר 1907 באַשטאַנען פון קרוב צו 30 דערפער און אויך קאָמפּאַקטע גרופּעס בײַ די טויזנט מישפּחות), וועט זיך באַקומען, אַז די דערוואַרטעטע הכנסה איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ שווערן דעפיציט.

אויך די יי״קאַ האָט זיך גערנער פאַרשטענדיקט מיט דער פּריוואַטער קאָמערץ און געשלאָסן אָפּמאַכן מיט די סוחרים, אַז אַלע אירע קאָלאָניסטן זאָלן פירן זייערע תבואות אין זייערע שפּײַכלערן, בכדי זיי זאָלן פאַרהאַלטן דעם באַטרעף פון די יערלעכע ראַטעס פאַר די נחלות, וואָס זי פלעגט שוין מאָנען מיט צודרינגלעכער שטרענג־קייט. צו לעצט איז נאָך געקומען דער „פאָנדאָ קאָמונאַל“. און אויב עס איז נאָך אַלע־מען עפּעס געבליבן, האָט עס ערשט באַקומען דער קאָלאָניסט... בײַ אַן אָרימען שניט זײַנען הונדערטער קאָלאָניסטן געבליבן גרויסע בעלי־חובות, אָן זריעה, אָן מעל, אָן אַ סענט מזומן און האָבן געמוזט אויפסנײַ פאַרקנסן די קינפטיקע גערעטעניש, פאַר־שטייט זיך, צו די זעלבע סוחרים... פאַר די אַדערויפן אין מזומן, פאַר קרעדיטן אין סחורות, מכשירים פאַר דער ווירטשאַפט און אין שניט־צײַט האָט איטלעכער סוחר צוגערעכנט, אָדער נאָך פריִער אַראָפּגערעכנט פּראָצענטער. די יי״קאַ האָט אויך גע־

רעכנט פּראָצענטער און דער „פּאַנדאָ קאָמונאַל" האָט געצאָלט פּראָצענטער און גע־רעכנט פּראָצענטער...

אָט צו דעם אויספּיר זײַנען געקומען אַ טייל אינטעליגענטע און באַוווסטזיניקע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אַלץ פֿאַרצייכנט און געחשבונט און אויסגעפֿונען, אַז בײַ אַזאַ מצב איז די קאָלאָניזאַציע אַ קרבן פֿון אַן אומדערהערטער שרעקלעכער עקס־פּלואַטאַציע, און אויב די קאָלאָניזאַציע זאָל אויף ווײַטער זײַן אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע צעשפּליטערונגען, אָן אַ סדר, נאָר בלויז אויפֿן חסד פֿון דער קאָמערץ, איז זי לכתחילה באַנקראָט.

צווישן די דאָזיקע האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער אינזשעניער־אַגראָ־נאָם מיגעל סאַכאַראָוו (אויף ייִדיש משה, אין רוסיש — מישאַ), וועלכער איז קאָ־לאָניזירט געוואָרן אויף 500 העקטאַר לאַנד, און איז אויך געווען אונטערגעוואָרפֿן די צרות פֿון די עקספּלואַטאַטאָרישע מעטאָדן פֿון דער פּריוואַטער קאָמערץ. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט און פֿאַרמאָסטן — לויט זײַנע דעמאָלטיקע באַגריפֿן — אויפֿצושטעלן איין אייגענע קאָלאָניסטישע קאָמערציאַליזאַ־ציע פֿאַר זייערע תבואות, בכדי צו קאָנצענטרירן, אָרגאַניזירן און פֿאַרקויפֿן בשות־פֿות און דירעקט צו די עקספּאָרט־הײַזער און מאַכן אַ סוף צו די פֿאַרמיטלערס, אויפֿ־קויפֿערס און איבערפֿאַרקויפֿערס.

אָט זעט ער, ווי דאָס קליינע שטעטעלע דאָמינגעז, — וואָס צוריק מיט זיבן יאָר, בשעת ער איז דאָס ערשטע מאָל דאָ אָפּגעשטיגן פֿון דער באַן, האָט עס קוים פֿאַרמאָגט עטלעכע געציילטע שטיבער, מיט איינס אָדער צוויי קלייטלעך, — האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן שנעל. די קאָלאָניסטן פֿאַרלאָזן טיילווײַז די נחלות צוליבן גרויסן דלות. די ערשטע יאָרן האָבן נישט דערמעגלעכט אײַנצואָרדענען אַ ווירט־שאַפֿט פֿון חיונה צוליב די שוין אָנגעוויזענע מאַטיוון אין אונדזערע פֿאַריקע קאַפּיט־לען. אָבער די קלייטן מערן זיך יאָ. מען ציילט זיי שוין אין די צענדליקער. די שטעט־לעך ווערן געדיכטער באַזעצט מיט סוחרים און אַלע לעבן בהרחבה, ווערן רײַכער פֿון טאָג צו טאָג; זייערע הײַזער זײַנען אײַנגעאָרדנט מיט קאָמפֿאָרט; זייערע פֿרויען גייען שטענדיק פֿײַן געקליידט, זײַנען גוט דערנערט און לעבן אין ווױלטאָג; זייערע קינדער לערנען און שטודירן אין בוענאָס־אײַרעס און אין אַלע נענטערע שטעט. נו, זאָל זיי ווױל באַקומען. אָט דער ליבלעך־זיסער סאַכאַראָוו איז, חלילה, קיינעם נישט קיין שונא. אָבער די פּויערים, וואָס שאַפֿן פֿאַר הונדערטער טויזנטער מענטשן ווױל־טאָג און רײַכטום — זיי דאַרפֿן זײַן די ערשטע צו געניסן פֿון זייער שווערער אַרבעט — אויב נישט לעבן אין לוקסוס, איז לכל־הפּחות האָבן אַ רויִקע, געזיכערטע עק־זיסטענץ, אַ גוט אײַנגעפֿונדעוועטע נחלה!

נאָך אַזאַ קלאָרער החלטה איז שוין גרינגער אָנצוהייבן אַ באַוועגונג פֿאַר עקאָ־נאָמישער און סאָציאַלער עמאַנסיפּאַציע.

סאַכאַראָוו האָט שוין צו יענער צײַט געהאַט מער ווייניקער ידיעות פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. ער האָט געלייענט און געשטודירט מיט באַגײַסטערונג די נײַע תורה, וואָס אין דער וויסנשאַפט הייסט זי „פּאָליטישע עקאָנאָמיע”. אין דער טעאָריע רופט מען זי קאָאָפּעראַטיוויזם, באַזירט אויף הויכע פּרינציפּן, און אין דער פּראַקטיק: קאָאָפּעראַציע.

קאָאָפּעראַציע מיינט טאַקע: אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע!

דאָס דאָזיקע ווערט דערגרייכט דורך אַחדות, פּאַראייניקונג, בשותפותדיקער אַרבעט פון אַלע שעפערישע כוחות און ערשט די קאָלאָניזאַציע איז אַ ברייט פעלד פון גרויסע מעגלעכקייטן פאַרן קאָאָפּעראַטיוויזם, ווײַל זי נעמט אַרום אַלע אָפּצווײַגונגען פון דער אַגריקולטור: פי־צוכט, עופות־צוכט, האָניק, גאָרטנוואַרג, פּרוכטסעדער, זון־קערנער, מאַיִס, מאַני, מילך־אינדוסטריע א״אַנד. אָבער די אייגנטלעכע הויפּט־קולטיוון, פון וועלכע די פּויערים קאָנען האָפן אויסצולייזן די נחלות און באַפעסטיקן די ווירטשאַפטן, איז דער עקסטענסיווער פאַרזיי פון ווייץ, לײַן, האָבער און מאַיִס. דאָס איז דער עיקר שבעיקרים, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די פינאַנציעלע באַזע און פון זיי איז אָפּהענגיק די צוקונפט. ביז איצט האָבן עטלעכע יאָרן פון אומגערעטענישן און אַנדערע סיבות גורם געווען אומדערטרעגלעכע קריזיסן. אָבער אָט זײַנען שוין יענע מניעות פאַרשוונדן. די בעסערע אויסגאָבן אינעם פאַרזיי פון תבואות זײַנען אַן אָנזאָג פון גוטע פּערספּעקטיוון, אויסצוברייטערן די עקאָנאָמיעס אין דער „אימעניע” (סאַכאַראָווס רוסישער וואָקאַבולאַר אין אַגראַר־ענינים). פון די פּריִערדיקע אויסגערעכנטע אינטענסיווע אָפּצווײַגונגען קאָן אַ פּויערישע פאַמיליע זיך דערנערן צו זאַט, זיך קליידן און אינאיינעם מיט אַלע אויסהאַלטן אַ דאָקטער, אַן אַפּטייק, אַ שפּיטאָל, אַ ביבליאָטעק, אַ שולע, אַ בית־תפילה, פאַרווײַלונגען אאַז״וו... דאָס אַלץ ווערט שוין בהדרגה אײַנגעפירט און אויסגעפירט דורך „פאָנדאָ קאָמונאַל”. ער פירט אויך אײַן פאַרזיי־פּלעצער און מאַכט עקספּערימענטן (געוויינטלעך אָן אַן אַגראָנאָם), אויסצובעסערן דעם זריעה־סיסטעם, קויפט אײַן בעסערע קלאַסן מילך־קי, רעפּראָדוקטאָרן פאַר בעסערע קלאַסן פערד, קי, שאָף. דאָס איז „גאַנצער קאָאָפּעראַטיוויזם”: די מיטגלידער ווערן אַרײַנגעצויגן אין דער קאָאָפּעראַציע און קאָאָפּערירן שוין מיט, אויף אַן אמתן שטייגער. אָבער דער פּרעזידענט, אַדאָלפאָ לייבאָוויטש, ווי דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער יִקאַ, וואַגט נישט צו ריזיקירן מיט אַזאַ קאָמפּליצירטער אונטערנעמונג אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל”, אויפצונעמען און זיך פאַרנעמען מיטן תבואה־פאַרקויף. אמת, אין דער פאַרוואַלטונג איז פאַרטראָטן דער ד״ר נח ירחי, וועלכער אַרבעט אָבער איבער זײַנע שוואַכע כוחות: באַדינט דעם שפּיטאַל, די קאָלאָניעס, די אַרומיקע נישט־יִדישע סביבות בײַטאָג און בײַנאַכט, אין די קאַלטע און הייסע וועטערן, אין די שטורעמדיקסטע און רעגנדיקע טעג און נעכט, און דערצו מיט די גרעסטע געפאַרן אין די ווילדסטע גרויסע וועלדער, צו באַדינען

די רוצחישע גאַוטשן, וועלכע זײַנען אים איין מאָל געהאַט באַפאַלן און שיִער נישט דערמאָרדעט... " אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָט ער געטראָגן דעם עול אויך פון די אָרימערע, הינטערשטעליקע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך אַזוי גיך נישט געקאָנט אײַנלעבן און צוגעווױנען צו דער נײַער באַשעפטיקונג, און אים איז ממש געגאַנגען אין לעבן, אַז אַט דער רויער עלעמענט זאָל איבערטראָגן אַלע מניעות און נישט עוקר זײַן. ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די קאָלאָניעס, ריידן, טרייסטן, געבן עצות און בײַהילפיק זײַן מיט געלט, מיט אַ קרעדיט אין אַ שפּײַז־געוועלבל; פלעגט קורירן, געבן אומזיסט רפואות פון דער אַפּטייק און ער האָט מצליח געווען כמעט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. טויזנטער משפּחות האָבן אים שטענדיק דערמאָנט מיט דאַנקבאַרקייט און מיט אַ ברכה אויף די ליפּן. אים צו פאַרדאַנקען, זײַנען אַ סך געוואָרן גוטע ערד־אַרבעטער, האָבן זיך גוט אײַנגעפונדעוועט און אַפילו געוואָרן מוסטערהאַפטע פּראָפּאַגאַנדירער פאַרן קיִום פון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע. אַ סך האָבן זיך אויך אויסגעצייכנט אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

דער ד״ר ירחי איז געווען אַ גרויסער יִדישער הומאַניסט: ער האָט ליב געהאַט אַלע מענטשן און איז געווען געטרײַ צו זײַן אָפּשטאַם, ווי אַן אח לצרה צו די קרבנות פון די צאַרישע רדיפות אינעם סוף אַכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. דערצויגן אין אָרטאָדאָקסישן גײַסט, אַ משכיל, האָט אים מער געצויגן צו די רײַען פון דער אַלטער גוואַרדיע, ווו מ׳האָט געלערנט און זיך געפּלפּולט אין דער תלמודישער ליטעראַטור — אויף אַזוי ווײַט, אַז ער האָט אײַנגעאָרדנט אין שטעטל אַ ציימערל פאַר די עלטערע ייִדן, וואָס האָבן קיין פעלד־אַרבעט שוין נישט געקאָנט טאָן, פלעגן זיי זיצן און הערן ווי מ׳לערנט עין יעקב און גמרא. איבער די אַלע אויסגע־

---

[11] אויספירלעכע פּרטים וועגן ד״ר נח ירחי און וועגן מיגעל סאַכאַראָוו זײַנען פאַראַן אין באַזונדערע מאָנאָגראַפיעס, פון וועלכע די פאַראינטערעסירטע קאָנען באַקומען מער אינפאָרמאַציע. מיר מאַכן די דאָזיקע באַמערקונג, מחמת אין דער אַרבעט איז נישט מעגלעך צו פאַרנעמען זיך מיט די כאַראַקטעריסטיקעס פון די דאָזיקע צוויי גרויסע ערשטראַנגיקע וועטעראַנען פון אונדזער קאָלאָניזאַציע. אויב מיר האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער אידעאַלער פּערזאָן פון לעאָן נעמיראָווסקי, איז עס דערפאַר, ווײַל מ׳האָט נאָך וועגן אים נישט אַרויסגעגעבן קיין באַזונדערע מאָנאָגראַפיע און מיר האָבן געוואָלט כאָטש מיט עפּעס דערמאָנען דעם ערשטן פּיאָנער און וועטעראַן פון דער אַגראַר־קאָאָפּעראַציע אין די יִדישע קאָלאָניעס.

די דערמאָנטע צוויי מאָנאָגראַפיעס זײַנען: 1) „ד״ר ירחי־בוך״, לכבוד דעם אָנדענק פון ד״ר נח ירחי, פערציק יאָר נאָך זײַן טויט. מאָנאָגראַפיע און רעדאַקציע: פּנחס ביזבערג; אַרויסגעגעבן פון אַ באַערונגס־קאָמיטעט, בוענאָס־איירעס, התשי״ב, 1953, 311 זײַטן אין יִדיש און 169 אין שפּאַניש (דער מחבר פון דער פאָרליגנדיקער אַרבעט איז פאַרטראָטן אינעם דערמאָנטן בוך מיט אַן אַרבעט א.ד.ט.: „די פּערזענלעכקייט און די תקופה פון ד״ר נח ירחי״, ז״ז 267—213). 2) „מיגעל סאַכאַראָוו: „פערציק יאָר צו דינסט דער קאָאָפּעראַציע״. מאָנאָגראַפיע און רעדאַקציע פון פּנחס ביזבערג; אַרויסגעגעבן פון די יִדישע קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס, אָנגעשלאָסענע אין דער „פראַטערנידאַד אַגראַריאַ״, בוענאָס־איירעס, 1940, 255 זײַטן.

רעכנטע סיבות איז ער נישט געוואָרן קיין קאָלאָניסטישער פירער אין פּאַקטישן זין. ער איז נישט געווען קיין פּאָליטיקער און האָט נישט פאַרמאָגט די פּאָליטישע טעכ־ניק פון אַזאַ טיפּ אָרגאַניזאַטאָר. ער איז אָבער געווען אַ בעל־יועץ מיט יידישער ערו־דיציע. צו זיין ווארט האָט מען זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ, ווייל ס'איז געווען האַר־ציק, ריין, תוכיק, פּאָזיטיוו. אפשר, ווען זיינע פּראָפעסיאָנעלע פליכטן וואָלטן נישט אַזוי פאַרשלונגען זיין פיזישע און גייסטיקע ענערגיע, וואָלט דער יידישער אַגראַר־ישוב באַקומען אַן אַנדער אויסזען.

אָבער דאָס וואָס ס'איז דעם ד"ר ירחי ניט געווען מעגלעך צו רעאַליזירן פאַר דער קאָלאָניזאַציע און פאַר דער קאָאָפּעראַציע, האָט באַקומען אַ תיקון אין זיין שוואָגער, זיין פרויס ברודער, מיגעל סאַכאַראָוו, וועמען דער ד"ר ירחי האָט גע־בראַכט קיין אַרגענטינע אויף קאָלאָניזאַציע פון דער יי.ק.א. פונעם פאַך איז סאַכאַראָוו געווען אַן אינזשיניער־אַגראָנאָם, האָט ד"ר ירחי געלייגט אויף אים גרויס האָפענונג, אַז ער וועט דאָ אָנפירן אַ מוסטערהאַפטע ווירטשאַפט און במילא ביי‌הילפיק זיין די קאָלאָניסטן אין דער אַגריקולטור, וואָס די יי.ק.א. האָט פאַרנאַכלעסיקט. דער ד"ר ירחי איז געקומען קיין ענטרע־ריאָס אין 1893 און סאַכאַראָוו סוף 1899. אין פאַר־לויף פון די 6 יאָר האָט זיך די פאַמיליע ירחי געפילט עלנט, אָן אייגענע. מיט סאַכאַ־ראָווס אָנקומען איז אים געוואָרן פריילעכער. ער איז באַלד געוואָרן זיין רעכטע האַנט. ביידע שוואָגערס האָבן זיך גלייך געווידמעט די קאָלאָניסטישע אינטערעסן.

סאַכאַראָוו, ווי אַ קאָלאָניסט מיט 500 העקטאַר לאַנד, האָט קודם־כל געדאַרפט באַזאָרגן זיין אייגענע נחלה, וואָס האָט פאַרנומען אַ שטח פון דריי מאָל אַזוי פיל, וויפל אַ געוויינלעכע קאָלאָניסטישע נחלה. דאָס אַגראָנאָמישע פאַך האָט נישט גע־קענט אָנגעווענדט ווערן אין דער נייער היים, ווו אַלץ איז קאַפּויר, אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים. אויף דעם געביט האָט ער ווייניק וואָס געקאָנט אויפטאָן פאַרן כלל. דאָס פּראָבלעם איז באַשטאַנען אין דער נחלה, אָבער נישט ווייניקער אויך אין דער עקאָנאָמיע. דאָס איז באַלד געוואָרן זיין מאָטאָ צו אַלע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע פראַגן. די קאָלאָניעס זיינען צעשפּרייט אויף הונדערטער קילאָמעטער און די פּויערים אַ סך אין צאָל. איז ווי־זשע קאָן ער זיי אַלע באַזוכן און זיי לערנען און עצהנען, אָדער זיי פאַרזאַמלען ערגעץ אויף צו האַלטן אַגראָנאָמישע לעקציעס? זיין אייגענע ווירטשאַפט האָט ביי אים אויך גענוג צייט, מי און אָנשטרענגונג פאַר־צערט. אָבער וואָס שייך די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, איז זיי גרינ־גער געווען צו באַזאָרגן. איין מאָל אין וואָך, אָדער חודש, מאַכט מען אַ פאַרזאַמ־לונג, קומען אָפּטער די קאָלאָניסטן און מ'פירט אָן אַ וועלכע ס'איז טעטיקייט. אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע אַקציעס. בהדרגה איז אַלץ געגאַנגען צום גע־זעלשאַפטלעכן פּראָגרעס, ביז ס'זיינען אַנטשטאַנען די גרויסע סכסוכים און קאַמפן מיט דער יי.ק.א., ווען מ'האָט שוין אויך געזען קאָנצענטראַציעס פון אַ הונדערט־קעפּיקער מאַסע.

דער עקסטענסיווער סיסטעם פון גרויסע „קאָסטשעס״ האָט נישט אויסגע־מיטן סאָכאַראָוון. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן איינצופירן אַ געמישטן סיסטעם פון פאַרשיידענע אָפּצוויגונגען, אָבער ווייץ און ליין האָבן פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ. ווען דער שניט איז אַ גוטער און די סוחרים־אויפקויפערס צאָלן נידעריקע פּרייזן און פאַרנעמען נאָך דערצו די צאָל פּאַנעגעס[12] מיט זייערע פאַלשע וואָגן, ליידן דערפון די קאָלאָניסטן גרויסע היזקות; און אַוודאי ווען דער שניט איז שוואַכער און אָפּטמאָל אַ נישטיקער, אַ גאָר בצמצומדיקער, איז די לאַגע ביז גאָר טרויעריק...

סאָכאַראָוו טראָגט זיך אַרום זינט אַ לענגערער צייט מיט פּלענער, וואָס זיינען געווען געוואָגט פאַרן קאָלאָניסטישן עלעמענט פון יענער צייט, ווען די קאָלאָניעס זיינען געווען אָפּהענגיק און פאַרבונדן מיט די לאָקאַלע סוחרים און אין דער כסדר־דיקער שלעכטער לאַגע פון 15 יאָר ראַנגלענישן (1892—1907). אַזעלכע פּלענער, וואָס זיינען געווען צו פאַנטאַסטיש, דאָן־קיכאָטיש. זיין דעוויז איז געוואָרן — קאָאָ־פעראַטיוויזם, און ער ווייסט אַז די אַמאָליקע מנחם־מענדלס זיינען אויף אַלע הונ־דערט פּראָצענט, עקאָנאָמיש און סאָציאַל, אינדיווידואַליסטיש געשטימט. די נייע תורה איז נישט חל אויף מענטשן מיט איינגעבוירענעם עגאָיזם. דער קאָלעקטיוויזם איז פאַר זיי נאָר אויף אַזוי פיל וויכטיק, אויף וויפל ער באַפרידיקט די נטיה פון אויסלעבן זיך טראַדיציאָנעל. דאָ האָבן זיי די שול, די שולע, דאָס ספר (קיין ביב־ליאָטעקן זיינען דעמאָלט נישט געווען, אַלנפאַלס קיין געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזיר־טע) און בכלל אַלע אַנדערע הצטרכותן פאַר אַ יידיש בעל־הבתישער היים.

נישט געקוקט דערויף קומט סאָכאַראָוו אָפטער אין קאָנטאַקט מיט די פּויערים און לייגט אויס פאַר זיי פּלענער, וואָס זיינען אַנדערש ווי די באַגריפן פון די קאָלאָ־ניסטישע מאַסן: אין דער נייעם היים איז אַלצדינג אַנדערש און זייערע באַשעפטי־קונגען זיינען אויך אַנדערש; דאָס גאַנצע לעבן איז דאָ אַנדערש; די אַמאָליקע מנהגים האָבן אויך דורכגעמאַכט אַ טראַנספאָרמאַציע, וואָס פּאַסן זיך וואָס אַ מאָל מער אַריין אין דער נייער סביבה, כמנהג המדינה. און בכדי דאָס אַלץ זאָל ווערן באַפעסטיקט און זאָל אויסוואַקסן פאַר זייער וווילזיין אינעם לעבן ווי יידן, ווי קאָלאָניסטן און ווי בירגער אינעם נייעם לאַנד, איז נייטיק אחדות, פאַראייניקונג, זעלבסט־הילף. סאָ־כאַראָוו האָט לכתחילה נישט געקאָנט ריידן קיין יידיש און ער האָט געניצט אַ שלעכטן דייטשמעריש, געמישט מיט רוסישע פראַזן. האָבן די קאָלאָניסטן אַפילו ניט אָנגעהויבן צו אַדאַפּטירן זיינע טעאָריעס. זיי האָבן אָבער איינגעזען, אַז דער בלאָנ־דער יונגערמאַן, מיט די ברילן אין גאָלדענע רעמלעך, מיטן פאַרקעמטן בערדל, וועל־כער רעדט וועגן אחדות, אידענטיפיצירט זיך מיטן יידישן עטישן געבאָט, כאָטש מ׳זעט אים ניט שבת און יום־טובים ביים מנין; שטעלט זיך אָפּטמאָל איין אין אַלע עסקים, וואָס קומען פאַר אין דער קאָלאָניע, סיי צווישן די קאָלאָניסטן גופא און סיי

[12] פּאַנעגאַ — הונדערט קילאָ וואָג, פון תבואות, אָדער אַנדערע עלעמענטן.

צווישן די קאָלאָניסטן מיט דער אַדמיניסטראַציע; איז שטענדיק וויליק נאָכצוקומען אַ בקשה, אַ טובה, אַן עצה, אַזוי ווי ס׳טוט אָפּט זײַן גנעדיקער שוואָגער ד״ר ירחי. די חשיבות, דרך־ארץ, די ליבשאַפט און פאַרערונג צום ד״ר ירחי האָבן גובר געווען אַלע ספּיקות און מ׳האָט אים אָנגעהויבן צו באַטראַכטן מיט סימפּאַטיע. אַ חוץ דעם האָט ער געקריגן גרויס אָנזען אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל", ווו מ׳רעכנט זיך מיט זײַנע טעכנישע און פּראַקטישע אָנווײַזונגען ווי אַן אַגראָנאָם. אגב, אין דער הינזיכט איז סאָכאַראָווס טעטיקייט כמעט נישט אָנזעעוודיק. די עקאָנאָמישע לאַגע פאַרנעמט מער זײַן אויפמערקזאַמקייט און די קאָמערציעלע עקספּלואַטאַציע פאַרצערט במילא די גאַנצע מי, אַרבעט, אינוועסטיציעס, סײַ אייגנס און סײַ פרעמדס. די קאָלאָניסטן פּראָדוצירן שוין צופרידנשטעלנדיק אויף אַלע געביטן אין באַטרעף פון אַ סך הונדערטער־טויזנטער פּעזעס און זײַנען אומבאַהאָלפן צו פאַרטיידיקן זיך איבערן פעלן פון אַ באַזע, אַ גוט־אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, וואָס זאָל, אַ חוץ דאָס צושטעלן פאַר זייער געברויך אַלע נייטיקייטן, אויך אויפנעמען זייער פּראָדוקציע פון אַלע תבואות וכדומה. זײַנע פלענער קריגן אָנהענגער, חסידים און — קעגנער.

נאָך עטלעכע אַזעלכע עקספּאָזעס האָט ער דעם 20סטן אָקטאָבער 1907, ערב דעם שניט, פאַרופן אַ גרופּע שכנים און זיי פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן די תבואות פון דער קינפּטיקער „קאָסעטשע" אין אַ קאָלעקטיוון פאַרבאַנד. ער האָט פאַר זיי פאַרגעלייענט אַ פאַרטיקן קאָנוועניום מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„מיר, אונטערגעשריבענע, בילדן אַ געזעלשאַפט מיטן צוועק צו פאַרקויפן בשותפות דעם גאַנצן אויסגאָב פון ווייץ, לײַן (האָבער נישט דווקא).

„יעדער מיטגליד איז זיך מתחייב אָפּצוליפערן זײַנע פּראָדוקטן דער געזעלשאַפט און זיי דעפּאָזיטירן אויף אַן אָרט, וואָס עס וועט אָנווײַזן די אויסגעקליבענע פאַרוואַלטונג, וואָס פירט אָן מיט די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט.

„אין פאַל ווען מ׳וועט עובר זײַן אויפן אָפּמאַך, וועט די פאַרוואַלטונג האָבן דאָס רעכט אָנצוקלאָגן אין געריכט, כדי צו צווינגען דעם קאָנטראַקטברעכער צו דערפילן זײַן התחייבות.

„די אָנגענומענע באַשלוסן פון דער דערמאָנטער אויסגעקליבענער פאַרוואַלטונג וועלן זײַן אומאַפּרופלעך.

„אַלע אָנוועזנדיקע 17 קאָלאָניסטן האָבן אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די הערן: מ. סאָכאַראָוו, י. באַביטש און מ. לעכטמאַן.

„אויפן אַנדערן טאָג זײַנען צוגעקומען נאָך 40 אונטערשריפטן".

(זע „סאָכאַראָוו־בוך", זײַט 44)

דער כראָניקער פון יענער עפּאָכע, דער באַגאַבטער קאָלאָניסטישער שרײַבער ברוך בענדערסקי,[13] וואָס איז געווען דער תבואה־אָפּנעמער פון דעם קאָלעקטיוון פאַרבאַנד, האָט באַשריבן מיט אַלע פּרטים די שוועריקייטן און מניעות מצד די לאָקאַלע סוחרים, וואָס סאַכאַראָוו איז אויסגעקומען צו קעמפן קעגן זיי, אַ חוץ די אינטריגעס פונעם קאָלאָניסטישן לאַגער, די שטענדיקע קעגנערס פון יעדער איניציאַטיוו, און אַנדערע מניעות, וואָס האָבן פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. אָבער דער אומבייגזאַמער איניציאַטאָר האָט אַלץ גובר געווען און איז סוף־כל־סוף אַרויס דער זיגער.

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דרעשן, זײַנען געקומען פון אַלע קאָלאָניעס וועגענער מיט ווייץ און לײַן און האָבן תיכף אָנגעפולט די שײַערן. דאָס האָט אַזוי געדויערט עטלעכע וואָכן, ביז צום אויפלאָדן אויף די וואַגאָנעס אַן ערך פון 25

[13] ברוך בענדערסקי איז געבוירן געוואָרן אין רימאַנקעוויץ, אַ קליינע באַן־סטאַנציע אין בעסאַראַביע, דעם 15טן מײַ 1880, אַ זון פון אַן ערד־אַרבעטער. אין 1894 זײַנען זײַנע עלטערן קאָלאָניזירט געוואָרן אין דער קאָלאָניע זאַנענפעלד (סאַן גרעגאָריאָ), נאָענט פון דאָמינגעז, ווו עס איז געווען דער צענטער פון דער יק״אַ־אַדמיניסטראַציע; ווו ס׳איז אויך געווען דער שפּיטאָל, די אַפּטייק, די פּאָסט, דער קאָמערציעלער און געזעלשאַפטלעכער צענטער. שוין אין די ערשטע יאָרן אויף דער קאָלאָניזאַציע, אין שכנות מיטן ד״ר ירחי, שפּעטער אַ ביסל מיט סאַכאַראָוון, מיט יצחק קאַפּלאַנען און אַנדערע פאָרגעשריטענע קאָלאָניסטן, האָט זיך צווישן זיי פאַרבונדן אַ גרויסע פרײַנטשאַפט. פון דער נאַטור אַ רויִקער מענטש, אַן אַרבעטזאַמער פּויער, האָט ער גענאָסן פון גרויס סימפּאַטיע פאַר זײַנע סאָלידע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, וואָס האָבן אינעם באַגינען פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג. אין די רײַפערע יאָרן, ווען דער „פאָנדאָ קאָמונאַל״, אונטער סאַכאַראָווס אָנפירונג, האָט אָרגאַניזירט דעם קאָלעקטיוון קאָנווענטיום, צו פאַרקויפן געמיינזאַם די תבואות, איז ער געווען דער ערשטער תבואה־אָפּנעמער פון די מיטגלידער. דאָס איז געווען דער ערשטער שטאָפּל פון צוטרוי פאַר דעם אָמט, וואָס מ׳האָט קיין פרעמדן, נישט פון דער קאָלאָניע, נישט געטאָרט אָנפאַרטרויען. צוליב זײַן געניטקייט אין דעם פאַך, אָרנטלעכקייט און אידעאַליזם האָט מען אים מיט פּרעפערענץ געוויילט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָאָפּעראַטיוו אין פאַרשיידענע פּעריאָדן און ער האָט געוווּנען גרויס אָנערקענונג.

ברוך בענדערסקי האָט געהאַט אַ נייגונג צו באַאָבאַכטן גרינטלעך דאָס לעבן און די אַרבעט פון די קאָלאָניסטן. איז אויך געווען אַ זעלטענער אָבסערוואַטאָר פון דער נאַטור און לעבן פון די בהמות, חיות, עופות, פייגל, בינען און מוראַשקעס. ער האָט מיט טאַלאַנט — און דער ערשטער אין אַרגענטינע — אָנגעהויבן צו שרײַבן סקיצן און בילדער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פאַרשיידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און טעגלעכע צײַטונגען. ער איז דער ערשטער און עלטסטער ייִדישער שרײַבער און גרינדער פון דער נאַטוראַליסטישער שולע אין אַרגענטינע. די דערציילונגען פון דעם פעלד־לעבן, פון די פּויערים, זײַנען מערסטנס צייכענונגען און נאַטירלעכע שילדערונגען, אין אַ שיינער הומאָריסטישער פאָרעם. די בילדער פון די בהמות, עופות, פערד און די מינים, וואָס ער האָט שטודירט און באַשריבן, זײַנען פון די קרעפטיקסטע שאַפונגען, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרעם, אין 1931, א.ד.ט.: „אויף די ייִדישע פעלדער״, 174 זײַטן. אין 1910 איז ער געווען מיטרעדאַקטאָר פון „דער ייִדישער קאָלאָניסט״, דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די צוויי ערשטע קאָאָפּעראַטיוועס: „אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ לוסיענוויל״ און „פאָנדאָ קאָמונאַל״. געשטאָרבן דעם 28סטן פעברואַר 1953.

טויזנט פּאַנעגעס, וועלכע זיינען פאַרקויפט געוואָרן מיט 60 סענט טייערער פאַר יעדע 100 קילאָ ווי עס האָבן געצאָלט די סוחרים אויפן אָרט.

דער פּרעזידענט מיגעל סאַכאַראָוו האָט דעמאָלט ווידער אַמאָל פאַררופן די מיטגלידער, האָט אַלעמען אויסגעצאָלט פאַר זייערע תבואות און צוגעשטעלט אַ באַלאַנס, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן מיט גרויס צופרידנקייט און אַלע האָבן צוגעזאָגט צו באַנייען דעם קאָלעקטיוון קאָנוועניום צו דעם קומענדיקן שניט.

מיט דעם ערשטן עקספּערימענט איז מיגעל סאַכאַראָוו, דער קאָלאָניסטישער „דאָן קיכאָט", ווי מ'האָט אים געקרוינט פאַר זיינע געוואַגטע אונטערנעמונגען, אַרויס דער זיגער.

די דאָן־קיכאָטישע פאַנטאַזיע האָט דורכגעבראָכן די כינעזישע וואַנט!...

גלייכצייטיק מיטן ערשטן קאָלעקטיוון תבואות־פאַרקויף און זיין מאַטעריעלן און מאָראַלישן דערפאָלג האָט אויך דער „פאָנדאָ קאָמונאַל" באַוויזן, אינעם זעלבן יאָר 1907/8, צו באַפעסטיקן זיין פּאָזיציע מיט די אָפּעראַציעס, וואָס ער האָט שטופנווייז אויסגעברייטערט לטובת די מיטגלידער, מיט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, אונטערן פאָרזיץ פון אַדאָלפאָ לייבאָוויטש און ד"ר נח ירחי, אַלס וויצע־פּרעזידענט.

היות לייבאָוויטש איז אָפּגעפאָרן קיין בראַזיל, וווהין די ייקא האָט אים געשיקט צו אינספּעקציאָנירן און אָנפירן מיט אירע קאָלאָניעס „פיליפּסאָן" און „קוואַטראָ אירמאַאָס", האָט ד"ר ירחי פאָרענדיקט יענעם פעריאָד.

דעם 20סטן אַפּריל 1908 איז פאָרגעקומען די יערלעכע אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג. ד"ר ירחי האָט אָפּגעדרוקט אַ באַריכט אין יידיש, מיט אַן אויספיר־לעכן באַלאַנס, אין וועלכן עס איז דערוויזן געוואָרן אין די פאַרשיידענע רובריקן דער ערשטער צופרידנשטעלנדיקער פּראָגרעס.

אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך 85 מיטגלידער און די צאָל האָט שוין דערגרייכט צו 551.

דער אַלגעמיינער אומזאַץ האָט באַטראָפן 660.341.46 פּעזעס. מ'האָט אויסגע־טיילט צו די מיטגלידער 4.666 זעק מעל; 1.325 פּאָסטן (דרענגער פאַר די דראָט־פאַרצוימונגען); 739 בייגל שטעכעדיקן דראָט; 52 אַקער־אייזנס; עטלעכע סולקיס (צוויי־רעדערדיקע וועגענער) און אַנדערע צוגאָב־טיילן פאַרן רעמאַנענט; 178.000 ליידיקע זעק; 1.136 טוץ פּאָדעם; 184 קילאָ בונד־פּאָדעם; 1.406 בלעכן מאַשין־בוימל.

אין סך־הכל איז געבליבן ריינער ריווח צווישן 2,7% און 3,6%.

דער „פאָנדאָ קאָמונאַל" האָט באַקומען און פאַרטיילט צו די מיטגלידער 25.000 קילאָ ווייץ און ליין פון אַ גוט־סעלעקציאָנירטן קלאַס פאַר זריעה. האָט אויך איינ־געקויפט אַ גוטן קלאַס מילך־קי, בעסערע רעפּראָדוקטאָרן (בוהייעס) אויף צו פאַר־

בעסערן די ראַסע. האָט אויך אַרויסגעהאָלפן אַ טייל קאָלאָניסטן דורכן קויף פון צוויי דרעש־מאַשינען.

גרויס איז אויך געווען די טעטיקייט אויפן סאַניטאַרן געביט. דער שפּיטאָל האָט פונקציאָנירט נאָרמאַל. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אָן מי און גרויסער אָנשטרענגונג. אויך דאָ קומט אַ גרעסערע סטאַטיסטיק.

אינעם באַריכט ווערט אויך אָנגעוויזן וועגן אַ סך אַנדערע באַמיִונגען, ווי: אויסבעסערן די שלעכטע וועגן; אויסבויען עטלעכע בריקן; בוררות; אינטערווענצן בײַ דער יִיקאַ לטובת די מיטגלידער און אונטערהאַנדלונגען וועגן קרעדיטן; אויפזיכט אין אַ טייל שולעס; אַנטייל אין קולטורעלע אַקטן אאַז״וו.

די מיטגלידער האָבן מיט גרויס צופרידנקייט אָנגענומען און באַשטעטיקט די באַריכטן און באַלאַנסן. ס׳זײַנען דורכגעפירט געוואָרן וואַלן און עס איז דאָס ערשטע מאָל דערוויילט געוואָרן מיגעל סאַכאַראָוו אַלס פּרעזידענט.

די נײַע צײַט

אינזשיניער מיגעל סאַכאַראָוו איז געקומען צו דער מאַכט אַלס פּרעזידענט מיט אַ סך פּראָיעקטן. קודם־כּל האָט ער אָפּגעדרוקט אַלע פּאַפּירן און דאָקומענטן מיט זײַן אויסגעחלומטן עמבלעם: „פאַנדאָ קאָמונאַל, סאָסיעדאַד קאָאָפּעראַטיוואַ אַגריקאָלאַ" .Fondo Comunal Sociedad Cooperativa Agrícola de la Colonia Clara און ווי אַ תנאי, וואָס איז געשטעלט געוואָרן נאָך פאַר די וואַלן, איז געווען באַשטימט אַרויסצופירן דעם „פאַנדאָ קאָמונאַל" פון דער יִיקאַ און פון איר אַדמיניסטראַציע, בכדי צו קאָנען אָנפירן אַ פרײַע, זעלבשטענדיקע און אומאָפּהענגיקע אַרבעט פאַר די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אינטערעסן. אויך דאָס פּראָפעסיאָנעלע פּראָבלעם האָט פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע קאָאָפּעראַציע, אויסער די גרענעצן פון דער יִיקאַ־אַדמיניסטראַציע. היות, אָבער, די קאָאָפּעראַטיוו און די מיטגלידער זײַנען געווען שטאַרק פאַרחובט צו דער יִיקאַ: — די מיטגלידער פאַר אַלטע חובות און דער „פאַנדאָ קאָמונאַל" פאַר קרעדיטן — איז די לאַגע געווען אַ ביסל „דעליקאַט" און עס איז, לויט אַ געוויסער פשרה, צוגעטיילט געוואָרן פאַרן אַדמיניסטראַטאָר דער אַמט פון סינדיקאָ. אַזוי אַרום האָט ער געהאַט אַ צוטריט צו קאָנטראָלירן דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפט און אָפּהיטן די גאַנצקייט פון דער יִיקאַס הלוואות. פון דעמאָלט אָן איז עס שוין געוואָרן אַזאַ מין טראַדיציע כמעט אין אַלע קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס, צו ווילן דעם אַדמיניסטראַטאָר אַגענט פאַרן אַמט פון סינדיקאָ. דער אַדמיניסטראַטאָר לעאָן סידי, אַ ספרדישער ייִד, האָט אַמטירט ווי אַ סינדיקאָ אינעם „פ. ק." פון 1909 ביז 1932, מיט אַן איבעררײַס פון דרײַ פּעריאָדן. מיט קיין איבעריקע איניציאַטיוועס האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט אַזוי ווי לאַפּין, ל. נעמיראָווסקי און א. לייבאָוויטש.

עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן די אומקאָנדיציאָנעלע דינסט, וואָס עס האָט אויס־געפירט, זינט דער גרינדונג פונעם „פ. ק.“ ביז 1910, דער בוכהאַלטער פון דער אַדמיניסטראַציע, ב. מעזשיבאָווסקי, ווי סעקרעטאַר, קאַסיר און בוכפירער גלייכ־צייטיק, פאַר וואָס ער איז באַדאַנקט און באַלוינט געוואָרן, בשעת ער האָט פאַר־לאָזט זיין אַמט אין דער אַדמיניסטראַציע פון דאָמינגעז, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַדמיניסטראַטאָר פאַר דער קאָלאָניע מאַוריציאָ.

ווי גרויס עס איז די איראָניע פון דער קאָלאָניסטישער „עפּאָפּייע“, און נאָך גרעסער פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע: אָט דער זעלבער ב. מעזשיבאָווסקי, וואָס האָט אַלס פּשוטער אָנגעשטעלטער אין דער יק״א־אַדמיניס־טראַציע, מיט לאַפּינען און לייבאָוויטשן, געדינט געטריי, מיט איבערגעגעבנקייט צו די קאָלאָניסטישע אינטערעסן און פאַרן „פאָנדאָ קאָמונאַל“, — האָט אַלס הע־כערער „נאַטשאַלניק“ געהאַנדלט ווי אַ דינער פון דער יק״א, אַ סך ערגער ווי לאַפּין אין די ערשטע יאָרן, סיי אין מאַוריציאָ און סיי שפּעטער אין דער קאָלאָניע מאָזעס־וויל. עס איז גענוג איבערצולייענען די הונדערטער אַרטיקלען אין די יידישע צייט־טונגען פון יענער צייט, כדי צו קאָנען זיך שאַפן אַן אמתדיקן באַגריף פון די גרויסע צרות און אומדערטרעגלעכע ליידן, וואָס ער האָט פאַרשאַפט די קאָלאָניסטן. גראָד אין די שרעקלעכע צייטן פון הייעשריק, פאַרפלייצונגען צוליב די אומאויפהערלעכע רעגנס, ווען די קאָלאָניעס — איבערהויפּט מאָזעסוויל — האָבן געליטן בוכשטעב־לעכן הונגער...

אונטער סאַכאַראָווס פאָרזיץ, אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל“, האָבן זיך אָנגעהויבן שנעל צו באַוועגן אַלע אַקטיווע עלעמענטן. דער נאָמען „קאָאָפּעראַטיוו“ איז נאָר אַ שילד, אָבער אין דער פּראַקטיק איז דאָס אַקטיווע קאָאָפּעראַציע. אַ גרויסע צאָל באַוווסטזיניקע קאָלאָניסטן אָפּערירן, קאָאָפּערירן מיט דער קאָאָפּעראַטיוו, דאָס הייסט מיט דער „פונדע“. (די בעסאַראַבער, אוקראַינער, פּאָדאָליער און וואָלינער לייענען דעם קמץ ווי אַן „אוּ“ — איז פון „פאָנדאָ“ געוואָרן „פונדע“; פון קאָאָפּע־ראַטיוו — „קאָמפּעראַטיווע“, „קאָפּטיווע“; אָט אַזוי ווי אין לוסיענוויל איז דער נאָמען פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ“ פאַרבליבן דער „פאַראיין“).

די ווייטע מזרח־קאָלאָניעס: סאַן אַנטאָניאָ און סאַנטאַ איזאַבעל; די ווייטע צפון־קאָלאָניעס: ווילאַ און וואַלטער מאָסס, לאַפּעז און בעראַ, אויף אַ מרחק פון הונ־דערט קילאָמעטער, שליסן זיך אָן און פאַרלאַנגען, אַז דער „פאָנדאָ קאָמונאַל“ זאָל ביי זיי איינשטעלן אָפּטיילונגען. דאָס איז געווען נאָך אַ שריט פאָרויס פאַרן דער־פאָלג פון קאָאָפּעראַטיוויזם. עס קומען דעלעגאַטן פון אַלע קאָלאָניעס צו באַקענען זיך מיט די אופנים פון דעם קאָלעקטיוון תבואה־פאַרקויף, מיט די רעגלאַמענטן, סטאַ־טוטן און די באַוועגונג ברייטערט זיך אויס און ווייט איבער די גרענעצן פון קלאַראַ. דער אַפּאַראַט ווערט אַלץ גרעסער, אָבער ס׳איז אויך אַ שווערע לאַסט צו קענען

אויספירן אַלזײַטיק אַזאַ קאָמפּליצירטע אויפגאַבע. ס׳איז נישט נאָר אַ קאָמערציעלע און עקאָנאָמישע פראַגע — די קאָאָפּעראַציע איז אין איר תוך אַ סאָציאַל דערציִערישער אינסטרומענט און פאַרלאַנגט אויפקלערונג, קאָנקרעטע עקספּערימענטן. אמת, דער שאַפער פון דער אידעאַלער קאָאָפּעראַציע רעדט צו די קאָלאָניסטישע מאַסן מיט ענטוזיאַזם און מאָלט פאַר זיי אַ גליקלעכע צוקונפט, אונטער די פליגלען פונעם קאָאָפּעראַטיוויזם: די קאָלאָניסטן פאַראייניקן זיך, באַפעסטיקן די פּאָזיציע פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל“ אין אַלע קאָלאָניעס; שליסן אַ בונד מיט דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל“; שפּרייטן אויס זייער אײַנפלוס ביז מאָזעסוויל, אויף מאַוריציאָ, ריוועראַ, נאַרסיס לעווען, דאָראַ וכדומה. דאַן שאַפט מען אַ מין „צענטראַלע“, וואָס זאָל דירעקט פאַרהאַנדלען אין אייראָפּע מיט די קאָאָפּעראַטיווען־פאַרבאַנדן, כדי צו שיקן פול־געלאָדענע שיפן מיט דער קאָלאָניסטישער פּראָדוקציע, צו טוישן אויף מאַשינען, קאָנסום־אַרטיקלען, באַקליידונג, באַשיכונג און אַלץ וואָס עס איז נייטיק פאַרן געברויך; און ער שילדערט וואָס די קאָלאָניעס וועלן דאַן זײַן בכוח אויפצוטאָן: מ׳וועט אויסבויען רחבותדיקע פאָלקס־הײַזער, שולן, ביבליאָטעקן — אַלץ אונטער דער פאָן פון קאָאָפּעראַציע, ווו עס וועט אָפּקלינגען דאָס וואָרט פון אחדות, פון שלום, באַפרײַט פון קליינלעכע אַמביציעס, פון עקספּלואַטאַציע, פון קנאה־שנאה. דער ייִדישער מענטש, אויפן פעסטן באָדן פון פּראָדוקטיוויטעט אויף די אַרגענטינער סטעפּעס, וועט ווערן אַ מאָדעל פון פּראָגרעס פאַר זײַנע שכנים, פאַר אַלע פעלקער, וואָס אַרבעטן, פּראָדוצירן און ווירקן אינעם קאָנצערט פון אויפבוי און ציוויליזאַציע...

סאַכאַראָוו האָט פאַרמאָגט דעם חוש אויסצוגעפינען אָנהענגערס און איז קיין מאָל נישט פאַראייניזאַמט. ער האָט נישט געהאַט קיין מאַנגל אין מענטשן־מאַטעריאַל פון בעסערן קאַליבער. צווישן זײַנע חסידים און פאַרערער איז אויך געווען דער באַזאַכטער און דינאַמישער יונגער יצחק קאַפּלאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט אַקטויִרט אין דער נײַער סביבה ווי אַ פּיאָנער פון דער בעסערער געזעלשאַפט און האָט זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל“. זינט 1905 איז ער גלײַך מיט סאַכאַראָוון געווען פאַרטראָטן אין דעם קאָנסולטיוון ראַט, ווו ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פאַרשיידענע איניציאַטיוועס, צו לייזן דאָס עקאָנאָמישע פּראָבלעם, וואָס האָט סאַכאַראָוון אינטערעסירט פריִער פאַר אַלץ, ווי אַן אויסוועג צו סטאַביליזירן די קאָאָפּעראַציע, וועלכע האָט שוין געשלאָגן „רעקאָרד“ באַלד בײַ די ערשטע פּראָבעס.

סאַכאַראָוו האָט אײַנגעלאַדן יצחק קאַפּלאַנען צו פאַרנעמען דעם אַמט פון כּערענטע (פאַרוואַלטער), מיט אַ גאָר באַשיידענעם חודשלעכן געהאַלט. אידענטיפיצירט מיטן קאָאָפּעראַטיוון אידעאַל, האָט סאַכאַראָוו באַקומען אינעם נײַעם ערשטן פאַר־

וואַלטער אַ געטרײַען און איבערגעגעבענעם מיטאַרבעטער. און הגם דאָס זײַנען געוועזן צוויי פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן, פון צוויי פאַרשיידענע פּאָליטישע אָנשויונגען (סאַכאַראָוו — אַ סאָציאַליסט און קאַפּלאַן — אַ טראַדיציאָנעלער יִדישער נאַציאָנאַליסט, אַ ציוניסט פון די ערשטע פּיאָנערן אין אַרגענטינע), האָבן זיי דאָך געהאַט אַ זעלטענע טאָלעראַנטע באַציִונג און קעגנזײַטיקן דרך־ארץ פאַר די אידעאָלאָגיעס, האָבנדיק אין זינען דעם קיום פון די קאָמונאַלע ווירטשאַפטלעכע און עקאָנאָמיש־סאָציאַלע אינטערעסן.

יצחק קאַפּלאַן האָט איבערגענומען די פּראַקטישע אַרבעט פונעם „פאָנדאָ קאָמונאַל” און ער האָט באַלד געמאַכט פּראָגרעס, ווי אַ גוט אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט. עס איז אײַנגעפירט געוואָרן אָרדענונג און אַ מעטאָדישע באַדינונג אין דער ביוראָ פאַר די מיטגלידער און אַ פרײַע באַהאַנדלונג — פרײַ, מחוץ דער אַדמיניסטראַציע, ווו די קאָלאָניסטן האָבן זיך געפילט היימיש און צוטרוילעך. דער געלונגענער אויסוואַל פון קאַפּלאַנס פאַרוואַלטונג האָט נאָך מער באַפליגלט דעם פּרעזידענט אויפצובעמען נײַע איניציאַטיוועס, אויף אויסצוברייטערן דעם האָריזאָנט, פאַר אַ גרויסער קאָאָפּעראַציע — אַזוי אַז זי זאָל דערגרייכן צו דער מדרגה און וווקס פון ראָשדייל.

אינעם פּעריאָד פון 1909/10 איז דער ראַט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון פאָלגענדיקע קאָלאָניסטן: פּרעזידענט — מיגעל סאַכאַראָוו; ערן־פּרעזידענטן — דוד וועבעציאַני און וואָלטער מאָס (דירעקטאָרן פון דער גענעראַל־דירעקציע אין אַרגענטינע); וויצע — ד״ר נח ירחי; סעקרעטאַר און קאַסיר — ב. מעזשיבאָווסקי און יצחק קאַפּלאַן;[14] ראַטגעבערס — ס. שטיינבערג, יצחק מיכאל סאַס,[15] מ. אַבראַמאָוויטש, יצחק קאַפּלאַן און פּסח נחלת,[16] י. האַלפּערין און ע. ירחי — סינדיקאָ; לעאָן סידי (דער נײַער אַדמיניסטראַטאָר, אויף לייבאָוויטשעס אָרט) און יצחק קאַפּלאַן.

---

[14] ב. מעזשיבאָווסקי איז אין מיטן יאָר אָפּגערופן געוואָרן פון דער יִק״א און איז אָפּגעפאָרן קיין מאָוריציאָ, אַלס אַדמיניסטראַטאָר; קאַפּלאַן האָט דאַן פאַרנומען ביידע אַמטן (1910—11).

[15] יצחק מיכל סאַס איז געקומען מיט דער שיף „וועזער” אין 1889, מיט דער פּאָדאָליער ערשטער גרופּע עמיגראַנטן. אין 1892 איז ער איבערגעפירט געוואָרן קיין ענטרע ריאָס, ווו ער איז קאָלאָניזירט געוואָרן אין באַראָן הירש, פון קלאַראַ, ווו ער האָט באַגלײַך מיט מיגעל סאַכאַראָוון אַקטויִרט אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל” אַ סך יאָרן. ער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע קאָאָפּעראַטיוויסטן.

[16] פּסח נחלת איז געקומען מיט זײַנע עלטערן אַלס 17־יאָריקער בחורל, דעם 18טן אויגוסט 1891, מיט דער שיף „ליסאַבאָן” און זײַנען מיט אַ גרעסערער פּאַרטיע עמיגראַנטן פאַרפאָרן קיין פּאַלאַסיאָס, ווו זיי האָבן איבערגעלעבט יענע שווערע צײַט; אָבער היות זיי האָבן מיטגעבראַכט פון בעסאַראַביע גענוג געלט און חפצים, וואָס זיי האָבן אויספאַרקויפט און פאַרהאַלטן פון זייער דאָרפישער ווירטשאַפט, האָבן זיי ווייניקער געליטן מאַטעריעלע נויט. אין 1892 האָט זיי די יִק״א אַריבערגעפירט קיין ענטרע ריאָס און זיי קאָלאָניזירט, צוזאַמען מיט די „פּאַמפּיסטן”, אין דער ווײַטסטער און ערשטער קאָלאָניע „סאַן אַנטאָניאָ”. אַגריקולטאָרן פון דער אַלטער היים, האָט דער יונגער פּסח זיך פאַרנומען אויפן „פּריצישן” שטייגער אײַנצוריכטן אַן אידעאַלע „אימעניע” (עסטאַנסיע אויפן לאָקאַלן אַרגענטינער אופן). ווײַט פון יִשוב, האָט מען אַלץ געדאַרפט שאַפן מיט אייגענע

ב ר ו ך   ה ו י כ מ אַ ן

„לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ"

די דריטע יידישע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו איז געווען די „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ", פון דער קאָלאָניע מאָזעסוויל, פּראָווינץ סאַנטאַ־פּע. קיין דירעקטע דאָקומענטאַציע פון אַן ערשטער קוועלע וועגן איר גרינדונג און אַקטיוואַציע פון ערשטן פּעריאָד איז כמעט ניט בנמצא. אַפילו אין אַזאַ פונדאַמענטאַל ווערק, ווי דאָס איז „מאָזעסווילער בראשית" [17] פון נח קאַצאָוויטש, איז די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיוו קוים דערמאָנט געוואָרן מיט געציילטע ווערטער, אַז זי האָט אַרויסגעהאָלפן די מיטגלידער ביים פאַר־קויף פון אַלפאַלפאַ. עס איז נישט צו פאַרשטיין, וואָס דער זעלביקער נח קאַצאָוויטש, וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר און גרינדער פון „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ", זאָל ניט האָבן אין זיין דערמאָנטן בוך זכרונות פון דער קאָלאָניע מאָזעסוויל אַ קאַפּיטל וועגן דער קאָאָפּעראַטיוו, אין וועלכער ער איז געווען טעטיק אַ סך יאָרן און זיין איינפלוס איז געווען אַנזעעוודיק, ווי אין לוסיענוויל — ש. י. הורוויץ, מיגעל סאַ־כאַראָוו — אין קלאַראַ און פסח נחלת — אין סאַן אַנטאָניאָ. די „מוטואַ אַגריקאָלאַ" איז אויסגעוואַקסן, צום כבוד פון אונדזערע קאָלאָניעס, צו אַן ערשט־ראַנגיקער קאָאָ־פּעראַטיוו אין לאַנד, און הגם מיר האָבן דער אַנטשטייונג פון די ערשטע צוויי קאָאָ־פּעראַטיוון געווידמעט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און דאָס אַליין וואָלט שוין געווען

מיטלען. נחלת האָט אָנגעהויבן מיטן אָרגאַניזירן אַ שטיקל קולטור־צענטער. האָט געגרינדעט דעם „כוּוענטוד איזראַעליטאַ", וואָס איז געווען דער ערשטער קולטור־ווינקל, וואָס האָט שטופנוויז איינ־געאָרדנט אַ ביבליאָטעק מיט 4 קאַטאַלאָגן ביכער: יידישע, העברעישע, רוסישע און שפּאַנישע. מען האָט פאָרמירט אַ דראַמאַטישן קרייז און מען האָט אויפגעפירט פּיעסן פון גאָלדפאַדן, גאָרדין, שלום־עליכם, פּרץ, אַש און שפּעטער אויך טשעכאָוו, טאָלסטאָי, איבסען און אַנדערע. נחלת האָט אַ סך יאָרן אַמטירט אינעם קולטור־צענטער ווי פּרעזידענט; האָט געגרינדעט אַ ציוניסטישע ליגע; אָרגאַניזירט די סאַניטאַרע באַדינונג. אין 1909 איז ער געווען פון די ערשטע אָנצושליסן די קאָלאָניע אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל", וווּ ער האָט אַמטירט כמו וויצע־פּרעזידענט. מחמת זיינע פאַנטאַסטישע פּלענער צו הייבן דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן מצב פון דער קאָלאָניע, האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען: „דאָן קיכאָט", דאָס האָט געהייסן ווי אַ מין קאָנקורענץ צו סאַכאַראָוון, וועלכער האָט שוין געשמט אַלס אַזעלכער. נחלת האָט זיך געהאַט פאַרמאָסטן צו איבערשטייגן סאַכאַראָוון אויפן פעלד פון קאָאָפּעראַציע. הגם ער האָט ווייט נישט פאַרמאָגט סאַכאַראָווס אינטעליגענץ און בילדונג, איז ער אָבער געווען אַן אַמבי־ציעזער און ענערגישער קעמפער קעגן דער יקאַס מעטאָדן. בעת די יקא האָט שוין אין אַלע קאָ־לאָניעס געשניטן טיילוויז די נחלות, בכדי צו סילוקן אויף דעם אופן די גרויסע חובות, און האָט אויך אָפּגענומען אַ טייל נחלות, איז כל־זמן פסח נחלת האָט געווירקט אין דער קאָלאָניע, האָט עס דער יקא נישט געלונגען דורכצופירן. עס איז דאָ כדאי אָנצווייזן, אַז נחלת האָט זיך פאַרמאָסטן אין זיין זשורנאַליסטישער ספּאָרטמעסיקער אַרבעט גאָר פון גרויסן פאַרנעם: ער האָט אָנגעשריבן אַ גע־שיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. כראָנאָלאָגיש איז זי גוט פאַרצייכנט און איינגעטיילט אין קאַפּיטלען פאַר יעדער קאָלאָניע באַזונדער און נעמט אַרום די יאָרן 1889—1915.

[17] „מאָזעסווילער בראשית' פון נח קאַצאָוויטש, אַרויסגעגעבן פונעם יוואָ אין בוענאָס־איירעס, 1947.

אויסשעפּלעך פאַרן באַגריף און באַטײַטונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס, וועלן מיר דאָך פאַרצייכענען דעם היסטאָרישן פּראָצעס און די ערשטע טריט פון דער מעכטיקער אַגראַר־געזעלשאַפט, וועלכע האָט אין 1958 געפּײַערט דעם פופציק־יאָריקן יובל — אין בליִענדיקן צושטאַנד, עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל.

אינעם ספּעציעלן נומער „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר", וואָס איז געווידמעט דעם 50־יעריקן יובל, שרײַבט אין זײַן לייט־אַרטיקל דער רעדאַקטאָר אברהם גאָביס:

די ערשטע שריט פון „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ" (1908 - 1958)

„דעם 5טן יאַנואַר פון לויפנדיקן יאָר איז געוואָרן פופציק יאָר, ווי עס איז גע־גרינדעט געוואָרן אונדזער קאָאָפּעראַטיוו „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ" פון מאָזעסוויל, פּראָווינץ סאַנטאַ־פע, וועלכע איז די ערשטע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו אין אָט דער פּראָווינץ און די פּערטע פון אַלע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוועס פון לאַנד, לויטן נאַציאָ־נאַלן סדר.

מיר זאָגן עס נישט כדי זיך צו באַרימען, אָדער וועלן זיך אַרויסשטעלן ווי בע־סער פון אַנדערע; מיר קאָנסטאַטירן אָבער דעם פאַקט, אַז אונדזערע עלטערע אַג־ראַר־קאָאָפּעראַטיוון, ווי די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ לוסיענוויל" פון באַסאַווילבאַסאָ, „פאַנדאָ קאָמונאַל" פון דאָמינגעז און קלאַראַ און „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ" פון מאָ־זעסוויל זײַנען פון די סאַמע ערשטע, ווײַל זיי האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע מאָס אויסדויער, ערלעכע אויסגעפּרוווטע פירערס און אַ פּאַסיקן מיטגלידער־עלע־מענט. נישט קוקנדיק אויף דעם — און אפשר טאָקע דערפאַר — וואָס ס'האָט זיך אין אַלע פאַלן געהאַנדלט פון מענטשן שטאַרק אַנגעליטענע פון כלערליי רדיפות און אונטערדריקונגען, האָבן זיי מער געשעצט די פרײַהײַט און ליב באַקומען זייער אינסטיטוציע, וואָס איז געבויט געוואָרן אויף יסודות פון דעמאָקראַטיע און סאָ־לידאַריטעט.

צווישן די ערשטע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוועס אין לאַנד דאַרף פאַרעכנט ווערן די „אַגריקאָלאַ גאַנאַדעראַ"[18] פון כונין, פּראָווינץ בוענאָס־איירעס.

בעתן גרינדן אין מאָזעסוויל די באַטרעפנדיקע אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו איז אין אונדזערע ענטרע־ריאָסער קאָלאָניעס פון דעמאָלט געווען אַ היבש ביסל דערפאַרונג אויף דעם געביט; מהאי־טעמא האָט איר גרינדער, דער הויפּט־איניציאַטאָר און שטענדיקער גאָר־גרויסער אַקטיוויסט און לאַנג־יאָריקער פירער און טאָן־געבער — נח קאַצאָוויטש — געקומען צו־ערשט אויף אַ באַזוך אין ענטרע־ריאָס, כדי פּערזענ־לעך צו באַקאַנען זיך מיטן גאַנג פון די דאָרטיקע, שוין דעמאָלט עקזיסטירנדיקע

[18] „אַגריקאָלאַ גאַנאַדעראַ", אַ געמישטע אַגריקולטורעלע און פי־געזעלשאַפט.

צוויי אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון, און זיך באַראַטן מיט זייערע מנהיגים, ווי אַזוי צו אָר־גאַניזירן בעסער די קאָאָפּעראַטיוו אין מאָזעסוויל.

די גרינדונג איז פאָרגעקומען דעם 5טן יאַנואַר 1908.

דער ציל איז אויסגעדריקט אינעם ערשטן סטאַטוט:

קאַפּיטל 1, פּאַראַגראַף 3: דער הויפּט־צוועק אירער איז: צו פֿאַרבעסערן דעם מצב פון דער קאָלאָניע, אַז זי זאָל פּראָגרעסירן אין אַקערבוי און פי־צוכט. די געזעלשאַפט וועט אויסנוצן אַלע מיטלען, וועלכע שטייען נאָר צו איר דינסט, כדי צו דערגרייכן פאָלגנדיקע צוועקן:

א) פֿאַרבעסערן דעם צושטאַנד פון אירע מיטגלידער, איינפירנדיק נײַע צווײַגן פון ווירטשאַפטלעכע אינדוסטריעס.

ב) אויסזוכן פאַרשיידענע מיטלען צו שטיצן מאַטעריעל אירע מיטגלידער מיט הלוואות און מזומן געלט: לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, זריעות, קאָנסום־אַרטיקלען אאַז״וו, כדי צו באַזײַטיקן די שוועריקייטן, וואָס שטערן זיי צו שטײַגן אין זייערע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען.

ג) געבן די מיטגלידער אירע מיטלען, אָנווײַזונגען, עצות און דערקלערונגען אין אַלץ, וואָס איז נוגע קאָלאָניזאַציע.

ד) דינען אין אַלץ ווי אַ פאַרמיטלערן אויסצוגלײַכן סכסוכים, וואָס קענען פאָרקומען צווישן די מיטגלידער.

ה) אויסזוכן מיטלען, ווי ווײַט מעגלעך אויסצובעסערן די געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, ווי די מעדיצינישע הילף, שולן, ביבליאָטעקן אאַז״וו.

דער ערשטער ראַט איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון:

ערן־פּרעזידענט — דוד וועגעציאַני און וואַלטער מאָס, דעמאָלטיקע יִיקאַ־די־רעקטאָרן אין בוענאָס־איירעס (די דאָזיקע צוויי הויפּט־דירעקטאָרן האָבן פיגורירט אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל" אויך ווי ערן־פּרעזידענטן, ווי אַ טראַדיציע אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן אַקטוירט אין אַרגענטינע — אַזוי ווי עס איז אויך געווען אײַנגעפירט, אַז דער אַדמיניסטראַטאָר כמעט פון יעדער קאָלאָניע האָט פאַרנומען אַ סך, אַ סך יאָרן דעם אַמט פון סינדיקאָ — ב. ה.).

דוד פײַנבערג (פונעם רוסישן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער יִיקאַ אין פעטער־בורג) — סעקרעטאָר.

ערן־מיטגליד — גרויס־ראַבינער פון די פראַנצויזישע יאַהודים, ה' ש. הלפן.

פּרעזידענט — נח קאַצאָוויטש; וויצע — ה. וואַקס; סעקרעטאַר — א. גוטמאַן; פּראָ־סעקרעטאַר — א. כרמל; קאַסיר — י. פאַבר; קאָנטראָל־קאָמיסיע — א. הור־וויץ, ה. קאָלער און ח. מ. גערשאַניק.

די „מוטואַ אַגריקאָלאַ" האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אין די פעריאָדישע קאָלאָניסטישע קאָנגרעסן און גענומען אַ פעסטע שטעלונג צו די אָפטערע קאַמפן

מיט דער יי״קא (בשייכות מיט דעם קאָנטראַקטן־פּראָבלעם), וואָס האָט אָנגענומען אַ שאַרפן כאַראַקטער און באַדראָט דער סטאַביליטעט פון אַ גרויסן טייל קאָלאָניסטן, ווײַל עס זײַנען פאָרגעקומען גרויסע חילוקי־דעות צווישן די קאָלאָניסטישע פירערס.

די „מוטואַ אַגריקאָלאַ״ האָט אויך דורכגעמאַכט עטלעכע קריזיסן: הייסעריק, טריקעניש, פאַרטרינקענישן, צוליב אַ סך רעגנס און אַנדערע גורמים, וואָס האָבן אָוועקגעפּטרט דעם שניט, אומגעבראַכט די פי, פון וואָס די קאָלאָניע איז בדיל הדל געוואָרן. די קאָאָפּעראַטיווו האָט זיך געראַנגלט מיט דער שווערער לאַגע; געמוטיקט, געשטיצט, געטרייסט אירע מיטגלידער, געטראָגן די שווערע לאַסט מיט סטאָישער העלדישקייט, ביז ס׳האָבן זיך געביטן די אומשטענדן און אַלץ האָט עוואָלוציאָנירט, מיט פעסטע טריט צו בעסערע צײַטן״.

די קאָאָפּעראַציע אין די יידישע קאָלאָניעס האָט סטימולירט דעם קאָנצעפּט פון זעלבסטהילף. דאָס האָבן די מיטגלידער געלערנט אין די שווערע קריזיס־יאָרן, ווען די נויט איז געווען שרעקלעך גרויס און זייערע פאָרשטייערס האָבן געקלאַפּט אין אַלע טירן: בײַ דער יי״קאַ, אין די בענק, בײַ דער רעגירונג, אין די עקספּאָרט־הײַזער און אין די מילן. עס איז אמת, מען האָט געמאַכט חובות, וואָס ס׳איז לויט די פּרינציפּן פונעם קאָאָפּעראַטיוויסטישן שולחן־ערוך שטרענג פאַרבאָטן; אָבער ווי עס ווײַזט אויס, האָט דער מחבר פון די ערשטע פּרינציפּן נישט פאָרויסגעזען די טראַגישע אומשטענדן, אין וועלכע עס וועלן לעבן, אַרבעטן און קעמפן די אַרגענטינער קאָלאָניסטישע פּיאָנערן פאַרן קאָאָפּעראַטיוון אידעאַל. עס איז אויך אמת, אַז דער קרעדיט און די חובות האָבן געבראַכט נישט ווייניק קרבנות; אָבער דער עקשנותדיקער אויסדויער פון די פּיאָנערן האָט אַרויסגעפירט די פּראָדוצירנדיקע מאַסן פון אַלע צרות. זיי האָבן אויך דאָ גובר געווען די סטיכישע שטערונגען פון דער נאַטור און די קאָאָפּעראַציע האָט סוף־כל־סוף געזיגט. די מיטגלידער האָבן דאָס אָנערקענט און זײַנען געוואָרן אומקאָנדיציאָנעלע מיטאַרבעטער. ווי אַ בײַשפּיל וועלן מיר ציטירן דעם ווײַטערדיקן עפּיזאָד, וואָס באַווײַזט אויף ווי ווײַט די מיטגלידער פון דער „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ״ זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיטן קאָאָפּעראַטיוויסטישן אידעאַל.

אינעם ספּעציעלן יובל־נומער 499 „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר״, פון פעברואַר 1958, וואָס איז געווידמעט די 50 יאָר לעבן און אַקטיווון שאַפן פון דער „מוטואַ אַגריקאָלאַ״, פאַרנעמט אַ חשובן אָרט יצחק קאַפּלאַן, דער טראַדיציאָנעלער קאָאָפּעראַטיוויסטישער פילאָסאָף. און ווי שטענדיק, איז ער דער ערשטער רופער און אָנזאָגער פאַר אַלע יובלען אינעם קאָלאָניסטישן זשורנאַל. האָט ער איצט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, אונטערן טיטל: „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ״ — אַ בן חמישים״. דערציילט ער צווישן אַנדערן דעם פאָלגנדיקן עפּיזאָד:

„כ'בין געפאָרן אין באַן מיט אַ קאָלאָניסט י. ק. (מסתמא אויך אַ קאַפּלאַן, פון מאַזעסוויל — ב. ה.). ווען עס איז געקומען די צײַט פון עסן עפנט ער אויף זײַן וואַליזע און זאָגט מיר: „לאָמיר עסן אַ קאָאָפּעראַטיוון אָנבײַסן". ער נעמט אַרויס אַ סערוועטל און זאָגט מיר: „דאָס איז פון דער קאָאָפּעראַטיוו; מעסער און גאָפּל — פון דער קאָאָפּעראַטיוו; ברויט, סאַרדינען, דער טערמאָז מיט וואַרעם וואַסער, קאָמ־פּאָט — פון קאָאָפּעראַטיוו. אַזוי בײַ יעדער זאַך באַזונדער האָט ער דערמאָנט, אַז דאָס אַלץ איז געקויפט אין דער קאָאָפּעראַטיוו. און די וואַליזע שטאַמט אויך פון דער קאָאָפּעראַטיוו. „אַלץ, וואָס איך גיי אָנגעטאָן אויף מיר, פון די שיך און זאָקן ביז דעם הוט, אַפילו דאָס נאָז־טיכל און די מתנות וואָס איך פיר פאַר מײַנע קינדער, איז געקויפט געוואָרן אין דער קאָאָפּעראַטיוו. און אַפילו איך אַליין בין אויך פון דער קאָאָפּעראַטיוו. איך אַרבעט מיט אין דירעקטיוון ראַט".

אויף מײַן פראַגע, צי אין דער קאָאָפּעראַטיוו באַקומט מען טאַקע ביליקער ווי אין די פּריוואַטע קלייטן, האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן: „איר זאָלט עס פרעגן? פאַר מיר זײַנען נישטאָ קיין אַנדערע פּלעצער, אויסער דער קאָאָ־פּעראַטיוו, און איך ווייס נישט פון קיין אַנדערע פּרײַזן".

— און אײַער פרוי?

— מײַן פרוי איז דאָך אַן ענטרע־ריאַסער, זי קומט דאָך פון אײַער שולע.[19] אַלע שטוב־זאַכן, כלים, אַרבעטס־מכשירים, פון אַ נאָדל ביז אַ טראַקטאָר, פון אַ שוכבענדל ביז אַ בגד, פון שטאָף אויף ווינדלעך ביז זײַדנס אויף אַ חופּה־קלייד — באַקומט מען אין „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ".

באַשוכן, באַקליידן, באַשפּײַזן, באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן, און טאַקע מיט העלפן זאָרגן אָפּט מאָל פאַר דעם אָדער פאַר יענעם וועגן באַקומען קרעדיט, מיט אַ גוט וואָרט ווו מען דאַרף, מיט אַן עצה וועגן פאַרשיידענע ענינים, מיט אויסגלײַכן סכסוכים — ווי און ווער קען דאָס אָפּשאַצן?

און אַרײַנגיין אין „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ" איז ווי אין אַ שטוב פון אַ גוטער באַלעבאָסטע, אַן אינטעליגענטער און אַ גרויסער בריה. אַלץ איז אין אָרדענונג, יעדע זאַך אויף זײַן אָרט. עס שפּיגלט און גלאַנצט, ס'איז ריין און שיין.

און דאָס אויג איז זיך מחיה מיט דער רחבותדיקייט. אַלץ איז מיט טעם, מיט חן, עסטעטיש. און אַלץ וואָס דאָס אויג זעט, איז אַלעמענס און קיינעמס ניט. אַלע מיטגלידער קאָנען געניסן און זיך באַנוצן מיט דעם אַלעמען".

---

[19] די פּאַראַבאָל: כי מציון תצא תורה, אַזוי האָט מען אויסגעטײַטשט די לערע פון די ערשטע ענטרע ריאַסער קאָאָפּעראַטיוועס. דאָס פאַררופן זיך אויף „אײַער שולע" דערווײַזט אויף ווי ווײַט די מאַזעסווילער קאָלאָניסטן אָנערקענען זייער דאַנקבאַרקייט פאַר אונדזערע וועטעראַנען אויפן געביט פון דער קאָאָפּעראַציע. אַלע אַנדערע קאָאָפּעראַטיוועס אין לאַנד, די מיטגלידער און אַפילו די פּריוואַטע באַפעלקערונג זאָגן דאָס זעלבע.

אָט אַזוי שילדערט אַ מיטגליד פֿון דער „לאַ מוטואַ אַגריקאָלאַ" די הויכע מדרגה פֿון דער קאָאָפּעראַציע אין זיין קאָאָפּעראַטיוו, און דער לערער איז באַגײַסטערט פֿון זײַן אייגענער שילדערונג.

ווי אַזוי דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן? איז אויך כדאי צו זען די צווייטע זײַט פֿון דער מטבע. עס איז דאָך בכלל אָנגענומען, אַז נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס גלאַנצט. דער אויבן־געבראַכטער עפּיזאָד איז, וואָס אַן אמת, גאָלד מיט בריליאַנטן. ווער עס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון די ראָשדיילער פּיאָנערן, ווייסט, אַז די קאָאָפּעראַציע איז אויפֿגעקומען אין אַ רויער סביבה און די ערשטע פּיאָנערן זײַנען געווען געצווונגען, צו באַנוצן אַזעלכע מיטלען און אײַנפֿאַלן, וואָס זײַנען געווען צוגעפּאַסט פֿאַר גרויסע ווי פֿאַר קליינע קינדער. אַ סברה, אַז אין ראָשדייל זײַנען די קינדער געווען די ערשטע קאָאָפּעראַטיוויסטן. אַפֿילו ווען די מאַמע האָט געשיקט עפּעס צו קויפֿן אין קלייט, איז דאָס קינד אינטויִטיוו געלאָפֿן אַ סך קוואַרטאַלן אין דער קאָאָפּעראַטיוו. די מוטער האָט שוין נאָכגעטאָן דעם קינד און דער מאַן — דעם ווײַב...

אין אַרטיקל La Mutua Agrícola Limitada de Moisesville וואָס דער שפּאַנישער זשורנאַל „על אַלבאַ" [20] האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין ספּעציעלן נומער, געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובל פֿון דער קאָלאָניע מאָזעסוויל, דעם 15טן אָקטאָבער 1939, דערציילט נח קאַצאָוויטש פֿאַרן כראָניקער, ווי אַזוי עס איז אים אויסגעקומען צו האַנדלען אין אַ צײַט, ווען די „מוטואַ אַגריקאָלאַ" האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען און געהאַלטן בײַם צעפֿאַלן, צוליב די אינטריגעס און שטערונגען פֿון די מיטגלידער און אויסערלעכע שונאים:

„דער גרעסטער טייל פֿון די ערשטע מיטגלידער האָט זיך גרינג געלאָזט פֿאַרנאַרן, סײַ פֿון די קאָלאָניסטישע קעגנער צו דער קאָאָפּעראַטיוו און סײַ פֿון די לאָקאַלע סוחרים, מיט וועמען די אינטריגאַנטן האָבן געאַרבעט בשותּפֿות. די מיטגלידער זײַנען געוואָרן אַלץ ווייניקער, די טעטיקייט אין דער קאָאָפּעראַטיוו איז געוואָרן אײַנגעשרומפּן און עס האָט שיִער געהאַלטן בײַ ליקווידאַציע"...

דערציילט ער ווײַטער, ווי אַזוי עס איז אים געלונגען איבערצופּלאַנצן, ד"ה צוריקצוברענגען דעם עולם אין דער קאָאָפּעראַטיוו אַרײַן:

„איך האָב געקלערט, אַז דאָס בעסטע מיטל וועט זײַן, אַז אין דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל נישט פֿעלן קיין שום אַרטיקל און דערנאָך פֿאַררופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג און

---

[20] El Alba: Semanario Independiente Social y Literario. Año XVIII, Nº 904, 1889-1939. En homenaje al cincuentenario de Moisesville y de la Colonización Judía del País.

זיי מאַכן אויפמערקזאַם, אַז די אַלע שיקאַנעס (?! מסתמא: ה ב ט ח ו ת — רעד.), מיט וואָס מען נאַרט זיי, ווי: „ביליק" און אויף „באָרג" און אַנדערע „גליקן", זיינען פאַלש און לעכערלעך.

איך האָב גלייך פאַררופן אַ ספּאָנטאַנע פאַרזאַמלונג און דערקלערט:

— דאָס שוואַרצע צעטל פון די אַפּטריניקעס און אינטריגאַנטישע מיטגלידער איז אויפן סדר־היום, זיי צו לייגן אין חרם. ווער עס וויל פאַרלאָזן אונדזערע רייען, זאָל ער וויסן, אַז אַ שפּעטערדיקע חרטה וועט אים קאָסטן זייער טייער.

און איך האָב אָנגעהויבן אַרויסרופן פון צעטל: „דו ווילסט פאַרלאָזן די קאָאָפּעראַטיוו?

דער ענטפער איז באַלד געווען: „ניין!" און אַזוי האָבן אַלע געענטפערט: „ניין!".

פון דעמאָלט אָן איז צוריק געבראַכט געוואָרן די אחדות, ווידער אַ מאָל איינגעשטעלט געוואָרן דער שלום און דער צוטרוי.

די מורא פאַרן חרם האָט אַ פּנים געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג"...

ווען מיר זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דער געשיכטע פון יעדער קאָלאָניע, וואָלטן מיר אוודאי אויך געבראַכט אַ דיאַגראַמאַטיש־סטאַטיסטישן באַלאַנס, ווי עס וואָלט זיך סומירט די 60 יאָר קאָאָפּעראַציע, אין אַלגעמיין און פון יעדער קאָאָפּעראַטיוו באַזונדער. אַזאַ אילוסטראַטיווע אַרבעט איז פון די אָנהייב־יאָרן, בשעת דער אַנטשטייאונג און אויספורעמונג פון דער קאָלאָניזאַציע און קאָאָפּעראַטיוויזם, נישט אַנזעעוודיק און נישט וויכטיק. מסתמא וועט נאָך אין די ווייטערדיקע נומערן פון די „אַרגענטינער ייִוואָ־שריפטן" ווערן פאַרגעזעצט די אַרבעט פון דעם ווירטשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און פינאַנציעלן סעקטאָר פון דער קאָלאָניזאַציע. דער ייִוואָ־אַרכיוו איז רייך אין דאָקומענטאַציע אויף די געביטן.

ק אָ ל אָ נ י ע   מ אַ ו ר י צ י אָ

די קאָלאָניע מאַוריציאָ איז די ערשטע און עלטסטע ייִדישע קאָלאָניע וואָס דער באַראָן הירש האָט געגרינדעט אין אַרגענטינע. דאָס איז פאַרגעקומען, ווען דער ד"ר ווילהעלם לעווענטאַל איז צום צווייטן מאָל געקומען קיין אַרגענטינע, מיט דער מיסיע פונעם באַראָן הירש, אַרויסצוהעלפן די מאָזעסווילער פּיאָנערן און גלייכצייטיק אויסצוזוכן צוגעפּאַסטע גרעסערע שטחים ערד פאַר קאָלאָניזאַציע, כדי צו באַזעצן די געפּלאָגטע אויף די פּאַלאָסיאָסער פעלדער. ביים אָפּשטיין אין בוענאָס איירעס, נאָך איידער ער איז געפאָרן קיין מאָזעסוויל, האָט ער באַקומען ידיעות,

אַז אין דער געגנט פון קאַרלאָס קאַסאַרעסער באַצירק, נישט שטאַרק ווײַט פון דער אַרגענטינער הויפּטשטאָט, זײַנען פאַראַן צו קויפן גוטע לענדערײַען און נישט טײַער; אַז דער קלימאַט איז אַ בעסערער ווי אין פּאַלאַסיאָס און האָט אַ גוטע און גיכע טראַנספּאָרט־באַדינונג: באַנען כמעט אַלע טאָג און דאָס איז זייער גינסטיק פאַר קאָלאָניזאַציע. דער ד״ר לעווענטאַל איז באַלד געפאָרן אַהינצו און נאָך אַ גענויער אינספּעקציע איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע קניה פון 26.654 העקטאַר. ער האָט אָנגערופן די קאָלאָניע „מאָריסיאָ הירש״, אויפן נאָמען פונעם באַראָן. [21] דער אײַנקויף איז פאָרגעקומען אין מערץ 1891. דער פאָרמעלער קויף־שטר איז לעגאַליזירט געוואָרן ערשט דעם 9טן אָקטאָבער 1891.

אין זעלביקן חודש מערץ 1891 האָט דער ד״ר לעווענטאַל פאַרגעלייגט איבערצופירן די מאָזעסווילער פּיאָנערן קיין מאָריסיאָ. אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט דערפון, ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט איבערלאָזן דעם בית־עולם אויף הפקר, מיט די פּאָר דער צײַט פאַרשניטענע קינדערלעך, וואָס זײַנען אויסגעגאַנגען פון הונגער און קראַנקייטן. געווען אויך אַ היפּשע צאָל געפאַלענע פון די ערשטע פּיאָנערן... ערשט דעמאָלט האָט דער באַראָן פאַראָרדנט אָפּצוקויפן בײַ פּאַלאַסיאָסן די לענדערײַען, וואָס האָבן שוין געטראָגן דעם נאָמען: מאָזעסוויל.

דאָס באַזעצן און אײַנאָרדענען די קאָלאָניע „מאָריסיאָ״ איז צוגעגאַנגען שווער און אויך כאַאָטיש, מחמת די גרויסע צאָל אימיגראַנטן, וואָס זײַנען אַהינצו געפירט געוואָרן, — אַ טייל פון דער שיף „פּאַמפּאַ״ און אַ טייל פון דער „טיאָקאָ״ (מיט דער שיף „טיאָקאָ״ איז אויך געקומען מרדכי אַלפּערסאָן מיט זײַן משפּחה) נאָך איידער מ׳האָט באַוויזן אויפצובויען פאַר זיי הײַזער, ברונעמער און אָפּצוימונגען פאַר די באַזונדערע נחלות. די קאָלאָניע האָט שווער געקעמפּט, ביז ס׳איז צושטאַנד געקומען די אײַנריכטונג און האָט די ערשטע עטלעכע יאָר אויך איבערגעלעבט שוועריקייטן פונעם אַרגענטינער ווילדן „פּאַמפּעראָ״־קלימאַט: גרויסע שטורעמס, אַ סך רעגנס, פאַרפלייצונגען, האָגל, טרוקענע יאָרן און היישעריקן, וואָס האָבן נישט דערמעגלעכט אַ פּאָסיקע ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע סטאַביליזאַציע. די יאָרן זײַנען געווען מער שלעכטע ווי גוטע, און עס האָט אויך אויסגעפעלט אַ געניטע אַדמיניסטראַציע, וואָס זאָל קענען אָריענטירן די קאָלאָניזאַציע און אַרויסהעלפן די ערשטע צײַט די רויע גרינע פּויערים אין דער אַרבעט, לכל הפּחות זיי אָנווײַזן וואָס ס׳איז פּאַסיק צו זײען אויף די פאַרשיידענע קלאַסן ערד. נישט אַלע פעלדער זײַנען געווען טאָפּאָגראַפיש אײַנפאָרמיק, און די קאָלאָניסטן האָבן געזייעט טעותדיקע זריעות, וואָס האָט גורם געווען די אומגערעטענישן, אַפילו שוין בײַ נאָרמאַלן וועטער. די

[21] מאָריץ אויף דײַטש, Maurice אין פראַנצויזיש און אין דער שפּאַנישער איבערזעצונג מאָוריסיאָ — Mauricio „מאָוריציאָ״ אָדער „מאָריצאָ״ — פּשוט פאַרייִדישט.

ייִקא האָט געגעבן שטיצע, אינסטרוקציעס און דאָס האָט נישט געהאַט קיין קאָנס־טרוקטיווע פּעולה, ווי עס איז שפּעטער אויך געשען אין אַלע אַנדערע קאָלאָניעס.

די יאָרן זײַנען געלאָפן און די קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווײַז ווערן פּראָדוקטיווער. זיי זײַנען אָבער געבליבן פאַרחובטע צו דער ייִקא, וועלכע האָט סוף־כּל־סוף אָפּגעשטעלט די שטיצע און גלײַכצײַטיק געמאָנט די יערלעכע ראַטעס, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער רעאַלער סיטואַציע פון די פּויערים.

אויב די אַדמיניסטראַציע האָט איגנאָרירט דאָס ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פּראָבלעם פון דעם קאָלאָניזאַציע־וועזן, האָבן אָבער די פּריוואַטע סוחרים בעסער תּופס געווען די פינאַנציעלע לאַגע און האָבן געוווּסט אין וואָס די קאָלאָניסטן האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט. די קאָלאָניסטן האָבן פּראָדוצירט ווייץ, קאָרן, אַלפאַלפאַ, מאַיִס. אויף דעם חשבון האָבן די סוחרים אויסגעבויט גרויסע שפּײַכלערס, געחתמעט קאָנטראַקטן אויפן קומענדיקן שניט, גענומען בײַ זיי וועקסלען אויף די קרע־דיטן און פאַרקויפט זיי סחורות און מכשירים צו דער אַרבעט. מיט דער צײַט איז אַנטשטאַנען אַ מוראדיקע עקספּלואַטאַציע, שווינדלערײַען, ממש רויב און גזילה... די אַדמיניסטראַציע האָט נישט רעאַגירט קעגן דעם אומדערהערטן ווילקיר און האָט זיך כּסדר געפּעדערט צו זײַן פון די ערשטע אײַנקאַסירערס, אויך אָן שום קאָנס־טרוקטיווער איניציאַטיוו...

דער קאָלאָניסטישער עלעמענט איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער. הגם עס איז געווען אַ געוויסע צאָל אינטעליגענטע און באַגאַבטע פּערזאָנען, וואָס האָבן געטאָן פּיאָנערישע אַרבעט אויפן געביט פון רעליגיע, ציוניזם, דערציִונג און קולטור, לויט די באַגריפן פון יענער צײַט, האָט מען געלייגט מער אַכט אויף קהלישע ענינים, בײַ וועלכע מען איז באַצײַטנס פאַרזונקען געוואָרן אין מחלוקתן, אינטריגעס, קנאה, שנאה און אַפּאַטיע צו זייער אייגענער שאַפונג. עס איז ניט געבליבן קיין צײַט פאַר חשבון הנפש. און ווען מען האָט זיך געכאַפּט, אַז די קאָלאָניע איז שוין צו ווײַט פאַרקראָכן, איז אַנטשטאַנען אַ דילעמע, כמעט אַ האַמלעטישע: „זײַן אָדער נישט זײַן?"...

די פעלדער זײַנען געשטיגן אין פּרײַז און די פּויערים האָבן אָנגעהויבן מאַכן חשבונות: פון 40 פּעזאָס אַ העקטאַר איז געשטיגן אַזש ביז הונדערט און מערער. די ייִקא האָט באַלד אײַנגעזען, אַז עס שאַפט זיך אַ טענדענץ צו מסחרן מיט אירע פעלדער און זי האָט צוגעשטעלט נײַע קאָנטראַקטן, מיט פּונקטן, אַז די קאָלאָניסטן קאָנען נישט באַקומען די אייגנטום־רעכט ביז זיי צאָלן נישט אויס דעם גאַנצן באַ־טרעף פון אַלע צוואַנציק יאָר, לויטן טערמין. אַפילו ווען זיי באַצאָלן תּיכף דעם גאַנצן באַטרעף, ענדיקט זיך אַלצאיינס דער לעצטער טערמין אין צוואַנציקסטן יאָר. דער דאָזיקער פּונקט, פון אידעאַליסטיש־פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, האָט באַצוועקט די זיכערקייט, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן נישט טראַכטן וועגן מסחרן מיט זייערע

נחלות. יורידיש האָט די יִיקא געהאַט ווייניק שאַנסן צו זײַן דער געגרעכטער צד: ס'איז נישטאָ אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל שטערן אַ קונה, וואָס האָט באַצאָלט דעם באַ־טרעף, צו קאָנען זײַן דער אייגנטימער, מיט אייגענער דיספּאָזיציע, צו האַנדלען לויט זײַנע אינטערעסן. די יִיקא האָט נאָך געהאַט אַ פּונקט, וואָס האָט געזאָגט, אַז זי קען צו יעדער צײַט צוריק אָפּנעמען די נחלה, ווען דער קאָלאָניסט באַצאָלט נישט אין גאַנצן דעם באַטרעף, ווען אַפילו עס זאָל פעלן איין יערלעכע ראַטע — און די אַלע תיקונים וואָס דער קאָלאָניסט האָט אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן אַרײַנגעבראַכט, צוי־געבויעט, פאַרפלאַנצט און אויסגעבעסערט — זײַנען פאַר אים אין גאַנצן פאַרלאָרן...

עס איז דאָ נישט אונדזער אויפגאַבע אַרײַנצולאָזן זיך אין טיפערע אַנאַליזן וועגן די סכסוכים צווישן דער יִיקא מיט די קאָלאָניסטן. עס איז פון דער ביז־איצטי־קער שילדערונג קלאָר, אַז די קאָלאָניע מאָריסיאָ האָט נישט געהאַט קיין שלום־בית מיט דער קאָלאָניזיר־געזעלשאַפט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנג־יאָריקע לאָדעניש. די אַדמיניסטראַטאָרס זײַנען מייסטנס געווען שלעכטע, שטרענגע אויספירערס. אַ טייל איז אויך געווען פאַרמישט אין נישט גאָר כשרע געשעפטן, צום שאָדן פון די קאָ־לאָניסטן. און אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע, אָן אַ געזעלשאַפט־לעכער רעפּרעזענטאַנץ, ביז איר צעפאַלונג.

די איינציקע אויטענטישע מאַטעריאַלן פון דער קאָלאָניע מאָריסיאָ, אויף וואָס מען שטיצט זיך כסדר, זײַנען די דרײַ בענדער: „מעמוּאַרן פון אַ ייִדישן קאָלאָניסט" (קאָלאָניע מאָריציאָ) און „30 יאָר אין אַרגענטינע" פון מרדכי אַלפּערסאָן.[22]

פון זיי ווערט קלאָר, פאַר וואָס די קאָלאָניע מאָריציאָ האָט נישט באַוויזן זיך צו אָרגאַניזירן עקאָנאָמיש און פינאַנציעל און פאַר וואָס די קאָאָפּעראַציע האָט דאָרטן נישט געהאַט קיין גינציקן באָדן זיך אײַנצוואָרצלען, אַזוי ווי אין אַלע גרויסע און קלענערע קאָלאָניעס.

די קאָאָפּעראַציע איז אין די קאָלאָניעס געוואָרן אַ שטאַרקער און פעסטער זײַל, וואָס האָט נישט געלאָזט אומפאַלן די קאָלאָניזאַציע און אויפגעהאַלטן די קאָלאָניסטן פון אונטערגאַנג אין די ערגסטע קריזיס־יאָרן. די קאָאָפּעראַטיוועס האָבן פאַרטײַ־דיקט די קאָלאָניסטן אין אַלע זייערע נויטן: עקאָנאָמיש, סאָציאַל, ווירטשאַפטלעך און פּראָפעסיאָנעל. די קאָלאָניסטן האָבן געהאַט אַן אָרגאַניזירטע פאַרטרעטערשאַפט און זייערע קאַמפן, אינטערעסן און פּראָבלעמען מיט דער יִיקא האָבן זיך געפירט מעטאָדיש, מיט טאַקט. אויך אין אַלע אַנדערע קאָלאָניעס האָבן נישט געפעלט קיין

---

[22] באַנד 1: 30 יאָריקע יִיקא־קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע; אַ היסטאָרישע שילדערונג; ב. איי־רעס, 1922; 390 זײַטן. באַנד 2: מעמואַרן פון אַ ייִדישן קאָלאָניסט; 1926, 260 זײַטן. באַנד 3: מע־מואַרן פון אַ ייִדישן קאָלאָניסט; 1928, 290 זײַטן.

שאַרפֿע סכסוכים מיט דער יִקא, אָבער די קאָלאָניסטן זײַנען נישט געלאָפֿן אַלײן אַלע טאָג קײן בוענאָס אײרעס צו דער דירעקציע, ווי עס האָבן דאָס געטאָן די מאָור־ריצער, אָפּצובעטן אַן עקסמיסיע, אָדער אויסצווירקן אַ הלוואה, און בכלל אַנדערע ענינים פֿון קאָלאָניזאַציע, און זײַנען כמעט קײן מאָל נישט אויפֿגענומען געוואָרן פֿון די דירעקטאָרן. לויט ווי אַלפּערסאָן דערציילט אין זײַנע מעמוארן, האָט מען זײ אָפּט פּשוט אַרויסגעטריבן פֿון דער הויפּט־ביוראָ, נישט נאָר אַן אײנצלנעם קאָלאָניסט, נאָר אויך גאַנצע דעלעגאַציעס, בראש מיט חשובע באַלעבאַטישע מענטשן. לײענענדיק אַלפּערסאָנס מעמוארן קומט מען צו דער מסקנה, אַז מאָוריציער אידעאַליסטן זײַנען געווען אינדיווידואַליסטיש געשטימט, מיט אַ גרויסער איבערוואָג פֿון עגאָיזם: אָדער עס איז גאָר נישט געדולדעט געוואָרן קײן שום ממשלה, אָדער אַלע האָבן באַגלײַך געוואָלט רעגירן... מען האָט זיך געקהלט, געריסן און צעבראָכן, אַנ־שטאָט צו בויען. מען האָט נישט געהאַט קײן נאמנות, קײנעם נישט געגלייבט און קײנעם נישט געטרויט.

אַלפּערסאָן רעדט אָפּט פֿון אַ געזעלשאַפֿט מיטן נאָמען „סענטראָ אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ״ און גיט נישט אַן איר כאַראַקטער.[23]

אין אײן אָרט איז זי אַ באַשאַף פֿון דער יִקא, אָדער אַ יִקאישער אינסטרומענט. אין אַן אַנדער אָרט קעמפֿט מען דורך איר אי פֿאַר, אי קעגן דער יִקא. הגם זי האָט שוין געהאַט יורידישע אָנערקענונג פֿון דער רעגירונג, האָט זי אין עפֿעקטיוון זיך נישט אויסגעאיבט קײן שום השפּעה אױפֿן לעבן פֿון דער קאָלאָניע בכלל. בכלל חוזקט אַלפּערסאָן פֿון דער דאָזיקער אינסטיטוציע און פֿון אירע פּירערס. אָבער דורך די מעמוארן באַקענט מען זיך געגנוי מיטן כאַראַקטער פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. אָט וואָס אַלפּערסאָן שרײַבט:[24]

די דעלעגאַטן־קאָמיסיאָן (אנשי־חיל...)

„אַ סך מאָל האָב איך שוין דערמאָנט זײערע נעמען און האָב גאָרנישט געזאָגט, ווער זײ זײַנען געווען און פֿון וואָס פֿאַר אַ טײג זײ זײַנען אויסגע־קנאָטן געוואָרן, ווי אַזוי מען האָט זײ אויסגעוויילט און אין וואָס זײער ממשלה איז באַשטאַנען. עס גלוסט זיך זײער נישט מחטט באשפּה צו זײַן

---

[23] וועגן דעם „סענטראָ אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ״, אין דער אַרבעט פֿון סימאָן ווײַל, אינעם בוך „50 יאָר יִדישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע״, אין שפּאַניש, וואָס די „דאַיאַ״ האָט אַרויסגעגעבן לכבוד דעם מאָזעסווילער יובל אין 1939, זײַט 156, קאַפּיטל „קאָל. מאָוריציאָ״, שרײַבט ער:

El cooperativismo tuvo escaso éxito en Mauricio. El Centro Agrícola Israelita, fundado en 1907, tuvo una vida efímera:

דער קאָאָפּעראַטיוויזם איז אין מאָוריציאָ נישט געווען דערפֿאָלגרײַך. דער יִדישער אַגראַר־צענטער האָט געהאַט אַ קורץ לעבן.

[24] מ. אַלפּערסאָן: „מעמוארן פֿון אַ קאָלאָניסט״, באַנד 2, קאַפּיטל 24, זײַט 64.

— ווי דער העברייער זאָגט — ווער רעדט נאָך אויפצורויען אַן אַלטן קהלישן מיסט־קאַסטן, וואָס איז שוין אַלט אַ דריטל מאה יאָרן.

איך האָב גערעכנט צו פאַרשליגגען דעם גאַנצן ענין מכח די תקיפים פון דער קאָלאָניזאַציע, וועלכע זיינען כמעט איינע און די זעלביקע אין יעדער קאָלאָניע פון דער יק״א, אין אַרגענטינע, — איבער פיל טעמים: ערשטנס, זיינען שוין גאָר די ערשטע, די ריכטיקע „קעפּ״, אויפן עולם האמת; און צווייטנס, די וואָס לעבן נאָך — זאָלן זיי נאָך לאַנג לעבן, זיינען שוין אַלט און בוצלאָז, אַפילו אויף חרטה... עס קען גאָר מעגלעך זיין, אַז חרטה דאַרף איך גאָר האָבן און נישט זיי...

אַ פאַרשאָלטענע נאַטור איז ביי מיר, קיין שום ממשלה קען איך נישט דולדן. דיסציפּלין האָס איך ווי אַ פּעסט... אַ מושל פונעם ערשטן, וועלכער זיצט אויף אַ קייסער־טראָן, ביז צום לעצטן, זאָל זיין אַפילו אַ פּריווילעגיר־טער אַרעסטאַנט אין תפיסה, וועלכער הערשט איבער זיינע חברים — אַלע האָב איך זיי פיינט...

וואָס דאַרפט איר מער: אַ צדקה־גבאי, ווען איך זע אים זיצנדיק בהרחבה אויף ז ײ ן מ י ט ל ײ ד ־ ש ט ו ל און פאַרטיילט דאָס צוזאַמענגעשאַר־טע רחמנות־געלט; צ י אַ פ י ל ו אַ ל י ב ע ר ט אַ ט ע, ו ו ע ן ע ר ו ו ײ ז ט אַ ר ו י ס ז ײ ן ר ע כ ט א ו ן ז ײ ן מ אַ כ ט ק ע ג ן ז ײ נ ע א ײ ג ע נ ע ק י נ ד ע ר, ש פּ י ר א י ך אַ ג ו ו אַ ל ד י ק ן ע ק ל צ ו ז י י ! איך ווייס נישט פאַר וואָס, אָבער אַזאַ שוואַכקייט איז דאָס שוין ביי מיר: איך האָב פיינט יעדער מין ממשלה. איך פאַרשטיי נישט ווי קען איין מענטש געוועלטיקן איבערן צווייטן. ניט איין מאָל ווער איך אויף זיך אַליין אין כעס, איך זידל זיך אַליין: „גולם, טראַכט איך, וואָס דו ביסט; קען דען די וועלט זיך פירן אַליין, אָן אַ רעגירונג?! צי קען דען זיין אַ קהילה אָן אַ פאַרשטייערשאַפט?״.

עס מוז דאָך זיין אָרדענונג, געזעץ, און אָט אָ־דיביידע זאַכן, פאָדערן דאָך שטאַרקייט און מאַכט... און דאָרט ווו עס איז פאַראַן מאַכט, מוז דאָך שוין זיין אויך אַ ביסל געוואַלד, און עס מוז שוין אויך פאַלן אַ טרער... קומט אָבער מיין איינגעבוירענער משוגעת און פּראָטעסטירט, ער שרייט — ניין! עס קען זיין אַ וועלט אָן אַ קהילה, אָן מושלים און במילא אויך אָן טרערן. לאָמיר נאָר ניט וועלן אָנשאַרן, אָנזאַמלען און באַהאַלטן, וואָלט געסטייעט גענוג פאַר יעדן...

אַזוי בין איך שוין: אַן אומגליקלעכע נאַטור, אַלץ זע איך שוואַרץ, פיל און מיר ווייזט זיך אויס, אַז עס דאַרף נישט זיין אַזוי...

דעריבער האָב איך געדענקט איבערצוהיפּן די גאַנצע פּרשה פון די עקלהאַפטע קאָמיסיאָנס־רעגירונגען פון יענער צייט...

איז אָבער די צרה מיט מײַן ביכעלע „זכרונות מאַוריציאַ“. דאָרט איז פאַרצייכנט אין אַזעלכע שאַרפע שטריכן, וואָס זיי לאָזן זיך נישט איבערהיפּן און ניט פאַרבייגן. און אויסער דעם, גיי נעם די אַלע קהלס לײַט, וואָס האָבן געדינט און דינען נאָך הײַנט אויך אין אַלע יי״קא־קאָלאָניעס (אינסינואַציעס, מיט נישט קיין גערעכטע אויספירן, וועגן די פּיאָנערן און וועטעראַנען פון דער קאָאָפּעראַציע אין אונדזערע קאָלאָניעס — ב. ה.) און מאַך זיי אַוועק כלאחר יד! מען טאָר נישט מקפּח־זײַן דעם שכר פון קיין שום מענטשן, און בפרט נאָך פון די ראשי בני ישראל במושבות.

וואָס איז? ס׳וועט זײַן אַ שאַנדע? כ׳לעבן, אַז ניין! און אין יתרוס צײַטן האָט דען משה רבינו געפונען שונאי־בצע? ער האָט געפונען נאָר „אנשי חיל“, און בריות ווי אנשי חיל זײַנען דאָך אונדזערע אויך“...

בכלל האָבן אַלפערסאָנס מעמוארן ווייניק צו טאָן מיט אַ וועלכער ס׳איז איניציאַטיוו פאַר דער לייזונג פון די קאָלאָניסטישע, ווירטשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע אינטערעסן אין קאָנקרעטן זין. און מערקווירדיק: ער איז געווען אַ פּיאָנער, וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן שווערן לעבנסוועג פון מאַוריציאַ, וואָס ער האָט אַזוי טרעפלעך באַשריבן אין אַ גוטן כראָנאָלאָגישן סדר, — אָבער דאָס וואָרט „קאָאָפּעראַטיוו“ איז נישט דערמאָנט אין זײַנע מעמוארן וועגן זײַן קאָלאָניע, וואָס ער האָט אַזוי אידעאַליזירט. און דאָרט, וווּ עס איז שוין יאָ עפּעס בנימצא, איז דאָס אַן אָביעקט פון חוזק, און מער ווי געוויינלעך; ס׳איז אַ ביטול לגבי די איניציאַטאָרן און וועטעראַנען, וועלכע קומען בײַ אים אַרויס ווי יי״קא־משרתים, פאַרקויפטע ברואים און פאַלשע נשמות.

מיר האָבן פאַרצייכנט די קאָלאָניע מאַוריציאָ ווי אַן עפּיזאָד, וואָס האָט צו דער אַנטשטייונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס נישט געהאַט קיין שום שייכות, הגם זי איז געווען די ערשטע און עלטסטע באַראָן הירש־קאָלאָניע אין אַרגענטינע. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַ טרויעריקער, אַזוי ווי עס זײַנען געווען טרויעריק אַלע דרײַסיק יאָר, וואָס אַלפערסאָן האָט זיי אין אַ פײַנער בעלעטריסטישער און הויך־פּאָעטישער שפּראַך מקבר געווען...

מ. אַלפערסאָן האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ בראַשור [25] — די ערשטע אין דער פאָרעם — מיט אַ סך מליצה אויפן שער־בלאַט: „חלוצים הראשונים — ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו... ד אָ ס ו ו יי ־ ג ע ש ר ײַ פ ו ן ד י צ וו אַ נ צ י ק־

---

[25] מרדכי אַלפערסאָן: חלוצים הראשונים, בראַשור פון 18 זײַטן, אונטערן פסעוודאָנים: אחד האכרים; קאָלאָניע מאַוריציאָ, יאַנואַר 1911.

יאָריקע קאָלאָניסטן ביי דער יק״אַ אין אַרגענטינע. זעקה גדולה ומרה!״.

די בראָשורקע איז אייגנטלעך די ערשטע אַפּאָלאָגיע פון צוואַנציק יאָר עקזיס־טענץ פון דער קאָלאָניע מאָוריציאָ און געשריבן אין 1911, ווען בענכאַמין מעזשי־באָווסקי האָט דאָרט אַמטירט אַלס אַדמיניסטראַטאָר.[26] מיר האָבן נישט בדעה צו אַנאַליזירן די מיינונגען וואָס אַלפּערסאָן ברענגט אַרויס אינעם ביכל, מחמת ער דערציילט עס במילא אין זיינע דריי בענד זכרונות. עס איז אָבער כדאי, אַלס צוגאָב צום קאַפּיטל „מאָוריציאָ״, ציטירן אַלפּערסאָנס אָפּשאַצונג וועגן דער גרויסער פּי־גור פונעם ד״ר ווילהעלם לעווענטאַל, וועלכער האָט געשפּילט די ערשטע גרעסטע און דעצידירנדיקע ראָל אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. עס איז ביי קיינעם נישטאָ קיין ספיקות, אַז ווען נישט זיין אינטערווענץ, אין אַלע אַספּעקטן, ווי אַ „מלאך מושיע״, ווי דוד גאָלדמאַן האָט אים אָפּגעשאַצט, וואָלט דער אַרגענ־טינער יידישער ישוב נישט געוואָרן דאָס, וואָס ער איז איצט.

אַלפּערסאָן שרייבט (דאָרט, זייט 4):

„אין אויגוסט 1891 זיינען מיר, דורך די נדיבות פונעם גרויסן נדיב משה באַראָן הירש ז״ל, נאָך אַרגענטינע געקומען. איינער, אַ געוויסער ד״ר לעווענטאַל, אַ געטויפטער ייד, וואָס איז אַלס דירעקטאָר פון באַראָן הירש געווען אַנגעשטעלט, האָט אונדז אין בוענאָס איירעס עמפּפאַנגען. אין דער ערשטער רעדע זיינער האָבן מיר שוין זיין קאַלטקייט צום יודענטום דערפילט. אין אַ שבת־טאָג האָט מען אונדז, קעגן אונדזער ווילן, אויף דער באַן געזעצט און נאָך עסטאַסיאָן קאַסאַרעס געשיקט. ביי דער באַן האָט אונדז אַ צווייטער משומד, אַדמיניסטראַטאָר גערביל, ערוואַרטעט. פון דיזען פאַרפלוכטן מאָ־מענט פאַנגט זיך אָן אַ רייע מיט צרות, אַ לאַנגע, לאַנגע שורה פון דערני־דערונג און שמוץ, וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען פון די 21 אַדמיניסטראַ־טאָרן, וואָס זיינען אויף אונדזערע קעפּ אין די 20 יאָר אויפגעשטאַנען און שטייען נאָך עד היום הזה. פון דעם מאָמענט פאַנגט זיך אָן גיסן אונדזער שווייס און בלוט־טרערן, אַ ים פון יידיש בלוט... קרבנות פון אַלע מינים: הרוגים, נשחטים ונדקרים אויף דעם מזבח פון דער יידישער קאָלאָניזאַציאָן.

אין דעם זעלבן אָוונט וואָס מיר האָבן דעם באָדן פון קאַסאַרעס באַ־טראָטן, פאַנגט זיך אָן אונדזער שקלאַפעריי, וועלכע מיר ווערן איצט באַ־שטרייטן און באַקעמפן״.

---

[26] זען בענכאַמין מעזשיבאָווסקי: מיינע 51 יאָר צו דינסט ביי דער יק״א, היצעם און סאַפּראַ־טימיס (פון 8טן מערץ 1896 ביזן 1טן אַפּריל 1947)‏; אַרג. יוואָ־שריפטן, נומער 7, קאָלאָניע מאָו־ריציאָ, זייט 114, 1957.

וועגן דער קאָלאָניע מאָוריציאָ האָבן געשריבן פּראָמינענטע זשורנאַליסטן און טאַלאַנטירטע ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן באַזוכט די דאָזיקע קאָלאָניע. עס איז געגנוג אָנצוווײַזן דעם באַרימטן פּועלי־ציוניסטישן לידער לעאָן כאַזאַנאָוויטש — (כתריאל שוב [27]), וועלכער איז געקומען קיין אַרגענטינע אין 1909, אין די אינטע־רעסן פון דער פּאַרטיי. ער האָט געמאַכט אַ טור איבער אַלע ייִקאַ־קאָלאָניעס און אויסגעדריקט אין עפנטלעכע אַרויסטריטן זײַן פּראָטעסט קעגן דער פּאַרעם, ווי אַזוי די ייִקאַ האָט אָנגעפירט מיט דער קאָלאָניזאַציע און קעגן דער שלעכטער אַדמיניסטראַ־ציע, וואָס האָט געהאַנדלט אין קעגנזאַץ צו די תקנות פון באַראָן הירש. היות כאַזאַ־נאָוויטש האָט געמאַכט פאַרשיידענע פּלענער אויף אונטערצונעמען אַ גרויסן קאַמף, בכדי רעכט צו שטעלן די שעדלעכע און איגנאָראַנטישע אָנפירונג, איז ער בשעת זײַן באַזוך אין מאָוריציאָ, צוליב אַ מסירה אין אַנאַרכיסטישער טעטיקייט, אַרעס־טירט געוואָרן, ווען ער איז פּונקט געווען אין דער אַדמיניסטראַציע. [28] פּרץ הירש־ביין האָט בשעת זײַן וויזיט אין מאָוריציאָ באַשריבן זײַנע אײַנדרוקן. [29] געוויינלעך איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד אין הירשביינס באַגײַסטערונג פון די ייִדישע פּעל־דער, הגם הירשביין האָט געזען דאָס זעלביקע וואָס כאַזאַנאָוויטש; אָבער פּאָעזיע פּאַרט זיך פּאַרט נישט מיט סאָציאָלאָגיע, פון פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. הירשביין האָט פון דער מאָוריציער טראַגעדיע נישט געשאַפן קיין דראַמע. כאַזאַנאָוויטשעס ביכל איז נאָך עד־היום די וואָגיקסטע אַרבעט, ווי דער ערשטער בײַטראַג צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

אָבער צו די אידענטישע מאַטעריאַלן וועגן דער קאָלאָניע מאָוריציאָ, אַזוי ווי מרדכי אַלפּערסאָנס מעמואַרן, נאָך אין מאַנוסקריפּט, מיט פאַרשיידענע וואַריאַנטן און אַנדערש אין דער שילדערונג, געהערן די זכרונות פון פרידעל שוואַרצמאַן, אַ געוועזענער קאָלאָניסט פון מאָוריציאָ. [30]

---

[27] לעאָן כאַזאַנאָוויטש (זײַן אויסלייג): „דער קריזיס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע — און דער מאָראַלישער באַנקראָט פון דער איק״א־אַדמיניסטראַציע; פאַרלאַג בילדונג, סטאַניסלוי 1910, דרוקערײַ א. סאלאט, לעמבערג.

[28] מער איינצלהײַטן וועגן לעאָן כאַזאַנאָוויטשעס טעטיקייט אין אַרגענטינע זען: 1) ברוך הויכ־מאַן: לעאָן כאַזאַנאָוויטש אויף די ייִדישע פעלדער אין אַרגענטינע. אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע; 268 זײַטן. 2) ברוך הויכמאַן: לעאָן כאַזאַנאָוויטש אין אַנבליק פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. „די פּרעסע״, 30סטער יאַנואַר און 2טער פעברואַר 1960. 3) ב. מעזשיבאָווסקי: אַרג׳ ייִוואָ־שריפטן, נומער 7, זײַט 128; 1957.

[29] פּרץ הירשביין: „פון ווײַטע לענדער״ — אַרגענטינע־בראַזיל; יוני־נאָוועמבער, 1914, ניו־יאָרק, 1916.

[30] פרידעל שוואַרצמאַן: מײַנע זכרונות פון צוריק מיט 25 יאָר, 1916־1906. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין אַרכיוו פון אַרגענטינער „ייִוואָ״, רעגיסטרירט אונטערן נומער 341; 68 זײַטן.

פרידעל שוואַרצמאַן איז געקומען קיין אַרגענטינע אין 1906, צוליב דער כוואַליע פּאָגראָמען אין קיִעוו, תיכף נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד. עס איז געווען אין סאַמע גרויסן עמיגראַנטישן שטראָם פון רוסלאַנד קיין אַרגענטינע, ווען די יִיִקא האָט אָנגעהויבן די צווייטע גרויסע תקופה פון דער קאָלאָניזאַציע. פרידעל שוואַרצמאַן איז אויך געפאָרן מיטן גרויסן אידעאַל צו ווערן קאָלאָניזירט און איז געקומען קיין מאַוריציאָ, וווּ ער האָט געאַרבעט בײַ די דאָרטיקע קאָלאָניסטן בײַם בויען הײַזער, אויף די פעלדער און בײַ שניט. דערפון האָט ער קיין רײַכטום נישט געמאַכט; איבער פאַרשיידענע אומשטאַנדן האָט ער נישט געקאָנט שפּאָרן קיין געלט און די פרוי מיט די קינדערלעך זײַנען געבליבן אין רוסלאַנד. ער האָט געדאַרפט שיקן איר דאָס פאַרדינסט און שפּעטער רײַזע־הוצאות. ווען די פרוי איז געקומען, האָט מען אים אַראַנזשירט אויף אַ נחלה און דאָ הייבט זיך אָן אַ טרויעריק קאַפּיטל פון איבערלעבונגען, קאַמפן מיט דער נאַטור, מיט די סוחרים, מיט דער אַדמיניסטראַציע און — מיט די קאָלאָניסטן גופא. שוואַרצמאַן איז געווען אַ פשוטער אַרבעטער, אָן אַ באַשטימטן פאַך, ווײַזט אויס, אויך אָן שום בילדונג, חוץ דאָס ביסל „זשאַרגאָן" מיט גאָר אַ פאַרגרײַזטן אויסלייג. הגם עס קומט נישט אָן גרינג דאָס לייענען זײַנע זכרונות (איבער זײַן שלעכטער שפּראַך און אויסלייג), האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גוטן נאַראַטיוון סטיל אין די שילדערונגען, וואָס ער האָט געניצט פאַר די זכרונות פון דער קאָלאָניע מאַוריציאָ, וועלכע זײַנען אײַנגעטיילט אין עטלעכע קאַפּיטלען.

אינעם קאַפּיטל „דעסאַלאָכאָס" [31] דערציילט ער, אַז אַ חוץ די שווערע ווירטשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע אומשטאַנדן, עקספּלואַטאַציע פונעם קאָמערץ און שווינדלערײַען פון אַ טייל קאָלאָניסטן־סוחרים, די שלעכטע באַהאַנדלונג פון די אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטע — האָבן די עלטערע קאָלאָניסטן שלעכט באַהאַנדלט די „גרינע" און געטענהט, אַז די פעלדער אויף וועלכע די יִיִקא האָט זיי באַזעצט, זײַנען געווען באַשטימט פאַר זייערע קינדער. דערווײַל איז אַנטשטאַנען דער קאָנפליקט צווישן דער יִיִקא מיט די קאָלאָניסטן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער באַרימטער פּראָצעס פאַר די קויפשײַנען. און דאָ אייגנטלעך איז באַשריבן ווי אַזוי די קאָלאָניע איז געווען געזעלשאַפטלעך אָרגאַניזירט און פאַרטיידיקט אירע אינטערעסן. צוליב דעם וואָס אין אַלפּערסאָנס מעמואַרן איז דער דאָזיקער עפּיזאָד נישט גאַנץ קלאָר, ציטירן מיר פרידל שוואַרצמאַנס יענעם טייל, וואָס איז נוגע דעם דאָזיקן ענין; און נאָר געציילטע שורות מיט זײַן אויסלייג:

„סע אהבען זיך ארים געטרוגען קלאנגען אז מע וועט אַרופ וואַרפען דיא קאהלאניסטען וואָס אהבען ניט די קאהנטראקטען. און פון צווישען די קלאַנ־

[31] דעסאַלאָכאָס — עקסמיסיעס.

גען איז אויסגעוואַקסען דער אַגוואַסיל.[32] ער איז געווייזן באַ 5 קאָהלאַניסטען און אַוויזירט אַז זיי זאָהלען זיך אַרויס ציען פון די טשאַקרעס, אויב ניט וועט די פּאָהליציע אַרויס וואַרפן. די 5 קאָהלאַניסטען זיינען געווייזען עלטערע מענטשען אומבאַהאָלפענע. און מיט זיי האָט געדאַרפט זיין דער אוהן אויב פון דער אַרבייט. און אויב סע וועט אופגיין גיט, וועט דער ווייג זיין אַ אויס־געטרייטענער פאַר די איבעריגע". (עד כאן דעם מחברס אויסלייג — ב. ה.).

„די אַלטע קאָלאָניסטען האָבן זיך געשמאָלצן פאַר פרייד און באַ די נײַע איז דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן. איך בין דורך די נעכט נישט געשלאָפן. מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט דער פּאָגראָם אין קיעוו. און נאָך דעם פּאָגראָם האָבן די ווײַבער פון די געהרגעטע מענער פאַרלוירן זייער ווײַנרעכט, און מען האָט זיי פון זייערע דירות אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס. מיר האָבן זיך דערמאָנט די אַלע שוידערלעכע זאַכן פון רוסלאַנד אין יאָר 1905. אָבער דעמאָלט איז געווען די האָפענונג, אַז מיר פאָרן קיין אַרגענטינע. דער באַראָן הירש האָט פאַר זײַנע ברידער געזאָרגט. און אויב מיר וועלן דערגרייכן צו אַ שטיקל ערד, וועלן מיר לעבן מיט מענטשן גלײַך. און איצט? וואָס פאַר אַ האָפענונג קאָנען מיר האָבן? מיר געפינען זיך שוין ניט צווישן די כוליגאַנעס, מיר זײַנען אין אַ פרײַער רעפּובליק, אונטער אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט. שוין 5 יאָר אַז מיר האָבן נאָך נישט אויפגעהערט צו בויען און פלאַנצן, חוץ פעלד־אַרבעט. יעדע זאַך וואָס מיר האָבן געמאַכט האָט אונדז פאַרשאַפט פיל פרייד. געקומען אויף אַ נאַקעטן פעלד. דאָס אײַנאָרדענען זיך! די יאָרן זײַנען געווען ניט גוט, אָבער די האָפענונג איז געווען זייער גרויס. און דאָס האָט אונדז געגעבן מוט צו עקזיסטירן. און איצט? דאָ האָבן זיך מײַנע געדאַנקען אָפּגעשטעלט, איך האָב מער נישט געטראַכט.

„עס האָט זיך באַ מיר געעפנט אַ קוואַל פון טרערן. און נאָר די פראַגע איז געווען אין מײַנע געדאַנקען: „וואָס וועט זײַן?".

„ווען מען האָט זיך אין קאָלאָניע דערוווּסט, אַז די יק"א נעמט אָן שטרענגע מיטלען, זײַנען באַלד גערופן געוואָרן פאַרזאַמלונגען, מען זאָל זען וואָס מען קען טאָן, ווײַל אויך פון די עלטערע קאָלאָניסטן זײַנען געווען גענוג, וואָס האָבן זיך נישט גוט געפילט. צו יענער צײַט זײַנען געווען צוויי קאָלאָניסטן, וועלכע זײַנען געווען די „זײַלן פון דער קאָלאָניע". און די צוויי האָבן זיך געשטעלט אויף דער זײַט פון די קאָלאָניסטן. עס איז באַלד געוואָרן אַ נײַע קאָמיסיע. פון די 2 איז איינער געוואָרן פרעזידענט; דער צווייטער האָט זיך גענומען אַרבעטן פון דרויסן. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די אַדוואָקאַטן, מיט די ענינים פון די אַנקלאַגעס.

[32] אַגוואַסיל: דער שליח פון די ריכטער, וועלכער דאַרף אָנזאָגן די פאַרמשפּטע דעם פּסק־דין.

„אונדזער קאָמיסיע איז געווען מיט „פּערסאָנעריאַ כורידיקאַ",[33] און דער פּרעזידענט האָט זיך געפילט גאַנץ שטאַרק. די קאָלאָניסטן האָבן גע־גלייבט אין די 2 פּאַרטיידיקער. און ווען דער דרויסנדיקער האָט איבערגע־געבן דעם גאַנצן ענין דעם אַדוואָקאַט, און האָט געשריבן אַ בריוו, אַז מען זאָל מאַכן אַ „פּאָדער"[34] וועגן די עקסמיסיעס, איז מען געקומען צום פּרעזי־דענט מיט דעם בריוו. האָט יענער געענטפערט, אַז ער האָט גאָר נישט צו טאָן מיט די שלעפּערס; אַז מען וועט אַראָפּוואַרפן 5 וועלן קומען אַנדערע 10 אויף זייער אָרט. „ס'איז אָבער ניט נאָר 5; אַזעלכע זיינען 22!" — „נו — ענטפערט ער — וועלן זיין 44"...

„דעם „פּאָדער" האָט מען שוין געמאַכט אָן אים, און מכח עקסמיסיעס איז געווען אַ „לאַדעניש". אַלע וואָך פלעגט זיך צוזאַמענקומען די קאָמיסיע און דער אַדמיניסטראַטאָר פלעגט אַרײַנקומען מיט אַן אָנקלאַגע אויף דעם אָדער יענעם קאָלאָניסט און געפאָדערט אַ באַשטעטיקונג אויף דער אָנקלאַגע. אָנשטאָט צו פּאַרטיידיקן האָט דער פּרעזידענט אַרויסגעהאָלפן דעם אַדמי־ניסטראַטאָר אין דער באַשולדיקונג. די קאָלאָניע האָט אײַנגעזען, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ פּאַררעטער. אַראָפּוואַרפן אים האָט מען ניט געקאָנט, האָט מען געפונען אַ מיטל: די מערהײַט (פון דער קאָמיסיע) האָט זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע און דער פּרעזידענט איז געזעסן אין שטוב ביז עס זײַנען געווען נײַע וואַלן און מען האָט אויסגעוויילט אַ צווייטן. און אויך דער איז געבליבן אין דער היים... די ענינים האָבן זיך געצויגן אַ פּאָר יאָר און די צײַט האָט זיך געבעסערט. די יק"א האָט אַליין נאָכגעגעבן די קאָלאָניסטן און האָט גע־געבן די קאָנטראַקטן".

די ווײַטערדיקע פּאַרשערס וועגן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע וועלן בנוגע דער געשיכטע פון דער קאָלאָניע מאָוריציאָ האָבן אין אַרכיוו פון ייִוואָ צו זייער דינסט אַ רײַכע דאָקומענטאַציע, וועלכע וואַרט צו ווערן באַאַרבעט.

שלום־וואָרט

אין די יאָרן 1907—1908 און 1909, ווען די ענטרע ריאָסער בײדע קאָאָפּע־ראַטיווען, „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ לוסיענוויל" און „פאָנדאָ קאָמו־נאַל", האָבן זיך פאַראייניקט אין דער אידייע צו גרינדן אַן אַגראַר־קאָנפעדעראַציע

[33] יורידישע אָנערקענונג.

[34] אַ באַפולמעכטיקונג.

איבערן גאַנצן לאַנד, איז ערשט פאָרגעקומען די גרינדונג פון די קאָלאָניעס באַראָן הירש, באַקאַנט ווי „ריווערא", אין דער פּראָווינץ בוענאָס־איירעס. אין דער זעלבער צײַט (1909) האָט די יק"א אויך געגרינדעט די קאָלאָניע נאַרסיס לעוועו, אין דער טעריטאָריע פון דער פּאַמפּאַ. ביידע קאָלאָניעס אין שכנות מיט מאָוריציאָ. ווען די „מוטואַ אַגריקאָלאַ" פון מאָזעסוויל האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָנפעדעראַציע, איז די איניציאַטיוו באַקרעפטיקט געוואָרן מיט אויסזיכטן פון דערפאָלג. דער איניציאַטאָר פונעם פּראָיעקט איז געווען דער באַגרינדער פון דער קאָאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס, אינזש' מיגעל סאַכאַראָוו. זײַנע נאָענטע מיטאַרבעטער זײַנען געווען דער פאַרשטאָרבענער ד"ר נח ירחי, יצחק קאַפּלאַן און שמעון פּוסטילניק פון דער קאָלאָניע קלאַראַ, און דער יונגער, אינטעליגענטער אידעאַליסטישער טוער, ש. י. הורוויץ פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל. מאָזעסוויל האָט נאָך נישט געהאַט באַשטימט קיין פאַרשטייער. דאַקעגן האָט די נאָר־וואָס געגרינדעטע קאָלאָניע ריווערא באַלד באַשטימט ווי פאַרשטייערס די קאָלאָניסטן משה טשאַרני און אַרטור באַב.[35]

נאַרסיס לעוועו האָט איבער די מניעות פון דער שווערער לאַגע אין באַזעצונגס־פּעריאָד. נאָך נישט געקאָנט דעלעגירן קיין פאַרשטייער. די קאָלאָניע מאָוריציאָ האָט זיך נישט געמישט אין אַזעלכע עסקים.

די אויפגאַבע, וואָס די קאָנפעדעראַציע האָט זיך געהאַט געשטעלט, איז באַשטאַנען אין פאַראייניקן אַלע ייִדישע קאָלאָניעס און בשותפות פאַרטיידיקן זיי פינאַנציעל, ווירטשאַפטלעך, עקאָנאָמיש און סאָציאַל; אָנקניפּן באַציִונגען מיט אַלע אַגראַרע און עקאָנאָמישע קערפּערשאַפטן אין לאַנד, ווי אין אויסלאַנד; רעפּרעזענטירן די קאָלאָניסטישע אינטערעסן לגבי דער יק"א; שטודירן די מעגלעכקייטן פון אויסנוצן די אַפּזאַץ־מערק; פאַרקויפן די קאָלאָניסטישע פּראָדוקציע אויף די בעסטע מקחים; זאָרגן פאַר דער פאַרביליקערונג בײַם אײַנקויפן די קאָלאָניסטישע מכשירים; גרינדן אַן אַגראַר־באַנק און אײַנשטעלן אַ לאַנג־טערמיניקן קרעדיט און דער עיקר, אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע און קאָנסום אויף עכטער קאָאָפּעראַטיווער באַזע.

---

[35] אַרטור באַב, אַ דײַטשער ייִד, איז אַ געוויסע צײַט געווען אַדמיניסטראַטאָר פון דער יק"א אין דער קאָלאָניע מאָוריציאָ. מ. אַלפּערסאָן ווידמעט אים דאָס קאַפּיטל 12 פונעם 2טן באַנד מעמואַרן. ער שטעלט אים פאַר ווי איינעם פון די בעסטע אַדמיניסטראַטאָרס. ער ווײַזט אָן, אַז באַב האָט אײַנגעפירט אין דער קאָלאָניע דאָס פלאַנצן פון פרוכט־ביימער און גערטנער מיט גרינצײַג, אונטער זײַן אייגענער אויפזיכט, מיט גרויס דערפאָלג. ער האָט אויסגעווירקט אין דער הויפּט־דירעקציע קרעדיטן פאַר די נויטבאַדערפטיקע פויערים; האָט אײַנגעפירט גוטע קלאַסן זריעה; האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר די געקריוודעטע און בכלל געהאַט מער אינטערעס צו הייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט. ער איז שפּעטער נישט געווען אײַנשטימיק מיט דער יק"אס רעזשים און אַליין געוואָרן אַ קאָלאָניסט אין ריווערא. ער איז אויך געווען אַ באַגאַבטער זשורנאַליסט און פאַרשער פון ייִדישן לעבן אין פאַרשיידענע אַמעריקאַנער לענדער.

דער סטאַטוטן־פּראָיעקט איז געווען רײַך אין אַ סך אַנדערע איניציאַטיוועס, וואָס די קאָנפעדעראַציע האָט זיך פאָרגענומען אויסצופירן.

ווי אַ ווירקזאַם מיטל צו פאַרשפּרייטן און אילוסטרירן די צילן און אויפגאַבן פון דער ערשט־ראַנגיקער קערפּערשאַפט, האָבן ביידע גרויסע קאָאָפּעראַטיוועס באַשטימט אַרויסצוגעבן אַן אָרגאַן, וועלכער זאָל זײַן דער קולטור־אינסטרומענט פאַר די יידישע קאָלאָניעס. דאָס איז געווען דער „יודישער קאָלאָניסט". דער ערשטער נומער איז דערשינען דעם 15טן נאָוועמבער 1909 און האָט אויפגעהערט צו דערשײַנען איבער מאַטעריעלע שוועריקייטן, אין יולי 1912. דאָס איז געווען דער לעצטער נומער און, אגב, דער הספד־נומער צו דער פּטירה פון ד״ר נח ירחי ז״ל. ערשט אין 1917 איז דער זשורנאַל באַנײַט געוואָרן אונטערן נאָמען „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר", אונטער דער רעדאַקציע פון מיגעל קיפּען,[36] בײַ דער נאָענטער מיטאַרבעט פון מאַרקאָס וואָרטמאַן,[37] יצחק קאַפּלאַן, ש. י. הורוויץ, נח קאַצאָוויטש, צבי שנײַדער און שיין. אויך דרויסנדיקע, יידישע און נישט־יידישע שרײַבער און קולטור־טוער זײַנען געוואָרן צוגעצויגן.

פון דעם 12טן ביזן 19טן נאָוועמבער 1909 איז פאָרגעקומען דער ערשטער קאָלאָניסטישער צוזאַמענפאָר אין בוענאָס איירעס, ווען עס איז דעפיניטיוו געגרינדעט געוואָרן די „יידישע אַגראַר־קאָנפעדעראַציע".

דער ערשטער עקזעקוטיוו איז באַשטימט געוואָרן לויט פאָלגנדיקן סדר:

ערן־פּרעזידענט — ד״ר נח ירחי; אַקטיווער פּרעזידענט — מיגעל סאַכאַראָוו; וויצע־פּרעזידענט — שמואל־יואל הורוויץ; סעקרעטאַר — אַרטור באַב; וואָקאַלן: ד״ר קליין — פון סאַן אַנטאָניאָ; שמעון פּוסטילניק, י. קאַפּלאַן און ד. טשערטקאָוו — פון קלאַראַ; מ. קאָסאָי און ב. טאַלקאַטשיער — פון לוסיענוויל; מ. טשאַרני און א. בראָדסקי — פון ריוועראַ.

דער ערשטער עקזעקוטיוו און פּלענום האָבן געמאַכט אַ טור איבער די קאָלאָ־

---

[36] מיגעל קיפּען איז געקומען קיין אַרגענטינע אין 1912, קאָלאָניזירט געוואָרן נעבן דאָמינגעז, אין דער קאָלאָניע קלאַראַ. איז געווען אַ שוואָגער פון ד״ר ירחי און מיגעל סאַכאַראָוו. געווען גראַדויִרט אַלס אַדוואָקאַט. באַלד אָנגעהויבן צו ווערן טעטיק אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל", האָט פאַרנומען אין פאַרשיידענע פּעריאָדן די אַמטן פון פּרעזידענט, סעקרעטאַר און אַנדערע.

[37] מאַרקאָס וואָרטמאַן, ווי אַ קאָלאָניסטישער זון, האָט פון דער פריִער יוגנט זיך אָפּגעגעבן מיט קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דער קאָלאָניע און האָט באַגלײַך מיט קיפּענען אַמטירט אויף אַלע אַמטן אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל". קיפּען און וואָרטמאַן זײַנען געווען טעטיק אין דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָבן אין דער אָריענטאַציע אָנגעפירט אַן אָפּאָזיציע צו די מעסיקע און קאָנסערוואַטיווע פירער אינעם „פאָנדאָ קאָמונאַל" און אויך אין אַלע אַגראַר־ישובים. זיי האָבן ביידע מיטגעווירקט צו דער גרינדונג פון דער יידישער אַגראַר־פעדעראַציע, די הײַנטיקע „פראַטערנידאַד אַגראַריאַ".

ניעס, קודם־כל אין נאַרסיס לעווען, ריווערא און מאַוריציאָ. אין די ערשטע צוויי האָבן זיי מיטגעווירקט צו דער גרינדונג פון זייערע קאָאָפּעראַטיוועס.

די דערמאָנטע און אַלע אַנדערע, שפּעטער געגרינדעטע קאָאָפּעראַטיוועס — דאָס איז שוין די אַרבעט פון זייערע טוער. אונדזער אויפגאַבע „די אַנטשטייונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין די יידישע קאָלאָניעס", מיינען מיר, איז פאַרענדיקט מיט דער אַנטשטייונג פון דער „קאָנפעדעראַציע". די גאַנצע באַוועגונג האָט שוין געהאַט אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג, וואָס דאָס איז שוין אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל געשיכטע. דאָס איז באמת דאָס העלדישסטע און ווירקזאַמסטע קאַפּיטל אינעם לעבן פון די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע.

פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מיינונגען וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע

(די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ליכט פון געדרוקטע מאַטעריאַלן אין די אַרגענטינער נישט־יידישע אויסגאַבעס)

אָ פּ רו פ ן א י ן ד י 90 ע ר י אָ ר ן

די אימיגראַציע אין 1891

דער ערשטער אָפּרוף אין אַרגענטינער געדרוקטן וואָרט וועגן דער באַראָן הירש־קאָלאָניזאַציע בכלל און די ערשטע עפּנטלעכע רשימה פון דער צאָל יידישע אימיגראַנטן פאַר דער דאָזיקער קאָלאָניזאַציע איז געווען פאַרעפנטלעכט אינעם יאָרבוך, וואָס די צייטונג „לאַ נאַסיאָן" האָט אַרויסגעגעבן דאַטירט 1891־1892 (1). דאָס יאָרבוך ברענגט דאַטעס וועגן דער אימיגראַציע אין אַלגעמיין און די יידן ווערן אין דעם איבערזיכט באַצייכנט ווי „איסראַעליטאַס". מיר ברענגען דעם גאַנצן טייל ווו דער ענין ווערט דערמאָנט. דאָרט ווערט געזאָגט דאָס ווייטערדיקע:

„...ביי 90 פּראָצענט פון די אַרבעטער זיינען קרובים און פריינד פון אַנדערע אויסלענדישע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך פון פריער שוין גע־האַט באַזעצט אויף אונדזערע פעלדער. זיי ווערן אַהער צוגעצויגן דורך די פאַרלאָקערישע ידיעות, וואָס זיי האָבן באַקומען וועגן דעם בליענדיקן צו־שטאַנד פון דער אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע. די איצט אָנגעפאָרענע קימען זיך אָנשליסן אין זייערע משפחות, וואָס האָבן זיך שוין איינגעפונדעוועט, אָדער מיטן ציל צו שאַפן פאַר זיך אַן אייגענעם באַשטאַנד. אַזוי אַרום פאָרמירן זיך אויס ענגע קרייזן, אין וועלכע די קרובישקייט און די בשותּפישע שפּראַך מאַכן לייכט דאָס צוזאַמענלעבן און שטעלן איין באַשיצע־רישע קעגנזייטיקע באַציונגען, וואָס זיינען אַ מזל־ברכה פאַר די, וואָס קומען צום ערשטן מאָל צו באַזעצן זיך אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט.

„די אימיגראַציע האָט זיך אויך אויסגעטיילט דערמיט, וואָס מען

(1) Anuario del diario "La Nación", 1891 – Buenos Aires – 1892 "La Inmigración en 1891", pág. 248.

וואָלט זי געקענט אָנרופן קאָלעקטיווע. די קרייזן, אָדער גרופּעס, וועגן וועלכע מיר דערציילן אינעם פריערדיקן פּאַראַגראַף, זיינען געקומען שוין אָרגאַניזירט פון אויסלאַנד אונטער דער השגחה פון געזעלשאַפטן אָדער אונטערנעמונגען, וואָס זאָרגן, אַז זייערע פּראָטעזשירטע זאָל גאָרנישט פעלן, און האָבן געהאַט צוגעגרייט אייגענעם באָדן, אויף וועלכן זיי האָבן זיך תיכף באַזעצט.

„אין דעם זינען האָבן זיך אויסגעצייכנט די רוסישע, ליטווישע און יידישע אימיגראַנטן.

„די ערשטע [געמיינט די נישט־יידישע] זיינען געקומען אָנצושליסן זיך אין די רוסיש־דייטשע קאָלאָניעס פון דיאַמאַנטע און גוואַלעגוויטשור (ענטרע־ריאָס) און אין אָלאַוואַריאַ [פּראָווינץ בוענאָס־איירעס].

„היות די דאָזיקע קאָלאָניעס שמען שוין מיט זייערע ווירטשאַפטן און זיינען פאַררעכנט ווי מוסטערהאַפטע אין זייער מין, איז איבעריק צו צעשפּרייטן זיך מיט אָפּשאַצונגען אַרום דעם אָ קלאַס אימיגראַציע.

„די צווייטע [ד"ה די יידישע] האָט מען באַלד ביי זייער אָנקומען באַזעצט אין די קאָלאָניעס „מאָוריציאָ", אין [דעם באַצירק] נועוועַ דע כוליאָ, „פּאַלאַסיאָס" און „מאָזעסוויל", אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ־פע, און „מאַר דעל פּלאַטאַ" [?!רעד׳] אונטער דער השגחה פון דער קאָמיסיע, וואָס דער באַראָן הירש האָט באַשטימט און עס פירט מיט איר אָן דער ד"ר לעוועַנטאַל.

„עס וואָלט געווען צו געוואַגט צו מאַכן השערות און אַרויסזאָגן אַ־ וועלכע נישט איז אַנטשיידנדיקע מיינונג מכוח דער קוואַליטעט פון די דאָזיקע מענטשן און דעם פּאַרנעם ווי אַ פּראָדוצירנדיקער עלעמענט, מחמת דעם, וואָס זייער באַזעצונג געפינט זיך נאָך קוים אין אַן עמבריאָ־נעלן צושטאַנד.

„זיי זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד אין דעם ווייטערדיקן סדר, אין די חדשים: אין חודש יוני — 10 [אימיגראַנטן]; אין יולי — 83; אין אויגוסט — 670; אין סעפּטעמבער — 315; אין אָקטאָבער — 214; אין נאָוועמבער — 591; אין דעצעמבער — 987; סך־הכל: 2,870 [יידישע אימיגראַנטן].

„די מערהייט פון זיי האָט זיך דעקלאַרירט פאַר אַגריקולטאָרן און די איבעריקע אָדער זיי קומען ווי געהילפן פאַר די קאָלאָניסטן אָדער דאָס זיינען מענטשן פון פאַרשיידענע פאַכן און פּראָפעסיעס, וואָס זיינען פון ערשטער נויטווענדיקייט פאַר די אַגריקולטור־ווירטשאַפטן.

„די דאָזיקע [יידישע] קאָלעקטיוויטעט האָט צו איר גונסטן די

גרויסע געלט־אונטערשטיצונג פון דער דערמאָנטער קאָמיסיע, וועמענס עובדה עס באַגרענעצט זיך נישט בלויז מיט אַרויסטיילן די ערד־שטחים. איר אויפגאַבע איז אויך צו באַזאָרגן מיט אינווענטאַר, מכשירים, לעבנס־מיטלען און צושטעלן אַל דאָס נייטיקע וואָס עס פאָדערט אַ לויִנעוודיקע אײַנסטאַלירונג".

דאָס איז דער ערשטער קבלת־פּנים פאַר דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע מצד אַ גרויסער ערנצטער צײַטונג אין איר ספּעציעלן אינפאָרמאַציע־בוך, ווו עס זײַנען פאַר־נאָטירט די וויכטיקסטע געשעענישן פון אַרגענטינע אין יענעם יאָר. דער צוגאַנג איז נייטראַל, אָבער פּאָזיטיוו. יעדעס וואָרט איז געוווֹיגן און געמאָסטן.

אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע - פּאָליטיק

אינעם זעלביקן יאָר 1891 האָט דער פּראָפעסאָר פראַנסיסקאָ לאַצינאַ פאַרענ־דיקט שרײַבן און צוגעגרייט צום דרוק די צווייטע אויפלאַגע פון זײַן „אַרגענטינער געאָגראַפישן ווערטערבוך" (2). דאָס איז אַ האַנטבוך פון גרויסער באַדײַטונג פאַר אַלע שיכטן פון אַרגענטינע און די צווייטע אויפלאַגע איז וויכטיק פאַר עקאָנאָמיסטן, היסטאָריקער און רײַזנדער און אַ באַזונדערן ווערט האָט זי פאַר שטודירנדיקע. ספּע־ציעל באַלערנדיק זײַנען די אַרטיקלען וועגן אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע, קאָמערץ און פינאַנצן.

די אַרבעט פון צוגרייטן די צווייטע אויפלאַגע פונעם ווערק איז זיך צונויפגע־פאַלן מיטן מאָמענט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דעם באַראָן הירשס קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. אויף אַזאַ אופן האָט פראַנסיסקאָ לאַצינאַ געהאַט די מעגלעכקייט אײַנצושליסן אויך די ייִדישע אײַנוואַנדערונג אין דעם אַרטיקל „אימיגראַציע" (3). אָבער לאַצינאַ באַנוגנט זיך נישט מיט טרוקענער אינפאָרמאַציע, ווי עס וואָלט גע־פּאַסט פאַר אַ ווערטערבוך און בפרט פאַר אַ געאָגראַפישן ווערטערבוך פון אַ לאַנד. ער נעמט צו מאָל גלײַך אָן אַ שטעלונג צו זאַכן. און אין זײַן פּאָזיציע איז דאָ אַ פּאָרויסיקע קעגנערשאַפט צו אַ ייִדישער אַרײַנוואַנדערונג. די קעגנערשאַפט האָט פאַר אַ יסוד די געווײנלעכע אָנגענומענע פּאָראורטיילן צו ייִדן, וואָס זײַנען שוין

---

(2) *Diccionario Geográfico Argentino,* por *Francisco Latzina*. Segunda edición, corregida, notablemente ampliada e ilustrada, con más de 80 vistas de la República Argentina. Contiene 22.164 descripciones y cinco apéndices estadísticos. Ramón Espasa y Cía. Editores, Buenos Aires — Barcelona. Imprenta de Henrich y Cía. 799 pp.

(3) דער אַרטיקל „אימיגראַציע" איז געדרוקט אויף די זײַטן 280—283.

באַקאַנט זינט לאַנג, לאַנג צוריק. אָבער לאַצינאַ רוקט דערביי אַרויס אַ תּנאי, וואָס באַרעכטיקט זײַן שטעלונג. זי איז אין הסכּם מיט זײַן קוק אויף אימיגראַציע און איז אַ פּועל־יוצא פון זײַן צוגאַנג צו די ענינים אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, וואָס בשעתו זײַנען זיי געווען דרינגענדיקע און גורלדיקע און אויך אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעמען אין אַרגענטינע. אָבער צי לאַצינאַ איז געווען אַן אַנטיסעמיט איז נישט גרינג צו זאָגן, ווײַל דער טייל, וווּ ער רעדט וועגן דער ייִדישער אימיגראַציע, איז אַזוי צווייטײַטשיק, אַז עס איז נישט מעגלעך צו דעפינירן באַשטימט זײַנע אָנשוירונגען בנוגע ייִדן. דאָס אָפּן אַנטי־ייִדישע, וואָס עס איז פאַראַן אין זײַנע רייד, איז נישט זײַן אייגנס און אוודאי נישט נײַ. ער איז זיך סומך אויף דעם, וואָס ייִדנס „גוטע פרײַנד" אין שפּאַניע צי פראַנקרײַך, אָדער אין אייראָפּע בכלל, האָבן כּסדר איבערגעחזרט. וואָס עס וואַרפט אָבער אַ חשד, אַחוץ די שאַרפע רייד גופא, איז דער טערמין „כּודיאָס", וואָס ער באַנוצט פאַר ייִדן. אויף שפּאַניש האָט דאָס וואָרט „כּודיאָ" עטלעכע באַטײַטן: עס מיינט פּשוט ייִד, אָבער עס איז אויך אַ סינאָנים פאַר: געלטגײַציקער, וואָכערער, פּראָצענטניק, שלעכטער קריסט, נידערטרעכטיקער, פאַרדאָרבענער מענטש, אויסוווּרף. עס גייט בכלל אָן ווי אַ זידלוואָרט און עס דריקט אויס פאַראַכטונג. און אין אופן פון לאַצינאַס באַנוץ לאָזט זיך עס גאַנץ פײַן טײַטשן... נאָר כאָטש אַזוי, דאַרף מען אָבער זײַן שטעלונג נעמען אינעם אַלגעמיינעם געדרעם פון זײַן צוגאַנג צו דער אימיגראַציע־פּאָליטיק אין יענער צײַט, טעג פון אַ דערדריקנדיקן קריזיס.

דער אמת איז אָבער, אַז די גלחים און זייערס גלײַכן אין די קאַטוילישע און בכלל ייִדן־פײַנדלעכע קרײַזן האָבן געטויפט לאַצינאַן ווי דעם פאָטער פון אַרגענטינישן וויסנשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם און זיי שטעלן אים אַרויס ווי אַ מוסטער אין באַגרינדן אַ מיינונג וועגן ייִדן און וועגן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. מיט זײַן מיינונג האָבן זיי זיך אויך באַנוצט אין זייערע לערנביכער און אין אַנדערע פונדאַמענטאַלע ווערק, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן צום ערשטן יאָרהונדערט פון דער מײַ־רעוואָלוציע, אין 1910, מיט דער צושטימונג פון נאַציאָנאַלן בילדונגסראַט. זייער כּוונה בײַם ציטירן דעם טעקסט איז בולט און אומצווייטײַטשיק. פון דעסט וועגן קומט דעם קלער אַ דאַנק פאַר דער אינפאָרמאַציע וועגן דער עקסיסטענץ פון אַזאַ ווערק, אין וועלכן עס ווערט גענומען שטעלונג צו דער ייִדישער אײַנוואַנדערונג אין אַרגענטינע זינט גאָר דעם סאַמע אָנהייב אָן, ווײַל פּראָפ' לאַצינאַס „געאָגראַפישן ווערטערבוך" האָבן געזען זייער ווייניק פאָרשער.

אָבער יעדער איינער, וואָס האָט זיך מיט אָט דעם חיבור אינטערעסירט, איז געוואָרן איבערגעראַשט מיטן סוף פונעם אַרטיקל „אימיגראַציע". מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דער אַרײַנפאָר פון ייִדן אין דער נײַער מדינה איז געווען אַ וויכטיק געשעעניש פאַרן לאַנד, וויבאַלד מען האָט די ייִדישע אימיגראַנטן פאַר קאָלאָניזאַ־

ציע שוין בײַם ערשטן טראָט אויף אַרגענטינער באָדן אָפּגעגעבן אַזאַ בכבודיק אָרט אין אַ ווערק, וואָס איז געווען באַשטימט צו זײַן אַ האַנטבוך אויפֿן געביט פֿון לאַנד־קענטעניש. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז לאַצינאַס „געאָגראַפֿישער ווערטערבוך" וועט נאָך לאַנג בלײַבן אַ קוואַל פֿאַר אינפֿאָרמאַציע פֿאַר אַלע די, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט דער אַרגענטינער ווירקלעכקייט ביז צום איצטיקן יאָרהונדערט.

דער אַרטיקל איז אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס ער איז געשריבן פֿון אַ וויסנשאַפֿטס־מאַן, וואָס איז אויך געווען אַ בקיא אין דער גאַנצער פּאָליטיק פֿון דער עפּאָכע און אין דער עקאָנאָמישער, ווירטשאַפֿטלעכער און פֿינאַנציעלער לאַגע פֿון יענער צײַט. עס איז כדאי דאָ איבערצוגעבן גאָר בקיצור דעם אינהאַלט פֿון זײַנע אַרבעטן אַרום די ענינים. דאָס וועט אונדז טיילווײַז געבן אַ באַגריף פֿון דער סיטואַציע אין לאַנד אין יענע טעג. עס וועט פֿאַר אונדז מאַכן פֿאַרשטענדלעך לאַצינאַס שטאַנדפּונקט און זײַנע אויספֿירן אַרום דעם עצם ענין אימיגראַציע און עס וועט קלאָר ווערן זײַן פּאָזיציע און קעגנערשאַפֿט לגבי דער רעגירונגס אײַנשטעל. אָן דעם וועלן מיר נישט קענען פֿאַרשטיין געגנוי לאַצינאַס צוגאַנג צו דער אײַנוואַנדערונג פֿון ייִדן. זײַן שטעלונג בכלל איז קודם־כל אַ וואָרענונג. און קוים מיר וועלן נישט זײַן באַקאַנט מיט זײַן קוק אין אַלגעמיין, איז דאָ אַ סכנה צו טײַטשן פֿאַלש זײַנע שאַרפֿע רייד אין דעם פּאַראַגראַף, וואָס איז געווידמעט די ייִדן. מיר ווילן זיך אויסהיטן דערפֿון. ווען דער קלער, וואָס האָט אַזוי צעטרומייטערט פּראָפּ׳ לאַצינאַס מיינונג וועגן ייִדנטום, בכדי אָנצוווײַזן אויף דער ייִדישער געפֿאַר, וואָלט אין די לערנביכער אויך אַרײַנגענומען יענע אַנדערע טייל, וואָס איז דאָס עיקר ־ יקסטע איינעם אַרטיקל, וואָלטן מיר ערשט געהאַט אַ ריכטיקן באַווײַז ווי ערנצט עס איז די גלחימס זאָרג פֿאַרן לאַנד און פֿאַר דער מאָראַלישער געזונטקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג.

אין זײַן אַרבעט ווײַזט אָן פֿראַנסיסקאָ לאַצינאַ מיט ציפֿערן, אַז ביז דעם יאָר 1886 האָבן אַרײַנגעוואַנדערט אין אַרגענטינע כמעט אויסשליסלעך אימיגראַנטן, וואָס קרובים אָדער ידידים האָבן אַרײַנגעבראַכט. די דאָזיקע אימיגראַנטן זײַנען געווען אַ גוטער און פּאַסיקער עלעמענט און מיט דער הילף פֿון זייערע אײַנגעזעסענע פֿרײַנד און באַקאַנטע האָבן זיי זיך גוט אײַנגעאָרדנט, האָבן געשאַפֿן רײַכטימער פֿאַר זיך און דערמיט אויך באַגינציקט דאָס לאַנד. אָבער נישט געקוקט דערויף האָט דאָס לאַנד אין פֿאַרשיידענע צײַטן, מחמת פֿאַרשיידענע סיבות, דורכגעמאַכט כסדר קריזיסן. די אָרעמקייט פֿון דער אײַנגעבוירענער באַפֿעלקערונג איז געווען אַ שרעקלעך דערדריקנדיקע און די רעגירונג האָט זיך וועגן דעם ווייניק וואָס געזאָרגט. זי האָט זיך ליבערשט פֿאַרנומען מיט סטימולירן די אימיגראַציע דורך אַלערליי קינסטלעכע מיטלען. די רעגירונג האָט געמיינט, היות זי האָט זיך סומך געווען אויף דער דערפֿאַרונג מיט דער באַגרענעצטער אימיגראַציע, וואָס עס האָבן אינספּירירט

קרובים און פרײַנד, אַז אויב זי דירעקט וועט מאַכן ספּעציעלע צוציִערישע פאַר־לײַכטערונגען אַרײַנצוקומען אין לאַנד אַרײַן, וועט זיך אַהער אַ לאָז טאָן אַ גרויסע מאַסע אימיגראַנטן.

לאַצינאַ דערציילט גאַנץ פרטימדיק וואָס עס האָט זיך שפּעטער אַלץ אָפּגעטאָן.

די דרײַ יאָר נאָך 1886, ד״ה זינט אָנהייב 1887 ביז סוף יאָר 1889, זײַנען גע־ווען ממש בליִענדיקע קאַליפאָרנישע יאָרן. אָבער נישט אין גאָלד איז געווען אַ שפע, נאָר אין געמאָלט פּאַפּיר, ווי ער דריקט זיך אויס. די רעגירונג האָט געהאַט אַרויס־געלאָזט אַ סך פּאַפּירגעלט אָן אַ גאַראַנטיע אין מעטאַל. עס איז מיט אַ מאָל גע־וואָרן אַ פּראָספּעריטעט. מען האָט באַקומען גרינג הלוואות און די מלוכה־קאַסע האָט זיך ממש געבאָדן אין פּאַפּירגעלט. בערזעלײַט און סוחרים, אינדוסטריעלער און לאַטיפונדיסטן — אַלע האָבן פּאַר זיך דערזען אַ שעת־הכושר צו ווערן רײַך. זיי האָבן אויסגעפונען אַלערליי מיטלען און אופנים צו ספּעקולירן, עקספּלואַטירן און באַשווינדלען. זיי האָבן געמאַכט ממש פאַנטאַסטישע אַנטדעקונגען, און אַלץ צוליב דער גרויסער געלעגנהייט, וואָס מען האָט זיי אונטערגערוקט: נתעשר ווערן. אָבער דאָס צו דערגרייכן, זײַנען געווען נייטיק פאַר יעדער אונטערנעמונג אַ סך אַרבעטס־הענט. און אין אַרבעטסהענט איז אין לאַנד געווען אַ דוחק. אַרײַנקריגן זיי — דאָס איז געוואָרן דאָס הויפּטפּראָבלעם. מען האָט געדאַרפט עפּעס צוטראַכטן, מעג זײַן נישט־געשטויגנס, נישט־געפלויגנס, אַבי צוצוציִען אַ גרעסערן אימיגראַנטישן שטראָם. אַרבעטס־כוחות אויסצונוצן זיי בײַ די אונטערנעמונגען אויף די פאַרשיידענע גע־ביטן און בײַ אַלערליי בראַנזשעס, וואָס באַטן אָן אוצרות פון אומגעהײַערן באַ־טרעף און בעטן זיך ממש מען זאָל זיי עקספּלואַטירן און באַאַרבעטן. אָבער מען האָט געדאַרפט האָבן עפּעס קאָנקרעטס, ממשותדיקס אויף צו קענען משפיע זײַן אין די אייראָפּעיִשע לענדער מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג, אַז דאָרטן גופא זאָל מען עצהן און רופן צו עמיגרירן קיין אַרגענטינע. דאָס צו פועלן האָט מען געדאַרפט באַשאַפן אַ פיקטיוון פּראָגרעס, וואָס זאָל פאַרלאָקן אַ גרויסן קאָנטינגענט מענטשן מיט אַ מאָל, ווײַל דער ביזאַיצטיקער אַרײַנפאָר איז צוגעגאַנגען צו לאַנגזאַם און בײַ די נײַע באַדינגונגען האָט עס שוין ווײַט נישט באַפרידיקט די באַדערפענישן נישט פון די רעגירונגס־אונטערנעמונגען און נישט פון די פּריוואַטע.

די רעגירונג האָט סובווענציאָנירט די שיפס־געזעלשאַפטן, בכדי זיי זאָלן אויפ־נעמען און אַריבערפירן אַהערצו פון אייראָפּע וואָס מער פּאַסאַזשירן אין גאַנצן אומ־זיסט. צו באַוועגן און פאַראינטערעסירן אַ גרויסצאָליקע אַרײַנוואַנדערונג האָט די רעגירונג געשיקט געניטע אַגענטן אין די אייראָפּעיִשע גרעסערע שטעט און פּאָרטן, און זיי האָבן אָנגעפירט אַ מינדלעכע און שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז גע־ווען פול מיט פאַנטאַסטישע פּלענער און צוזאָגן וועגן גרויסע מעגלעכקייטן צו ווערן שנעל רײַך. דאָס נישט האָבן אויף רײַזע־הוצאות איז נישט קיין מניעה: די אַרגענ־

טינער רעגירונג נעמט אויף זיך צו דעקן זיי. די מוניציפּאַליטעטן פון די אייראָפּעי־שע לענדער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער דאָזיקער טײַערער געלעגנהייט אויף פּטור צו ווערן פון די ליידיק־גייערס, די בעטלער, די גנבים און די רוצחים. און די דאָזיקע שעדלעכע עלעמענטן, אומטויגלעכע און געפערלעכע פאַר דער געזעלשאַפט, זײַנען עס געקומען אויף רעגירונגס־קאָסטן, בכדי צו פאַרפּעסטן די גאַסן פון בוענאָס־אײַרעס און אָנצופילן די תפיסות. מען האָט זיך באַלד אַרומגעזען, אַז די דאָזיקע אונטערוועלט־מענטשן האָבן קיין מאָל אין זייער לעבן נישט געטאָן קיין נוצלעכע אַרבעט. ס׳רוב פון זיי האָבן נישט געקענט קיין שום מלאכה און האָבן בכלל פריִער נישט געהאַט קיין ערלעכע באַשעפטיקונג. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין אַר־גענטינע וואַקסן די רענדלעך אויף די ביימער אָדער זיי וואַלגערן זיך אין די גאַסן.

אָט די אַלע עלעמענטן האָבן גורם געווען אַ געפערלעכן קריזיס. לא די וואָס זיי האָבן נישט געבראַכט קיין נוצן, האָבן זיי נאָך אָנגעהויבן אויספירן אַלערליי גאַסן־אַנפאַלן, רויבן און מאָרדן און בכלל אָפּטאָן כלערליי שענדלעכע זאַכן. אין בוענאָס־אײַרעס איז געווען אַ סכנה אַרויסצוגיין אין גאַס: מען איז פשוט נישט געווען זי־כער מיטן לעבן. אין גיכן האָבן די אַלע עלעמענטן, אַנטוישטע אין זייערע האָפע־נונגען, אָנגעהויבן זיך אומקערן צוריק אין זייערע היימלענדער אָדער אויסוואַנדערן קיין בראַזיל. מיט דער דאָזיקער אויסוואַנדערונג האָט דאָס לאַנד אַוודאי אַ סך גע־וווּנען, ווײַל מען איז פּטור געוואָרן פון אַ געפערלעכן עלעמענט.

אָבער דערווײַל איז דאָ אויך געשען דאָס אומפאַרמײַדלעכע: עס האָבן אָנגע־הויבן פּלאַצן, ווי זייפנבלאָזן, אַלע פאַנטאַסטיש אויפגעשרויפטע פּלענער און אונ־טערנעמונגען. דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם קריזיס. עס איז אַוועק אַ סדרה באַנקראָטן. די אַרבעטן אין אַלע רעגירונגס־אונטערנעמונגען איז געוואָרן לחלוטין פּאַראַליזירט. די קאָמערציעלע הײַזער, די פאַבריקן, די וואַרשטאַטן האָבן געשלאָסן זייערע טירן און די, וואָס זײַנען געבליבן אָפן, האָבן רעדוצירט ביז צו אַ מינימום די לוינען פון די אָנגעשטעלטע און די אַרבעטער. די רעגירונגס־קאַסע איז געבליבן ליידיק. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער, און דאָס האָט גורם געווען, אַז עס זאָלן אויסוואַנדערן אויך אַ סך גוטע און נוצלעכע עלעמענטן, אַר־בעטזאַמע און רויִקע מענטשן, וועלכע האָבן דאָ פאַרלאָרן נישט ווייניק אילוזיעס, אויב נישט שטאַרק נתעשר צו ווערן, איז לפּחות צו געפינען אַ מקום־מנוחה, אַ מעג־לעכקייט צו בויען די נײַע היים מיט בעסערע אויסזיכטן, ווי מען האָט געהאַט אין דער אַלטער היים, וואָס מען האָט פאַרלאָזט. ערשט זייער אויסוואַנדערן האָט גע־בראַכט אַן אומגעהײַער גרויסן שאָדן. דער קריזיס איז דערגאַנגען צום סאַמע עקס־טרעם.

„מיט דער עמיגראַציע פון די אומטויגלעכע עלעמענטן" — שרײַבט לאַצינאַ און דערמיט הייבן מיר אָן איס געבן דאָס וואָרט — „מיט דער

עמיגראַציע פון די אומטויגלעכע עלעמענטן האָט דאָס לאַנד גאָרנישט פאַרלוירן; פונקט פאַרקערט, עס האָט דווקא געוווּנען. אָבער צום אומגליק איז די זאַך אַזוי, אַז קריזיס מיינט אָפּשטעלן די אַרבעטן ביי אַלע מלוכהשע ווערק; עס מיינט אָנזעצן, באַנקראָטירן און פאַרמאַכן געשעפטן; עס מיינט די געביטערישע נויטווענדיקייט צו רעדוצירן אַלע הוצאות ביז צו אַ מינימאַלן חלק. און ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז צוליב דעם אַבסאָלוטן אויספעל פון באַשעפטיקונג האָבן צוזאַמען מיט די פּוסטעפּאַסניקעס עמיגרירט טויזנטער אַרבעטזאַמע מענטשן. די דריי קאַליפאָרנישע יאָרן, נישט אינעם זינען פון אַ געלט־שפע, נאָר אין זינען פון אַן איבערפלוס אין געמאָלטן פאַפּיר, זונדערן זיך אויס נישט בלויז אין די ציפערן פון דער קאָמערץ און די פינאַנצן (זען די דאָזיקע אַרטיקלען), נאָר אויך אין דער אימיגראַציע".

און דאָ ברענגט לאַצינאַ די טאַבעלע פון דער אימיגראַציע־באַוועגונג פאַר די לעצטע 34 יאָר — ד"ה פון דעם יאָר 1857 ביז צו דעם יאָר, ווען די פאַרשונג ווערט געמאַכט — ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם, וואָס ער דערציילט מיט אַן אָפּנקייט, וואָס איבעררעשט ממש.

1857	4,951
1958	3,658
1859	4,735
1860	5,656
1861	9,301
1862	6,716
1863	10,408
1864	11,682
1865	11,767
1866	13,696
1867	17,016
1868	29,234
1869	37,934
1870	39,967
1871	10,247
1872	27,884
1873	58,096
1874	46,937
1875	16,488
1876	17,478
1877	17,975
1878	27,098
1879	31,459
1880	21,274
1881	25,110
1882	42,783
1883	53,733
1884	63,361
1885	94,137
1886	79,209
1887	107,212
1888	138,790
1889	220,260
1890	49,320

„אין די דאָזיקע ציפערן", — דערקלערט לאַצינאַ — „איז שוין אַראָפּגערעכנט די אַרויסוואַנדערונג. דער נעטאָ סך־הכל פון דער אַריינוואַנדע־

רונג פאַר די 34 יאָר איז 1,270,272 נפשות. פאַרטיילט לויט זייער נאַ־ציאָנאַליטעט זעט די צאָל אויס אַזוי: איטאַליענער — 60 פּראָצענט; שפּאַניער — 18 פּראָצענט; פראַנצויזן — 11 פּראָצענט, און דער רעשט — פאַר אַלע איבעריקע פעלקער. לויט באַשעפטיקונג איז די פאַרטיילונג אַזאַ: 65 פּראָצענט פון דער טאָטאַלער צאָל אימיגראַנטן זיינען אַגריקול־טאָרן; 2 פּראָצענט — כלעריליי האַנטווערקער, און דער רעשט, 23 פּראָ־צענט, ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון מענטשן, וואָס געהערן צו פאַרשיי־דענע פרייע פּראָפעסיעס, סוחרים, אַנגעשטעלטע, שוואַרצאַרבעטער און אויך אָן פאַכן".

באַלד נאָך דעם קלערט ער אויף די סיבות פאַר וואָס די אימיגראַציע, וואָס בכלל גייט זי אין אַ נאָרמאַל כסדר שטייגנדיקער ליניע, האָט אין פאַרשיידענע פריערדיקע יאָרן אַראָפּגעגנידערט. נאָר גלייך ווייזט ער אָבער אויך אָן אויף דעם פלוצעמדיקן אומגעווייינטלעכן אַרויפשטייג און תיכפדיקן אַראָפּפאַל אין די סאַמע לעצטע עטלעכע יאָרן, וואָס ביידע זיי — דער אויפשטייג און דער אַראָפּפאַל — זיינען אַ רעזולטאַט פון גאָר אַנדערע טעמים ווי די פריערדיקע. דאָס מאָל זיינען ביי־דע אַן אויסדרוק פון דער אַנאָרמאַלער רעגירונגס־פּאָליטיק און איר איינשטעלונג אין די פינאַנצן און דער אימיגראַציע.

„די נידעריקע ציפער אין 1871 איז אַ פועל־יוצא פון דער עפּידעמיע פון געלן פיבער, וואָס האָט אין דעם אָ יאָר אָנגעמאַכט אַ חורבן אין בוע־נאָס־איירעס. די יאָרן 1875, 1876 און 1877 זיינען געווען קריזיס־יאָרן. אין יאָר 1880 איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע. די יאָרן 1887, 1888 און 1889 באַציִען זיך אויף דער הערשאַפט פון די פינאַנץ־גאונים; וועגן די צרות, וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט, רעד איך אינעם אַרטיקל ‚פינאַנצן'. די אַגריקולטאָרן באַזעצן זיך אַלע אין די פּראָווינצן בוענאָס־איירעס, סאַנ־טאַ־פע, ענטרע־ריאָס און אויך טיילווייז אין קאָרדאָבאַ. די בעלי־מלאָכות צעשפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער רעפּובליק. וואָס שייך די מענטשן אָן אַ פאַך, פאַרבלייבן זיי געוויינטלעך אין דער שטאָט בוענאָס־איירעס און פאַרשאַפן אַ סך אַרבעט דער פּאָליציי".

דאָ ווייטער נעמט זיך לאַצינאַ צו קאָנסטאַטירן וועלכע עס איז די לויגעוודיקסטע אימיגראַציע און מערקט אָן אויף די טובות, וואָס מען האָט פון איר:

„אַז די ספּאָנטאַנע, און נישט די קינסטלעך אַרויסגערופענע, אימי־גראַציע באַטייט מאַכט און עשירות פאַר אַ ניט־באַפעלקערט לאַנד, ווי עס איז די אַרגענטינער רעפּובליק, דאָס איז אַ באַוווּסטע זאַך און עס איז נישט נייטיק מען זאָל דאָס ערשט נעמען דערווייזן. נישט געקוקט דערויף, לוינט אָבער צו באַשטיין אויף דעם דאָזיקן אמת, בכדי עס זאָל זיך נישט

מאַכן, אַז צוליב דעם, וואָס עס איז אַזוי באַוווסט, זאָל מען עס, חלילה, פאַרזען.

„די נוצן, וואָס די אימיגראַציע ברענגט פאַר אַ נישט־באַפעלקערט לאַנד, קען מען באַטראַכטן פון דרײַ הויפּטיקע קוקווינקלען, און אַט: זי איז מוסיף צום לאַנדס פאַרמעג גאָלד און זילבער אין מזומן, זי פאַרמערט באַדײַטנדיק דעם רעזערוו מוסקולאַרן כוח און זי פאַרפילפאַכט אין דער גרויסער מענטשן־מאַסע די צאָל נאָכקומער.

„עס איז באַוווסט, אַז אין די אימיגראַציע־ביוראָען פון די פאַראייניקטע שטאַטן שאַצט מען 100 דאָלאַר פּער קאָפּ דאָס מזומנע געלט, וואָס די דײַטשע אימיגראַנטן דאַרפן ברענגען מיט זיך; דער דאָזיקער דורכשניט־סכום איז חל פאַר יעדער עלטער און שטאַנד. די אימיגראַנטן פון איטאַליע און שפּאַניע, וואָס פאַרמירן די אומגעהײַערע מערהייט פון אונדזער אימיגראַציע, זײַנען ווײַט נישט אַזוי באַמיטלט ווי די דײַטשן. נעם איך דעריבער אָן, אַז זיי ברענגען מיט זיך — ווער מער, ווער ווייניקער — בלויז צו 20 פּעזאָס גאָלד אָדער זילבער. נו, על־כן, ווען די אימיגראַציע באַשטייט פון 100.000 נפשות אַ יאָר, איז צו דרינגען, אַז זיי גיבן צו יערלעך צוויי מיליאָן פּעזאָס מזומן געלט צו די רעסורסן פונעם לאַנד.

„אָבער דאָס איז גראָד די מינדסטע פון אַלע נוצן, וואָס די אימיגראַציע ברענגט.

„די באמת גרויסע און וויכטיקע נוץ איז דער מוסקולאַרער כוח, וואָס די אימיגראַציע ווענדט אָן בײַ דער פּראָדוקציע פונעם לאַנד, אין וועלכן זי וואָרצלט זיך אײַן. אין אַן אַרטיקל וועגן דעם מענטשנס מאָנעטאַרן ווערט, אין מײַן בוך ,הובל־שפּענער און שפּליטערס', האָב איך אויסגעחשבונט דעם ווערט פון אַ שוואַרצאַרבעטער אויף אַ קאָרדאָבער פעלד אין עלטער פון 30 יאָר אין 1,586,27 פּעזאָס. אין דאָזיקן אַרטיקל האָב איך באַטראַכט, אַז דער מאָנעטאַרער ווערט פונעם מענטשן איז אַ פונקציע פון זײַן קאָנסום און פון זײַן פּראָדוקציע, גערעכנט זינט דעם עלטער אין וועלכער זי הייבט זיך אָן, דעם געזעץ פון שטאַרביקייט אונטער וועלכן ער איז אונטערגעוואָרפן און די טאַקסירונג פון אינטערעס וואָס מען נעמט אין באַטראַכט אינעם חשבון. צו אַן ענלעכן רעזולטאַט קומט מען, ווען מען נעמט פאַר אַ באַזע פונעם חשבון די פּאַקטישע פּראָדוקציע פון אַ פאַמיליע אין באַשטאַנד, לאָמיר זאָגן, פון 5 נפשות, וואָס באַאַרבעטן אַ פעלד פון 25 העקטאַר. אין דאָזיקן פאַל באַטראַכט מען דעם יערלעכן ווערט פון דער פּראָדוקציע ווי די רעשט פונעם קאַפּיטאַל וואָס עס שטעלט

מיט זיך פאַר דער מוסקולאַרער כוח פון די 5 מענטשן וואָס אַרבעטן. נאָכן דורכמאַכן די חשבונות קומט מען צום אויספיר, אַז איינער מיטן אַנ־דערן איז ווערט 1,500 פּעזאָס, ד"ה אַז אַזוי פיל איז ווערט זייער מוסקו־לאַרער כוח. איך נעם אָן, אַז צווישן 100,000 אימיגראַנטן וועלן זיך געפי־נען 70,000, וועמעס אַרבעט עס פאַרמערט, אינעם עקאָנאָמישן זינען פון דעם וואָרט, דאָס עשירות פונעם לאַנד, און אַז די איבעריקע 30,000 זיי־נען גאָרנישט מוסיף צו דעם כללס האָב און גוטס. דאָס פעסטגעשטעלט, באַקומט זיך, אַז דער מוסקולאַרער כוח פון די 100.000 אימיגראַנטן איז פאַר דער פּראָדוקציע פונעם לאַנד אַ קאַפּיטאַל, וואָס האָט די ווערט 100 מיליאָן פּעזאָס.

„מען קען שוין אײַנזען, אַז דער דאָזיקער קאַפּיטאַל שטײַגט העט ווײַט אַריבער דעם קאַפּיטאַל, וואָס זיי ברענגען מיט זיך אַרײַן אין מזומן געלד.

„די דריטע פון די נוצן, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט, איז פון מאָראַלן כאַראַקטער. די קינדער פון די אימיגראַנטן, וואָס האָדעווען זיך אויס אין דער סביבה פון דאָרפישע אַרבעטן און וואָס מיט דער צײַט ווערן זיי קליינע אייגנטימער, אַנטוויקלען אַ העכסט קאָנסערוואַטיוון גײַסט און גיבן נאָכקום; און היות זיי מערן זיך אין צאָל יאָר־יערלעך, במילא פאַרפילפאַכן זיי דעם יעניקן קלאַס בירגער, וואָס פאַרמירט אין אַלע ציוויליזירטע לענדער דעם ברייטן יסוד פאַר דער נאַציאָנאַלער מאַכט".

נאָכן אָנווײַזן, וועלכע עס זײַנען די הויפּטנוצן און די געווינסן פון אַ באַרעכנ־טער און סעלעקציאָנירטער אימיגראַציע, ווענדט אונדזער מחבר זײַן בליק דירעקט צו די ענינים פון לאַנד. ער האָט דערמאָנט די עלעמענטאַרע כלל־באַוווסטע זאַכן, ווײַל נאָך דער פּראַקטיק מיט דעם נישט־קאָנטראָלירטן אָנגעלאָף זײַנען זיי געוואָרן העכסט אַקטועל. זײַן כוונה איז צו אינסטרויִרן די פירנדיקע אינסטאַנצן, וואָס האָבן, ווײַזט אויס, פאַרגעסן צו נעמען זיי אין באַטראַכט בעתן פּראָפּאַגירן פאַר אַ מאַסן־אײַנוואַנדערונג. אין איין וועגס וויל לאַצינאַ אויך ווענדן זייער בליק אין דער ריכ־טונג, וווּ עס איז נייטיק אַכטונג צו געבן און וואָס עס איז בילכער צו אַנטוויקלען אין לאַנד. ווי עס זעט אויס, האָבן עס די אימיגראַציע־אויטאָריטעטן לחלוטין פאַרזען.

„אין די דאָזיקע באַטראַכטונגען לאָז איך אין גאַנצן אויס דעם אויגנ־שײַנלעכן פאַקט, אַז די אימיגראַציע פאַרמערט אויך דאָס עשירות פון די לאַנד־אייגנטימער. טאָקע דורך דעם, וואָס מען באַזעצט די ערדן און מען מאַכט זיי פּראָדוצירן, ווערט געהעכערט זייער פּאַרקויפלעכער ווערט. אונדזערע פינאַנץ־גאונים האָבן, פאַרקערט, געוואָלט הויכפּרײַזן די ערד דורך אַרויסלאָזן היפּאָטעק־שײַנען אין הורט, מיט וואָס מען האָט נאָר

באַוויזן אײַנצושלינגען די אָפּשפּאָרונגען פון די אַרבעטסמענטשן, וואָס האָבן זיי צוטרויליך אַרײַנגעלייגט אין די דאָזיקע פּאַפּירן, וואָס האָבן הײַנט קיין שום ווערט נישט.

„פון דעם געזאָגטן זעט מען, אַז דער מוסקולאַרער כוח פון יעדן אימיגראַנט, גרויס און קליין, איז ווערט אין דורכשניט אַרום 1,000 פּעזאָס. די מלוכה־אַדמיניסטראַציעס, די נאַציאָנאַלע ווי די פּראָווינציעלע, וואָלטן, בכן, געדאַרפט קאָנצענטרירן זייער גאַנץ וויסן און אַלע אָנשטרענגונגען אויף אָט אָ דעם פּאַטריאָטישן אָביעקט: פּאַרזיכערן דאָס לאַנד, דורך אַלע מיטלען, מיט די אומבאַשטרײַטלעכע טובות, וואָס עס פּאַרקערפּערט מיט זיך דער מוסקולאַרער כוח פון דער אימיגראַציע. אַוודאי, די מיטלען דאַרפן נישט זײַן פון יענעם מין, וואָס פּראָדוצירן אַ קינסטלעכן צושטראָם פון אימיגראַנטן.

„אויבן האָט מען געזען, אַז די אימיגראַציע איז פּלוצעם געפאַלן פון 220.260 (1889) אויף 49,320 (1890). אינעם לויפיקן יאָר, 1891, וועט די אויסוואַנדערונג איבערשטײַגן די אײַנוואַנדערונג מיט נישט ווייניקער ווי 20,000 נפשות, און אַזוי אַרום וועט דאָס לאַנד פון אימיגראַציע זיך פּאַרוואַנדלען אין אַן עמיגראַציע־לאַנד. די זאַך דערקלערט זיך. די מענטשן פּאַרן אַוועק נישט אַזוי צוליב דעם אויספּעל פון אַרבעט, ווײַל נישט געקוקט אויפן קריזיס מיט אַלע זײַנע באַגלייטנדיקע שלעכטסן פון יעדן קאַליבער, טוט מען די אַגריקולטור־אַרבעט אין דער זעלביקער אָדער נאָך גרעסערער מאָס ווי פריִער; מען פּאָרט אַרויס מחמת דעם, וואָס צוליב דעם כסדרדיקן פּאַלן פונעם פּאַפּיר[געלט], איז געבליבן צו פיל אײַנגעשרומפּן דער לוין, וואָס ווערט אויסגעצאָלט אין פּאַפּיר. כל־זמן דאָס פּאַפּירגעלט איז געשטאַנען אויף דער הויך פון דער גאָלד־מטבע, האָט די פּעזאָ, וואָס דער האַרעפּאַשניק האָט פּאַרדינט אַ טאָג, פּאַר אים באַטראָפן 5 פראַנק; הײַנט, מיטן גאָלד אויף 450, האָט ער פּאַר אַ טאָג אַרבעט קוים עפּעס מער ווי אַ פראַנק. — ווען די פּעזאָ איז ווערט געווען 5 פראַנק האָט דער טאָגלוינער געקענט לעבן מיט 3 פראַנק און אײַנשפּאָרן 2; הײַנט, מחמת דעם אַלגעמיינעם יקרות, איז אַלץ וואָס ער פּאַרדינט נישט גענוג פּאַר אים צום לעבן, ווײַל אין דער מאָס וואָס דאָס פּאַפּיר פּאַלט, שטײַגט פּונקט אַזוי דער קאָסט אויף די אַרטיקלען פון ערשטער נויטווענדיקייט; און היות ווי די לוינען זײַנען געבליבן פּאַרגליווערט, איז צו דרינגען, אַז דאָס שפּאָרן איז אין די איצטיקע תנאים אוממעגלעך. נאָר ווי עס איז באַוווסט, איז דער באַגער צו שפּאָרן דער אייניקער באַוועגער פון אַ גוטער אימיגראַציע, און וויבאַלד דאָס איז נישט

מעגלעך דורכצופירן, איז נישט בלויז וואָס די אימיגראַציע שטעלט זיך אָפּ, נאָר עס הייבט זיך נאָך אָן די עמיגראַציע".

נאָך די אָ דורכויס זאַכלעכע און, דוכט זיך, לאָגישע באַטראַכטונגען און אַר־גומענטן, וואָס דערווייזן אין איין ווענס די סיבות פונעם קריזיס און ווי ער האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם צוגעשטראָמטן טייל באַפעלקערונג און וואָס אַזוינס עס איז דער גורם פון דער אַרויסוואַנדערונג, ווענדט פּראָפּ׳ לאַציני זײַן בליק צו דער יידן־אײַנוואַנדערונג, וואָס הייבט ערשט נאָרוואָס אָן צו שטאַנד צו קומען און ער מאַכט איר אַזאַ קבלת־פּנים:

„בעת די אויסוואַנדערונג פאַרשטאַרקט זיך און די נויט שפּרייט זיך אויס און די וואַכרײַ שטרעקט אויס אירע נעגל אויף צו שטעלן בדיל הדל טויזנטער משפּחות, קומט דער באַראָן הירש, אָט דער מאָדערנער משה אין פראַק, מאַנאַקל און ווײַסן שניפּס און כאַפּט אָן די געלעגנהייט בײַם גאָרגל, בכדי צו ריכטן דעם אָוועקפאָר פון די אַרויסגעשטויסענע יידן פון רוסלאַנד צו דער אַרגענטינער רעפּובליק, און איז זיכער, אַז דאָ וועט מען אים נישט מאַכן קיין שטערונגען צו שאַפן זייער נײַע פּאַלעס־טינע. אויב די דאָזיקע יידן זײַנען אַגריקולטאָרן און בעלי־מלאכות איז — ברוכים הבאים! אויב אָבער זיי וועלן דאָ וועלן פירן דאָס פּאַראַזיטישע לעבן פונעם פּראַצענטניק, וואָס האָט זיי געמאַכט אַזוי פאַרהאַסט אין אייי־ראָפּע, וואָלט גלײַכער געווען זיי זאָלן אַהערצו נישט קומען, מחמת די צאָל גישט־געמלטע ,כודיאָס׳ פון פּראָפעסיע איז שוין דאָ פון זיך אַליין אַזוי גרויס אויסגעוואַקסן, אַז עס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער פּאָלקס־צרה. זאָל זיך נאָר דער לייענער משער זײַן, אַז בלויז אין איין ספּעציאַלי־טעט פון וואַכרײַ, אויפן געביט פון די באַקאַנטע אָפּמאַכן פון צוריק־פאַרקויף (pactos de retro-venta) האָט מען במשך דעם איצטיקן יאָר אָפּגעשלאָסן נישט ווייניקער ווי 15,000 קאָנטראַקטן. דאָס מיינט כמעט אַזוי פיל אַרויסגעוואָרפענע משפּחות אויף דער גאַס".

דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָ בולט. ער שרײַט, דוכט זיך, אַרויס פון יעדן וואָרט. איבערהויפּט רײַסט די אויגן דער אויפגעהויבענער נערוועזער טאָן, וואָס איז אין קאָנטראַסט צו די פריערדיקע גאַנץ באַזאַכטע, אויפקלערערישע רייד.

מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַז פאַר דעם באַגריף יידן באַנוצט לאַציני דאָס וואָרט „כודיאָ". מיר האָבן דאָרט אויך אָנגעוויזן אויף די פאַרשיידענע באַ־טײַטן, וואָס דער דאָזיקער טערמין האָט אין דער שפּאַנישער שפּראַך. פון דעסט וועגן דאַרף מען נישט נעמען אין סאַמע עקסטרעם זײַנע רייד. דאָס הייסט: ווי גע־ווענדט נישט דורכויס קעגן יידן ווי יידן. מיר האַלטן, אַז זײַן כוונה איז געווען אַן אַנדערע, וואָס דערויף האָבן מיר שוין אויך אָנגעמערקט. מיר האָבן טאַקע אַזוי

בריטלעך דערציילט וועגן יענער צײַט און אַזוי פיל ציטירט פון לאַצינאַס טעקסט, בכדי עס זאָל ווערן קלאָר זײַן שטאַנדפונקט און צוגאַנג צו די ענינים אימיגראַציע, באַפעלקערן דאָס לאַנד, עקאָנאָמיע און פינאַנצן. אין דעם פּאַראַגראַף, וואָס איז גע־ווידמעט די ייִדן, אין אים גופא איז פאַראַן די דערקלערונג, וואָס באַרעכטיקט אונ־דזער קוק. מיר כאַפּן זיך נישט אין דער ערשטער רגע אויף זײַן עצם מיין, ווײַל דער גאַנצער פּאַראַגראַף האָט אין זיך אַזוי פיל גיפט און גאַל, אַז מיר ווערן בײַם לייענען מבולבל און אויפגערעגט. און דאָס שטערט אונדז זען באַזאַכטער. אַוודאי קען אַזאַ אויסגאַס פאַרסמען דעם געמיט און מטושטש מאַכן דעם פאַרשטאַנד, און אַוודאי פּאַסט נישט פאַר אַ געאָגראַף און טרוקענעם סטאַטיסטיקער, וואָס דאָס איז לאַצינאַס הויפּטגעביט, אַזאַ אויפגעקאָכטקייט און אַזאַ אויפגערייצטקייט. אָבער זײַן פײַל איז נישט געווענדט בלויז דורכויס צו ייִדן ווי ייִדן. לכל־הפּחות נישט בלויז צו ייִדן אַליין.

זײַן מיין, ווי געזאָגט, איז געווען וואָרענען. וואָרענען קעגן אַ שלעכטער אימי־גראַציע. מתרה זיין קעגן אַ שלעכטער אימיגראַציע איז געווען דער געבאָט פון דער צײַט, פון טאָג ממש. און דאָס האָט ער געטאָן. געמיינט איינס און אַרויסגעקומען, אַפּנים, איז עפּעס אַנדערש.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר ווילן נישט באַפרײַען לאַצינאַן פון קיין שולד. עס איז געגוג, אַז ער האָט געקענט דינען ווי שטאָף פאַר אָפענע אַנטיסעמיטן. דאָס אַליין רעדט שוין לגנאַי אים. און.טאַקע דאָס איז שוין אויך אַ גענוגנדיקע שטראָף פאַר אים. אָבער נישט בלויז קעגן ייִדן איז זײַן שטעלונג אַ האַרבע. מיר האָבן שוין פריִער געזען, אַז בעת מען דאַרף קריטיקירן און שאַרף אויסריידן, האַלט ער זיך נישט אָפּ עס צו טאָן קעגן וועמען עס זאָל נישט זײַן. אַז מען דאַרף בײַסיק איראָניזירן, אָדער געבן אַן עלעמענטאַרע לעקציע אויסגערופענע ספּעציאַליסטן — טוט ער עס אויך. ער שעמט זיך נישט. ער לייגט אויף קיינעם נישט קיין אַכט און זאָגט וואָס ער האַלט, אַז מען דאַרף זאָגן. און גראָד איז דער פּאַראַגראַף געווידמעט דער ייִדן־אי־מיגראַציע ווידער אַ מאָל אַ באַווײַז דערויף.

פּראָפעסאָר לאַצינאַ איז געווען באַרעכטיקט מתרה צו זײַן. מחמת אַ טעותדי־קער אימיגראַציע־פּאָליטיק איז אין לאַנד זיך אָנגעפאָרן אַ שלעכטער מענטשן־עלע־מענט, וואָס האָט דערפירט צו אַן אָנקענטיקער מאָראַלישער דעגראַדאַציע די גאַנצע סביבה. צוליב אַ פאַלשער פינאַנצן־פּאָליטיק איז געקומען צו אַ דעפּרעסיע עקאָנאָ־מיש און ווירטשאַפטלעך. פינאַנציעל האָט עס געהאַלטן ממש בײַ אַ באַנקראָט. די „קורצע מעגאַלאָמאַנישע ערע", „די עפּאָכע פון גרויסקייט־שגעון", ווי לאַצינאַ רופט אָן די דרײַ יאָר פון פיקטיוון פּראָגרעס, האָט דערפירט דאָס לאַנד צו אַ דערדריקנ־דיקן קריזיס. מער פון אַלע האָט געליטן פון קראַך דער אַרבעטנדיקער — דאָס הייסט: דער פּראָדוצירנדיקער און באמת נוצלעכער — טייל פון דער באַפעלקערונג.

דער רוב מנין אימיגראַנטן האָט געהערט צום דאָזיקן טייל. דער געפאַלענער ווערט פונעם פּאַפּירגעלט האָט געפירט צו אַ יקרות אויף די לעבנס־מיטלען און אויף אַל דאָס נייטיקע פון ערשטן געברויך. דעם אַרבעטער און דעם אָנגעשטעלטן האָט מען דעם לוין נישט געהעכערט. במילא איז שטאַרק פאַרמינערט געוואָרן דער קויף־ווערט פון זייַנע פאַרדינסטן (אויב זיי האָבן בכלל נישט פאַרלוירן די אַרבעט). די הוצאות זייַנען געוואָרן גרעסער פון דער הכנסה. און דער ציל פונעם גוטן אימיגראַנט איז צו קענען אָפּשפּאָרן כאָטש אַפילו אַ מינימום פון זייַן אַרבעטסלוין מיטן מיין צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס אינעם עתיד. אָבער ווען ער איז געצוווּנגען צו אַרבעטן, פּראָדוצירן, שאַפן און מאַכן רייַכער עמעצן אַנדערש — צי דאָס איז דאָס לאַנד, צי אַ באַלעבאָס — אָן שום תכלית פאַר זיך גופא, פאַרלירט ער דעם אינטערעס און וואַנדערט צוריק אַרויס. דאָס איז טאַקע געשען ווי אַ קאָנסעקווענץ פון ז׳ערווירקלעכער סיטואַציע אין לאַנד.

די אַרויסוואַנדערונג האָט אָנגענומען געפערלעכע פּראָפּאָרציעס. לאַצינאַ ווייַזט אָן דערויף אין די קאָמענטאַרן צו דער טאַבעלע פון ז׳ער אימיגראַציע־באַוועגונג. אַ שאָד וואָס ער גיט נישט אָן די גענויע ציפערן פון דער עמיגראַציע, בעת ער דער־קלערט די סיבות, וואָס האָבן דערפירט צו איר. אָבער דאָס, וואָס די ציפערן ווייַזן אונדז, איז אויך גענוג. די אייַנוואַנדערונג, וואָס האָט אין יאָר 1889 דערגרייכט צו אַזאַ אומגעוויינטלעכער הייך אין דער צאָל אימיגראַנטן — אַזש צו 220.260 נפשות, פאַר יענער צייַט אַ קאָלאָסאַלער סכום — איז באַלד אין 1890 אַראָפּגעזונקען צו 49,320 פּערזאָן, און פאַרן יאָר 1891, דאָס יאָר, אין וועלכן לאַצינאַ גרייט די צווייטע אויפלאַגע פון זייַן ווערק, האָט מען שוין געקענט פאָרויסזען, אַז „די אויס־וואַנדערונג וועט איבערשטייַגן די אייַנוואַנדערונג מיט נישט ווייניקער ווי 20,000 נפשות“. פאַר אַ לאַנד, וואָס דאַרף באַפעלקערט ווערן, ווי עס איז דער פאַל מיט דער אַרגענטינער רעפּובליק, איז דאָס אַ נישקשהדיקער קלאַפּ. אפשר פאַטאַל צו מאָל.

אָבער נישט דער ווערטיקאַלער אַראָפּפאַל פון אייַנוואַנדערער איז דאָ וויכטיק, נאָר דאָס אַרויסוואַנדערן. די ראַפּטאָם געשטיגענע אימיגראַציע פאַר די דרייַ דער־מאָנטע יאָרן (1887, 1888 און 1889) איז געווען אַרויסגערופן דורך פיקטיווע, קינסטלעכע מיטלען, במילא האָט נישט אויסגעמאַכט וואָס זי האָט זיך איבערגע־האַקט. ביידע — די פּראָגרעס־פיקציע און דער אָנגעלויף פון אַן אומטויגלעכן מענטשן־עלעמענט, צוגעצויגן דורך דער דאָזיקער פיקציע — זיי האָבן עס דער־בראַכט צו דער הערשנדיקער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע. אָבער ווי אַ פּועל־יוצא פונעם זעלביקן קאַטאַסטראָפאַלן קריזיס האָט זיך אויך אָנגעהויבן די אַרויסוואַנדע־רונג, און דאָס איז געווען געפערלעך. עס איז אָבער פאָרגעשטאַנען אַ נאָך גרעסערע סכנה: דער זעלביקער געפערלעכער קריזיס האָט אויך געקענט פירן דערצו, אַז עס זאָל זיך איבערדרייַען די ביזאַהעריקע — די ביזדעמאָלטיקע, הייסט עס — ספּאָנטאַנע און רעגלמעסיקע אייַנוואַנדערונג, וואָס עס האָבן אינספּירירט די שוין הי אייַנגע־

זעסענע דורך איבעררעדן און אַרויסרופן זייערע קרובים, ידידים און באַקאַנטע מעבר לים, און וואָס לאַצינאַ האַלט זי פאַר דער פאַסיקסטער און נאַטירלעכסטער אימיגראַציע, פונקט ווי ער באַטראַכט די שוין איינגעפונדעוועטע תושבים פאַר די בעסטע אימיגראַציע־אַגענטן, להיפוך צו די, וואָס די רעגירונג האָט פאַר יענער צייט געהאַט אַרויסגעשיקט קיין אייראָפּע צו מאַכן פראָפּאַגאַנדע.

נאָך דעם געוואַלד שרייענדיקן דורכפאַל פון דער מאַסן־אימיגראַציע און דעם קראַך אין די פינאַנצן, האָט פראָפ׳ לאַצינאַ פאַרלאַנגט אַ סאַנירטע מטבע, ראַיעלע פאַרדינסט־קוואַלן און אַ סעלעקציע פון אימיגראַנטן. ער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף אַן אַרבעטס־פעיִקער און אַרבעטזאַמער אימיגראַציע, ווייל ער וויל דאָס לאַנד זאָל האָבן נוץ פון איר: די אימיגראַציע דאַרף זיין לטובת דער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד. זי דאַרף אָבער אויך ווערן ריכטיק קאָמפּענסירט פאַר איר מי, וויבאַלד מען וויל האָבן פון איר נוצן. דער אַרבעטסמענטש דאַרף ווערן באַפרידיקט ער זאָל קענען לעבן צופרידן. און צופרידנשטעלן קען מען אים, ווען עס ווערן באַפרידיקט זיינע באַשיידענע באַגערן און באַדערפענישן און בעת ער האָט אויסזיכטן אַרויפצואַרבעטן זיך. אַ לוינעוודיקער געהאַלט און פאַסיקע באַדינגונגען פאַר דעם האָרעפאַשניק, וואָס זוכט אַ תכלית — דאָס איז פאַר לאַצינאַן אַ הויפּט־תנאַי. אויב מען באַעוולט דעם אַרבעטסמענטש און ער איז אומצופרידן, קען מען פון אים קיין סך נישט דערוואַרטן. אַט זעט מען טאַקע ווי ער פאָרט צוריק אַוועק.

אַז אין יענעם יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די יידן־איינוואַנדערונג פאַר דער ייִקאַ־קאָלאָניזאַציע האָט לאַצינאַ רעאַגירט אין דעם זינען. ער איז דורכויס קאָנסעקווענט מיט זיין שטאַנדפּונקט. ער האָט גענומען אין אַכט דיווירקלעכע סיטואַציע פון לאַנד. זיינע טענות גופא זיינען געווען גערעכטע — די פּאַקטישע לאַגע אין לאַנד האָט זיי באַרעכטיקט. אָבער בנוגע יידן האָט ער שוין געהאַט אַ פאָרארטייל. האָט ער פּערזענלעך געקענט יידן? ווער ווייסט. עס קען אפילו זיין, אַז נישט. דעם מיזרח־אייראָפּעישן ייד האָט ער, דאַרף מען אָננעמען, זיכער נישט געקענט. אָבער וועגן יידן זיינען אומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, וואָס עס האָבן פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט כל המינים יידישע שונאים, דער קלער בתוכם. און די קלאַנגען זיינען אויך דערגאַנגען צו אים. ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך דאָס זאָל געשען: ווי אַ געלערנטער מענטש איז ער געווען פאַראינטערעסירט צו זיין אינפאָרמירט וועגן וואָס מער ענינים, און וועגן יידן איז פאַראַן אַ שפּאָרע ביבליאָגראַפיע מצד אַנטי־יידן. און צווישן די מחברים פיגורירן וויכטיקע באַקאַנטע און אַפילו באַרימטע נעמען. זייער אויטאָריטעט איז פאַר אים מאַסגעביק און מאַכט באַגלייבט זייער אינפאָרמאַציע און זייער מיינונג. עפּעס קען אונדז אפשר אויך אויפקלערן דער פאַקט, וואָס לאַצינאַ האָט געשטאַמט פון דער אימפּעריע עסטרייך־אונגאַרן. ער איז געבוירן געוואָרן (1843) אין ברנאָ, מאָראַוויע, אַ געגנט, וואָס איז

געווען באַפּעלקערט מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייט קאַטאָליקן. נו, אַז אַ וועלט שמועסט, איז דאָך עפּעס אמת פאַראַן אין דעם אַוודאי. און אַז מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ ייִדן־אימיגראַציע, האָבן די פאַראינטערעסירטע דאָ הי אַוודאי זיך גענומען פאַרשפּרייטן די אַנטי־ייִדן־ליטעראַטור, בכדי צו שאַפן אין לאַנד אַ שטימונג קעגן אַזאַ אַרײַנוואַנדערונג. אַזוי ווערט עס קלאָר. און צוליב דעם שם, וואָס ייִדן האָבן, האָט ער צו זיי נישט קיין צוטרוי. ייִדן זײַנען שאַכער־מאַכערס, פּראָצענטניקעס, שווינדלער, גאַטלעסטערער, אַן אומפּראָדוקטיווער, נישט־אַרבעטנדיקער עלעמענט — דאָס זינגען אַלע אין איין כאָר. אָט די דאָזיקע פּאַרויסיקע קעגן־באַציִונג האָט פאַרנומען בײַ אים דעם אויבנאָן בעתן רעאַגירן. און דאָס איז אַ שאָד. דאָס נישט באַוויזן אָפּצושיידן פאָראורטייל פון גערעכטע אויסזעצונגען, פּסלט טיילוויז די ערנצטקייט פון זײַן שטעלונג. צום באַדויערן איז נישטאָ גאָרנישט קיין אָריגינעלס אין זײַן מיינונג. אַפילו דער וואָקאַבולאַר, וואָס ווערט באַנוצט זי אויסצודריקן, איז אַן אַנטליִענער. צו זײַן אָריגינעל וואָלט ער פּערזענלעך געדאַרפט זײַן באַקאַנט פון דער נאָענט מיט דעם ייִדן און מיט דעם ייִדן־פּראָבלעם.

דער גאַנצער ענין ייִדן־אַרײַנוואַנדערונג, ווי ער האָט זיך אויסגעוויקלט, רופט בײַ אים אַרויס אַ חשד. אין אַ צײַט פון אַ קאַטאַסטראָפאַלן קריזיס, ווען מענטשן אַנטלויפן צו ראַטעווען זיך ממש פון הונגער, קומט אַ וועלטבאַרימטער ייִדישער געלטמענטש, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען ווי דער ביבלישער ייִדן־באַפרײַער און קלײַבט אויס די אַרגענטינער רעפּובליק אויף אַרײַנצופירן אַהער די ייִדן פון יציאת רוסלאַנד ווי אַמאָל קיין כנען נאָך יציאת מצרים. דאָס אויסוויילן אַרגענטינע ווי אַ פּלאַץ צו באַזעצן ייִדן קומט פּאַקטיש פאַר אונטער דער ווירקונג פון דער זעלביקער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די רעגירונג האָט פאַרשפּרייט איבער די אייראָפּעיִשע לענדער און האָט באַוועגט דאָרטיקע מוניציפּאַליטעטן אַהערצושיקן דעם ערגסטן מענטשן־עלעמענט. אַוודאי ווערט עס לאַצינאַן אויפפאַלנדיק. קומט אַן אַ נײַער עקספּלואַטאַטאָר? קומען נײַע לײַדיק־גייערס און פּאַראַזיטן? וועט זיך נישט איבערחזרן דאָס אייגענע וואָס עס איז נאַרוואָס געשען ווי אַ פּועל־יוצא פון דער רעגירונגס טעות־דיקער אימיגראַציע־פּאָליטיק? לאַצינאַ האָט פאַר דעם מורא און ער שרײַט עס אויס. דערפאַר דער שטרענגער טאָן. אָבער ער איז דאָ דורכויס קאָנסעקווענט מיט זײַן שטאַנדפּונקט און זײַן גאַנצן אײַנשטעל. קומען דאָך ייִדן אין גרעסערע צאָלן, דאַרפן זיי דאָך ווערן אַן אינטעגרירנדיקער טייל פון דער זיך פאָרמירנדיקער באַפעלקערונג. איז עס נישט, חלילה, אַן אָנהייב פאַר אַ נײַעם דורכפאַל?

לאַצינאַ איז גראַד גרייט אויפצונעמען ייִדן מיט אָפענע אָרעמס, אויב זיי זײַנען בעלי־מלאָכות און אַגריקולטאָרן. ער זאָגט עס קלאָר און דײַטלעך. און מיר דאַרפן אים גלייבן. האָבן מיר דען פאַר וואָס צו צווייפלען? פון דעם דאָ אַרויסגעבראַכטן ווערט קלאָר, אַז נישט. בפרט נאָך, אַז דאָס לאַנד נייטיקט זיך אין אָט אַ

דעם אַ מין פּראָדוקטירנדיקע מענטשן ווי אין לעבן. וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז אים ווער עס איז דער פויער און דער אַרבעטער? אָבער דער שם, וואָס פאַרלויפט יידן כסדר פאָרויס דעם וועג, צווינגט אים צו וואָרענען קעגן זיי. וואָכערערס, שווינדלערס, פּראָצענטניקעס, ליידיק־גייערס — דעם אַ סאָרט תושבים האָט דאָס לאַנד גענוג, איבער גענוג. זיי האָבן דאָס געהאָלפן ברענגען דאָס לאַנד צו אַ רוינע. זיי האָבן גורם געווען דעם עלנט און די נויט און דעם אַרויסוואַנדער. זיי זיינען די גרעסטע פּלאָג פאַרן לאַנד. די שווערסטע שאָדנס טוען זיי אָן דער באַפעלקערונג. זיי זיינען עס די „וואָכערערס, וואָס שפּרייטן אויס זייערע נעגל אויף צו שטעלן בדיל הדל טויזנטער משפחות״, וואָס לאַצינאַ דערמאָנט אין סאַמע אָריינפיר פונעם אָפּזאָץ בשייכות דער יידן־אימיגראַציע. זיי שטערן עס אין דער אמתן דעם נאַטירלעכן פאָרשריט פונעם לאַנד. זיי, די דאָזיקע לייט, און ניט עמעצן אַנדערש, איז אייגנטלעך געווידמעט דער פּאַראַגראַף, ווי עס ווערט גערעדט וועגן באַראָן הירשס אונטערנעמונג. נעמט, אויף טשעקאַוועס, און לייענט דורך אויפמערקזאַם דעם גאַנצן אָפּשניט און זעט, אַדרבא, אויף וועמען ער טייטלט דאָרט. ווייזט ער דען נישט געננוי אָן אויף די היימישע דרייקעפּ און פּראָצענטניקעס, וואָס מיט זיי האָט עס געשווינדלט און געגריבלט, ווען ער ספּעציפיצירט „די נישט געמלטע כודיאָס פון פּראָפעסיע״, וואָס זייער וווקס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער פאָלקס־צרה? אוודאי זיי! דאָ איז כולל דאָס וואָרט „כודיאָ״ אַלע יענע לגנאַיישע טייטשן און סינאָנימען, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט פריער, בעתן דערקלערן דעם טערמין. זיכער, דאָס באַנוצן דאָס דאָזיקע וואָרט וואַרפט אַ ביסל אַ חשד פון עפּעס פניותדיקס. אָבער עס איז געזאָגט אויפן חשבון פון די היגע וואָכערערס און שאַכער־מאַכערס. אויף זיי גיסט ער אויס זיין כעס און צאָרן.

נאָר אויב אַפילו די פיילן זאָלן זיין געצילט קעגן די יידן, טרעפט נישט דער שאָס בלויז אין זיי אַליין.

אין דער אמתן שאַנעוועט ער נישט קיינעם אינעם אָפּזאָץ, וואָס איז געווידמעט די יידן. אַפילו די רעגירונג שנייַדט דאָ אָפּ שלעכט, כאָטש ער רופט זי נישט אָן דירעקט ביים נאָמען. בלויז איר כבוד ווערט אָנגערירט און נאָר איר אויטאָריטעט ווערט גרינגגעשאַצט בעת לאַצינאַ גיט זיך אַ זאָג, אַז דער באַראָן הירש האָט אויסגעקליבן די אַרגענטינער רעפּובליק צו שאַפן אין איר אַ נייע פּאַלעסטינע, ווייל ער איז זיכער, אַז דאָ וועלן נישט זיין קיין מניעות דאָס דורכצופירן. דאָס איז אַ פאַרסמטע פייל וואָס איז געצילט און וואָס טרעפט דער רעגירונג גלייך אין האַרץ אַריין. מיר האָבן שוין געזען, אַז צו דער רעגירונג האָט ער אַ סך טענות.

נאָך די זאַכלעכע טענות אַרום דעם פּראָבלעם אימיגראַציע און פינאַנץ־פּאָליטיק שאָקירט באמת דער פּאַראַגראַף אַרום יידן־קאָלאָניזאַציע. ווען לאַצינאַ וואָלט געהאַט געדולד אָפּצוּוואַרטן אַ ביסל, אָדער ווען ער גיט זיך די מי צו אינפאָרמירן

באַלד אויפן אָרט, וואָלט ער זיך דערוווּסט, אַז די ווײַט גרעסטע מערהייט אײַנגע־וואַנדערטע ייִדן זײַנען אַגריקולטאָרן און די איבעריקע זײַנען בעלי־מלאָכות: אַז אַלע זײַנען ערלעכע, מאָראַלישע און רויִקע מענטשן; אַז זייער ציל איז נישט צו באַשעפטיקן זיך מיט וואָכער, נאָר זיי האָבן אַן אידעאַל: לעבן בכבודיק פון אייגע־נער פּראַצע ווי ערדאַרבעטער אָדער בײַ ערד. אַגב, הלוואַי וואָלטן דאָס שפּעטער געהאַט פאַרשטאַנען די אַלערליי ייִקאַ־אינסטאַנצן און וואָלטן באַוויליקט צו קאָלאָ־ניזירן אויך די קינדער פון יענע ערשטע אימיגראַנטן! די ייִדישע קאָלאָניזאַציע וואָלט זיכער געוואָרן אַ דערפאָלג.

וואָס שײַך דעם קלער און די אַלע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן אויסגענוצט לאַצי־נאַס אַרויסזאָגונגען ווי פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדן — זיי האָבן בעסער געדאַרפט דער־ציילן, אויב זייער זאָרג פאַר דער צוקונפט פון לאַנד איז געווען באמת אויפריכטיק, אַז די נישט־געמלטע פּראַצענטניקעס, אויף וועלכע לאַצינאַ טײַטלט אַזוי אָנקלאָגע־ריש, אַז אָט זיי זײַנען דעמאָלט געווען די גרעסטע סכנה פאַר דער גאַנצער סביבה. זיי האָבן פשוט באַראַבעוועט פרידלעכע, אַרבעטזאַמע מענטשן, געשטעלט זיי בדיל הדל צום שאָדן פאַר דער באַפעלקערונג און פאַר דעם לאַנד.

די ערשטע פּאָזיטיווע מיינונג וועגן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. געדרוקט אין דער צײַטונג „לאַ נאַסיאָן" אין יאָר 1898

די ייִקאַ האָט אין יאָר 1892 געגרינדעט אין דער פּראָווינץ ענטער־ריאָס די קאָלאָניעס קלאַראַ און סאַן־אַנטאָניאָ. זיי האָבן פאַרנומען אַ שטח פון 80,265 העקטאַר די ערשטע און 22,386 העקטאַר — די צווייטע. אַהינצו זײַנען אַראָפּגע־בראַכט געוואָרן אַ טייל משפחות פון מאָגיגאָטעס און פּאַלאַסיאָס און די פּאַמפּיסטן. מיט זיי האָט מען באַזעצט עטלעכע און צוואַנציק דערפער און גרופּעס. דער באָדן איז געווען אַ פּרוכטיקער, צוגעפּאַסט פאַר אַגריקולטור און פיך־האָדעוואַניע. עס האָבן אָבער אויסגעפעלט טעכניש־אַגראָנאָמישע און פּראַקטישע מיטלען, וואָס זאָלן אַרויסהעלפן די נײַע, אומבאַהאַוונטע עלעמענטן, וואָס דאַרפן ווערן ערדאַרבעטער. גאָר אַ סך פון זיי האָבן נישט געהאַט די מינדסטע ידיעה אין אַגריקולטור און האָבן דעריבער בכלל נישט געוווּסט פון וואָס עפּעס אָנצוהייבן טאָן.

פאַר דעם באַראָן הירש איז עס נישט געווען קיין סוד און די ייִקאַ האָט עס אויך געוווּסט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די ערשטע אויפגאַבע בעתן קאָלאָניזירן די מענטשן, אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען און דורכויס נישט קיין צו־געגרייטע פאַר דעם געפּלאַנטן שטייגער לעבן, וועט דאַרפן זײַן אויפצופּאַסן אויף זייערע נחלות און אײַנשטעלן אַ פּאַסיקן אַפּאַראַט פּראַקטישע אָנגעשטעלטע, וואָס

זאָלן מחנך און מדריך זײַן די שפּאָגל נײַע קאָלאָניסטן אין עבודת־אַדמה, ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען ווי אַליין אָנצופירן מיט די ווירטשאַפטן און זיך צוגעווינען צו דער נײַער סביבה.

דאָס אײַנאָרדענען זיך איז צוגעגאַנגען שווער, מחמת דעם, וואָס אין די ער־שטע עטלעכע יאָר זײַנען געווען אַ סך איבערשלאָגן. אָט איז געקומען דער היישעריק און האָט אַ תל געמאַכט פון גאַנצן פּאַרזיי, אָט האָט עס זייער אַ סך גערעגנט און אָט ווידער האָבן גרויסע טריקעניש אַלץ חרוב געמאַכט; מגפות אויף פיך און אויף עופות האָבן אויסגעלייגט די אויסגעפּלאָדעוועטע שטוביקע בעלי־חיים. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געוועקט פּעסימיסטישע געדאַנקען אין די אומגעניטע ייִדישע פּויערים, וואָס האָבן נישט געקענט זען קיין פּרוכט פון זייער שווערער מי און זײַנען דערוויַיל געוואָרן בעלי־חובות איבער די אויערן. ווי אַ צושפּיל האָט אויך דער קלימאַט געווירקט נישט גוט אויפן געזונט און עס זײַנען נאָך געווען אַנדערע סיבות, וואָס האָבן פאַרשאַפט צרות.

איז אויב דאָס האָט נישט פאַרפולט דעם בעכער פון לײַדן און פּײַן, האָט נאָך די ייִקאָ צוגעגעבן דאָס איבעריקע פון איר זײַט. די ייִקאָ־אָנפירערשאַפט האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער ביטערער לאַגע און האָט געמאָנט די יערלעכע ראַטעס ליַיטן קאָנטראַקט. אין גאָר אַ סך פאַלן זײַנען די אַדמיניסטראַטאָרס זיך באַגאַנגען זייער אוממענטשלעך מיט דעם אָנגעליטענעם קאָלאָניסט, אַזוי אַרום האָט דער נאָכ־אַנאַנד געפּלאָגטער ייִדישער פּויער געלעבט אין אַ כּסדרדיקן קריזיס עקאָנאָמיש, פיזיש און גײַסטיק.

דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען האָט משפּיע געווען לרעה אויפן גאַנצן סיסטעם פון דער קאָלאָניזאַציע און ספּעציעל דירעקט אויף די קאָלאָניזירטע. דער אָנגעסטי־קער מצב האָט אָפט געבראַכט צו פאַרצווייפלונג און געשטעלט פאַר נסיונות. אָבער צו קיין עקסטרעמען איז עס פון דעסט וועגן נישט דערגאַנגען. די שטאַרקערע, די אידעאַליסטן, זײַנען בײַגעשטאַנען די שווערסטע נסיונות. די שוואַכערע ווידער, די וואָס האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן, האָבן פאַרלאָזט די טשאַקרעס. קיין בייז איז עס אָבער נישט געווען, ווײַל די קאָלאָניעס גופא האָבן פון זייער אַרויספאַר נישט געליטן. פאַר יעדער אָפּגעליידיקטער טשאַקרע האָט זיך גלײַך באַוויזן אַ נײַער קאַנ־דידאַט זי צו פאַרנעמען. די קאָלאָניעס זײַנען דעריבער געבליבן גאַנץ און פול באַ־זעצט אויך דערנאָך. אָבער דער קאָלאָניזירטער עלעמענט איז דערפון געוואָרן גע־קליבענער און אויסגעפּרוּווטער.

נאָר נישט געקוקט אויף די אַלע נאַטור־אַנשיקענישן און די שוועריקייטן, וואָס דער גרעסטער רוב קאָלאָניסטן איז סטאָיִש אויסגעשטאַנען אין די בראשית־יאָרן און נישט געאַכט אויף דער וואַקסנדיקער צאָל פאַראינטערעסירטע צו באַזעצן זיך אויף ערד, האָבן די היגע אַנטיסעמיטן אָן אויפהער געליאַרעמט, אַז ייִדן טויגן נישט

פאַר קאָלאָניזאַציע. און אָפט מאָל האָבן אַפילו יק״אַ־אָנגעשטעלטע זון אייגענע שונאים זיך באַנוצט מיט די דאָזיקע סברות...

אָבער פונקט ווי די קלעפ אויפן פעלד האָבן נישט אָנגערירט די קאָלאָניזאַציע ווי אַ גאַנצע און פונקט ווי די שלעכטע באַציונג מצד יק״אַ־אָנגעשטעלטע האָט נישט דעמאָראַליזירט דעם פויער, אַזוי האָבן אויך די ביייזוויליקע גערייידערייען פון יידן־פיינד און היימישע שונאים געלאָזט גאַנץ קאַלט און גלייכגילטיק דעם יידישן קאָלאָניסט.

בלויז פון איין צרה האָבן די קאָלאָניסטן געליטן צום מערסטן, און אָט אַ די צרה האָט שיער־שיער גורם געווען, אַז די קאָלאָניזאַציע זאָל אין גאַנצן דורכפאַלן.

די נאַטירלעכע גרענעץ, אין דער מערבדיקער זייט, צווישן דער קאָלאָניע קלאַראַ און דעם נישט־יידישן באָדן, איז דער טייך גוואַלעגוויי. פון ביידע זייטן טייך, כמעט איבער דער גאַנצער לענג פון דער פּראָווינץ, ציען זיך גרויסע וועלדער. אַ טייל פון די וועלדער געהערט צו די מאָנטיעלס, אַ גרופּע לאַטיפונדיסטן, „קאַודיזשאָס“ (4) פון דער רעאַקציאָנערער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וועלכע איז אין יענער צייט געשטאַנען ביים רעגירונגס־רודער. אין די וועלדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן געפערלעכע באַנדעס גאַוטשן (5), וואָס האָבן געמאַכט אַ לעבן אויסשליסלעך פון רויב און מאָרד. קיין אַנדער ברירה האָבן זיי נישט געהאַט, ווייל זייערע באַלעבאַטים, די מאָנטיעלס, וואָס האָבן זיי אויסגענוצט צו היטן דאָס פיך און צו צוימען די ווילדע פערד און אָקסן צו דער אַרבעט, האָבן זיי נישט געצאָלט קיין לוין, נאָר זיי געגעבן פרייהייט צו ווילדעווען אויף זייער שטייגער.

ווי נאָר די יידישע קאָלאָניסטן האָבן זיך אָנגעהויבן איינצואָרדענען, האָט דער דאָזיקער עלעמענט זיך גענומען צו דער „אַרבעט“. העגט האָבן אפשר אויסגעפעלט, און אַזעלכע געשיקטע בריות אויף צו צוימען די ווילדע אָקסן און פערד זיינען אוודאי געווען געווונטשן. אָבער די קאָלאָניסטן האָבן נאָך נישט פאַרמאָגט קיין מזומן געלט אויף צו צאָלן פאַר אַרבעט: זיי אַליין פלעגן אָפט אונטערהונגערן. דערצו נאָך האָט מען פאַר די גאַוטשן מורא געהאַט. די יידן האָבן געוווּסט פון פּראַקטיק, אַז זיי האָבן אין פּאַלאַסיאָס און אין מאָניגאָטעס באַגאַנגען גרויסע רציחות. אין דער קאָלאָניע ראַכיל, פון קלאַרער געגנט, האָט זיך באַזעצט די משפחה גערשונאָוו, וואָס איז אַרי־

---

(4) קאַודיזשאָ — אַן אָנפירער פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי אָדער פון אַוועלכער עס איז אַנדער אָרגאַניזאַציע.

(5) גאַוטש (גאַוטשאָ) — געבירטיקער וואַגאַבונד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איגנאָראַנץ. דערצויגן אויף דער פרייער אַרגענטינער נאַטור, אין די וועלדער און פעלדער, איינגעלעבט מיטן פיך, בטבע אַ פלינקער. איז גענייגט צו דינען געטריי אָבער אויך געשווינד צו טאָן די גרעסטע רציחות אין גאַנצן אָנגעוויסנדיק.

בערגעקומען פון דער קאָלאָניע פּאַלאַסיאָס. איינעם פון דער דאָזיקער פאַמיליע, דעם פאָטער פון דעם שפּעטער באַוווסטן אַרגענטינער שריפטשטעלער אַלבערטאָ גערשונאָוו (6), האָט דאָרט אַ גאַוטש דערשטאָכן אויף אַ באַרבאַרישן אופן.

די דאָזיקע ווילדע גאַוטשן האָבן אין די ענטרעריאָסער קאָלאָניעס דערשטאָכן עטלעכע קאָלאָניסטן און אַפילו אויך גאַנצע משפּחות. זיי פלעגן באַפאַלן די הײַזער, ראַבעווען און מאָרדן, גנבענען קי, אָקסן און פערד. קעמפן קעגן זיי איז געווען כמעט אוממעגלעך. די פּאָליציי, קליין אין צאָל, האָט זיך נישט געוואָלט אײַנרײַסן מיט די לײַט פון דער אונטערוועלט. און עס איז אַ סברה, אַז אויך זי איז געווען פאַרמישט אין די גנבות. די פּאָליציי־מאַכט פון וויזשאַגווײַ און די רעגי־רונגס־אינסטאַנצן האָבן זיך וועגן דעם נישט געקימערט און די מערדערס נישט באַשטראָפט. די קאָלאָניסטן האָבן מחמת דעם געמוזט אַליין האַלטן וואַך. אָבער צו באַשיצן זיך קעגן אַזאַ געפערלעכער באַנדע איז דאָס געווען ווייניק. די קאָלאָניע איז מיד געוואָרן צו לעבן אין אַזאַ שרעקלעכער סכנהדיקער לאַגע, און עס האָט זיך צו ביסלעך אָנגעהויבן אַן אויסוואַנדערונג. ערשט נאָך אַ שוידערלעכער פּאַסירונג אין ראַכיל, אין שכנות מיט די גערשונאָווס, האָט זיך די לאַגע געביטן. דאָס איז געשען אַדאַנק דעם, וואָס די בוענאָס־אײַרעסער צײַטונג „לאַ נאַסיאָן" האָט זיך אײַנ־געשטעלט פאַר דער קאָלאָניע.

דעם 26סטן מאַרץ פון יאָר 1898 האָבן צוויי וואַגאַבונדן דערשטאָכן בײַם קאָ־לאָניסט אברהם ניימאַן צוויי קינדער: אַ יינגל פון 14 יאָר און אַ מיידל פון 12 יאָר. דער פאָטער מיט אַ מיידעלע פון 8 יאָר האָבן זיך געראַטעוועט דורך אַ צופאַל. דער דאָזיקער מאָרד האָט אויפגערודערט די קאָלאָניע און אויך די קריסטלעכע שכנים פון אַרום. אַלע האָבן פאַרלאַנגט פון דער פּאָליציי מען זאָל מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער טרויעריקער סיטואַציע. די מאָרדן און די איבערפאַלן האָבן זיך אי־בערגעחזרט צו אָפט און די פאַרברעכערס פלעגן כמעט תמיד אַרויס אומבאַשטראָפט. עס איז דעריבער געווען נייטיק איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו רעאַגירן. מען האָט אויך טעלעגראַפירט צו די צײַטונגען וועגן דעם לעצטן געשעעניש. דאָס טאָגבלאַט „לאַ נאַטיאָן" האָט פאַרגעבן אירן אַ פאַרטרעטער פון פאַראַנאַ די אויפגאַבע אויס־צופאָרשן דעם ענין דירעקט אויפן פלאַץ, זיך דערוויסן ווער און וואָס איז גורם די

(6) דער באַקאַנטער יידיש־אַרגענטינער שרײַבער אַלבערטאָ גערשונאָוו האָט פאַרבראַכט זײַנע קינדער־ און יוגנט־יאָרן אין דער קאָלאָניע ראַכיל. די סביבה פון דער דאָזיקער קאָלאָניע האָט ער שפּעטער געגומען ווי אַ טעמע פאַר זײַן באַרימטן בוך „די יידישע גאַוטשן". איידער די דערציי־לונגען און מיליע־שילדערונגען זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ בוך, האָבן זיי זיך געדרוקט קאַפּיטלעכווײַז אין דער זעלביקער צײַטונג — „לאַ נאַסיאָן" — וווּ מיט אַ סך יאָרן פריִער איז דער־שינען דאָס אַרטיקל, וואָס איז דער אָביעקט פון אונדזער באַלדיקער באַטראַכטונג.

אַלע מאָרדן, דערגייען די סיבות פון דער הפקרות, וואָס עס הערשט אין דער פּראָ־ווינץ און פאַר וואָס זיינען די יידישע קאָלאָניעס די קרבנות פון די באַרבאַרן.

אַדורכצופירן דאָס שליחות פאַר „לאַ נאַסיאָן" איז אויסגעפאַלן אויף דעם הער וועססלאַוא גאַלאַן. פון דעם אופן, ווי ער באַהאַנדלט דאָס געשעעניש קען מען קלאָר אײַנזען, אַז ער איז געווען אַ פּראָגרעסיוו־ליבעראַלער מענטש מיט אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ. גאַלאַן האָט ריכטיק באַנומען, אַז דאָ איז וויכטיק נישט נאָר דאָס סענסאַציאָנעל פּאָליציייִשע, וואָס פּאַדערט באַשרייבן בלויז ווי דער רויב און מאָרד זיינען דורכגעפירט געוואָרן. אים איז ממש געגאַנגען אין לעבן זיך צו דער־גרונטעווען צום סאַמע שורש פון אַ צושטאַנד, וואָס פאַר אים איז עס געווען אַ רעטעניש און וואָס פאַר אַ רעכט־דענקנדיקער מענטש קען צו אים נישט בלייבן גלייכגילטיק: מ'פירט דורך רציחות און די מערדער גייען פּראַנק און פריי אַרום אָדער, העכסטנס, קומען זיי אָפּ לפנים אַ קורצטערמיניקע תפיסה־שטראָף. ער האָט, ווײַזט אויס, אויך געוואָלט אין איין וועגס אויסטיילן די יידישע קאָלאָניזאַציע און אַרויס־הייבן דעם מענטשן־עלעמענט. און דאָ האָט ער געפונען די פּאַסיקע געלעגנהייט דאָס צו טאָן.

פון איין זײַט האָט ער געזען ווי אַ גרויסע פּוסטע און וויסטע געגנט איז אין אַ קורצער צײַט, במשך קוים פינף יאָר, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדיקן יישוב. דאָס איז דער אויפטו פון אַ קולטורעלן, רירעוודיקן און פּראָדוצירנדיקן ציבור, וואָס אַקערט, זייט, מיט זיך, שאַפט, בויט, גיט אַרבעט אַ גרויסער צאָל פּערזאָנען, צאָלט שטייערן, באַפּעלקערט און באַגינציקט דאָס לאַנד סאָציאַל און עקאָנאָמיש. פון דער צווייטער זײַט, ווידער, האָט ער געזען, ווי דאָס אַלץ ווערט צעשטערט דורך עמעצן כמעט ווי בכיוון און, ווי עס ווײַזט אויס, מיטן מיין צו טאָן שאָדן דער דאָזיקער רויקער, אַרבעטזאַמער עדה, און דאָס איז, במילא, צום שאָדן אויך פון לאַנד און פון דער פּראָווינץ גופא.

כדי די זאַך אויסצופאָרשן גרינטלעך און צו באַקענען זיך מיט אַלע איינצלהייטן, פאָרט גאַלאַן אַרום איבער די קאָלאָניעס און שמועסט מיט אַ גרויסער צאָל קאָלאָ־ניסטן. ער באַקענט זיך פון דער נאָענט מיט די יידנס מנהגים, קולטור, בילדונג און מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן און אַקטיוויטעטן. ער אינפאָרמירט זיך, פאָרשט, אַנאַליזירט און מאַכט אויספירן, און קומט לסוף צום באַשלוס, אַז די יידן בירגערן זיך איין, נאָר גלייכצייטיק צוזאַמען מיט זיי בירגערט זיך אויך איין אַ יידן־פראַגע, און אַז וועגן דעם דאָזיקן צושטאַנד איז נייטיק צו געבן עפנטלעך אַ דערקלערונג און מאַכן אַן אָנקלאָג.

און גאַלאַן האָט זיין שליחות דורכגעפירט ערנהאַפטיק. ווי נאָר ער האָט פאַר־ענדיקט זיין אַרבעט אויפן אָרט פון די געשעענישן, האָט ער געשיקט צו דער צייַ־טונג אַ גאַנץ אויספירלעכן באַריכט. די קאָרעספּאָנדענץ איז געדרוקט געוואָרן דעם

13טן אַפּריל פֿונעם יאָר 1898 (7). זי באַרירט פֿיר הויפּטפּונקטן: 1) די מאָרדן און אַנדערע קרימינעלע פֿאַרברעכנס און אָנפֿאַלן אין די ייִדישע קאָלאָניעס און אין דער פּראָווינץ; 2) דאָס בלײַבן אומבאַשטראָפֿט, אָדער כמעט אומבאַשטראָפֿט, פֿון די רוצחים; 3) די קנאַפּע פּאָליציייִשע שמירה אין די ייִדישע קאָלאָניעס, ווי אַן אויסדרוק פֿון אַן אויגנשײַנלעך שלעכטן רעגירונגס־אָנפֿיר; 4) אַ באַשרײַבונג פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין דער קלאַרער געגנט און דאָס אַרויסהייבן איר ווערט און וויכטיקייט.

קנאַפּע צוויי־דריטל פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ איז געווידמעט די איבערפֿאַלן, גנבות און מאָרדן. דער קאָרעספּאָנדענט פֿאַרצייכנט דאָרט יעדן פֿאַל באַזונדער מיט גענוג איינצלהייטן אויף צו קענען זיך שאַפֿן אַ קלאָר בילד פֿון דער ווירקלעכקייט. נאָך יעדן פֿאַל האָט ער אַ געלעגנהייט צו מאַכן אַ באַמערקונג, וואָס איז ממש אַן אָנקלאָג קעגן די פֿירנדיקע מלוכה־אינסטאַנצן פֿון דער פּראָווינץ. ער קאָן קאָנסטאַטירן, למשל, אַז „וואָס שײַך דעם מערדער, דער וואָס האָט אַרײַנגעשטאָכן דאָס מעסער, ער איז אַרויס אויף דער פֿרײַ נאָכן אָפּזיצן אַ יאָר מיט חדשים. דעם מיטשולדיקן האָט מען נישט באַלעסטיקט", אָדער „אין אַ קורצער צײַט איז דער רוצח אַרויס אויף דער פֿרײַ".

דאָס לענגסטע פּלאַץ אין דאָזיקן טייל באַריכט גיט ער אָפּ דער רציחה איבער נײַמאַנס קינדער. עס פֿאַרנעמט מער אָרט ווי אַלע איבעריקע פֿאַלן צוזאַמענגענומען, אַזוי פּרטימדיק איז עס געצייכנט. די שטאַרקסטע נערוון קענען ווערן צעשיטערט פֿון דער באַשרײַבונג אַרום דעם עפּיזאָד. די סצענע פֿון דורכפֿירן דאָס מערדערײַ ווערט געשילדערט מיט אַלע דעטאַלן (8). גאַלאַן איז זיך סומך אויף דעם וואָס איינער פֿון די רוצחים האָט זיך מודה געווען בשעת דער אויספֿאָרשונג, אויך אויף די דערקלערונגען פֿונעם געשטאָכענעם, וואָס האָט נאָך געלעבט עטלעכע טעג און אויף זײַן פֿאָטערס באַשטעטיקונגען. גאַלאַן דערציילט אויך, אַז די קאָלאָניסטן האָבן געוואָלט לינטשן איינעם פֿון די מערדער, ווען מען האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל אַרײַן צו ניימאַנס גוססדיקן זון. דאָס איז אַ קלאָרער רמז, אַז זיי האָבן זיך נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן אויפֿן יושר פֿון דער אָפֿיציעלער מאַכט. נאָר אַדאַנק דעם אַרײַנ־

(7) "El horrendo crimen de los hermanos Neuman y la descripción de la Colonia Clara", correspondencia del enviado especial, señor Wenceslao Galan; publicado en el diario "La Nación", de Buenos Aires, el 13 de abril de 1898.

(8) מער פּרטים וועגן דאָזיקן מאָרד זען אין מײַן אַרבעט „די פּערזענלעכקייט און עפּאָכע פֿון ד"ר נח ירחי", געדרוקט אינעם „ד"ר ירחי־בוך", וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן אַ קאָמיטעט צו באַערן דעם אָנדענק פֿון ד"ר ירחי צו די פֿערציק יאָר נאָך זײַן פּטירה. דאָס בוך איז דערשינען אין בוענאָס־אײַרעס אינעם יאָר ה'תשי"ב — 1953, עס האָט 311 זײַטן טעקסט אין ייִדיש און 169 זײַטן אין שפּאַניש. די דערמאָנטע אַרבעט פֿאַרנעמט די זײַטן 213—267.

מישן זיך פונעם מעדיקער און דעם אַדמיניסטראַטאָר איז געלונגען אָפּצוהאַלטן די אויפגעבראַוזטע מאַסע.

וועגן דער אַלגעמיינער שטימונג, וואָס עס הערשט אין דער קאָלאָניע, רעדן די וויַיטערדיקע זאַצן, וואָס מיר נעמען פון די לעצטע פּאַראַגראַפן אַרום דאָזיקן גרוילנדיקן געשעעניש:

„איך גלייב, אַז עס האָט נישט קיין פּעולה צוצוגעבן, אַז די קאָלאָ־ניסטן פון קלאַראַ זיַינען שטאַרק אויסער זיך. אַ סך האָבן נעכטן גערעדט וועגן אַוועקפאָרן, מחמת דעם וואָס עס פעלן גאַראַנטיעס פאַר זייערע אינ־טערעסן און לעבנס. — — —

„מיר איז באַקאַנט, אַז מען פּלאַנעוועט אַ גרויסן מיטינג און פון דאָרט זאָל אַרויס אַ פּעטיציע, געחתמעט פון אַלע קאָלאָניסטן. די פּע־טיציע וועט גיין צו דער העכסטער רעגירונגס־אינסטאַנץ פון דער פּראָווינץ מיטן מיין צו פאַרלאַנגען די פאַרברעכער זאָלן ווערן באַשטראָפט און קריגן אויף להבא גאַראַנטיעס פאַר די אינטערעסן און פאַרן לעבן פון די קאָ־לאָניסטן".

„און דאָס זיַינען נישט די איינציקע פאַרברעכנס, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין קלאַראַ" — זאָגט דער באַריכט־אָפּגעבער וויַיטער און נאָכן אויסרעכענען נאָך עט־לעכע אומבאַשטראָפטע מערדערײַען קעגן יידן, פאַרענדיקט ער:

„און צו דעם אַלעמען דאַרף מען נאָך צוגעבן פאַרשיידנערליי מי־נים גנבות, הונדערטער פאַרשווונדענע שטיקלעך פיך און מען וועט שוין האָבן אַ באַגריף פון דעם אַלעמען, וואָס עס געשעט אין יענע קאַנטן, וואָס זיַינען ווערט אַ בעסער מזל".

דאָ גייט דער קאָרעספּאָנדענט איבער צו אַלגעמיינע באַטראַכטונגען, וואָס זיַי־נען אויסן אויסצוגעפינען די סיבות פון דער הפקרות. ער פרעגט זיך און ענטפערט תיכף:

„נו, הכלל, צו וואָס דאַרף מען צושריַיבן אַזאַ קלאָגעדיקן מצב?

„זיכער צו צוויי זאַכן: צו דער אומבאַשטראָפלעכקייט, וואָס שיצט די שלעכטסטוער און צו דעם אויספעלן פון פּאָליציי.

„וועגן דער אומבאַשטראָפלעכקייט האָבן מיר בערג מיט באַוויַיזן, עס שפּאַצירן אַרום איבער אייניקע שטעט, זיַיט בײַ זיַיט מיט די מענטשן, פאַרשוינען, וואָס האָבן דורכגעפירט צען, עלף און צוועלף פאַרועטערישע פאַרברעכנס. נישט לאַנג צוריק ווערט דורכגעפירט אַ פאַרברעכן אין נאָ־גאָזשאַ; עס פאַלן אַריַין אין דער געפענקעניש דער קרימינאַלניק און זיַין אַרויסהעלפער; ביידע זיַינען זיך מודה מיט אַלע פּיטשעווקעס און קלי־פּערלעך און מיטן גאַנצן ציניזם: איינער אין זיַין פאַרברעכן, דער אַנדערער

— אין זײַן אַנטײל. איך באַצי מיך אויפֿן גרויליקן פֿאַרברעכן אין טשיקיע־ראַס, אויף דער דערמאָרדונג פֿון דעמעטריאָ וויוועס און דאָס פֿאַרברענען דעם הרוג. דער מיטשולדיקער, וואָס האָט געהאָלפֿן שלעפּן וויוועסעס גוף פֿון דעם פּלאַץ וווּ מען האָט אים געטויט ביז דעם אָרט וווּ מען האָט אים פֿאַרברענט, איז אַרויס אויף דער פֿרײַ צו די 15 טעג נאָך דעם ווי די פּאָליצײַ פֿון נאַגאַזשאַ האָט אים איבערגעשיקט קיין פּאַראַנאַ.

„לאָמיר איבערמישן דאָס בלאַט און אַ קוק טאָן אויף דער פּאָליציי״.

דאָ גייט גאַלאַן דירעקט איבער צו באַרירן דאָס פּראָבלעם פּאָליציי־שמירה אין דער קאָלאָניע קלאַראַ. יעדעס וואָרט איז דאָ אַ שווערע באַשולדיקונג. אָבער נישט קעגן דער פּאָליציי, נאָר קעגן דער רעגירונג פֿון דער פּראָווינץ. גאַלאַנס שטעלונג צו דער ענטרע־ריאָסער רעגירונג און צו דער הערשנדיקער פּאָליטיק דערמאָנט אונדז לאַצינאָס שטעלונג צו דער פֿעדעראַלער רעגירונג. פֿאַראַן באמת אַן ענלעכקייט. ביידע האָבן געקעמפֿט קעגן יענער רעאַקציע און קעגן קאָרופּציע און פֿאַר דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם. די ענטרע־ריאָסער רעגירונג האָט אַבסאָלוט נישט אײַנגעזען זינען אָפּצוהיטן די לעבנס און די פֿאַרמעגנס פֿון דער באַפֿעלקערונג נישט געאַכט דערויף, וואָס איר קאָסע באַקומט אַרײַן געבוג שטײַערן פֿון די קאָלאָניזאַטאָרס און פֿון די קאָלאָניסטן און די אַרומיקע באַפֿעלקערונג קריגט דאָ צו פֿאַרדינען בײַ אַרבעט. ווייניק פּאָליצײַט, וואָס זאָלן פֿאַרהיטן פֿון פֿאַרברעכנס און די שכירות, וואָס זיי באַקומען, זײַנען געוואַלדיק נידעריקע, הונגערלוינען ממש. די באַנדעס וואַגאַבונדן און מערדערס זײַנען גרויסע. ווי קענען זיך ווייניק קעגנשטעלן אַ סך? עס פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט זייער בעסטן ווילן האָט אַ נישטיקע צאָל פּאָליציאַנטן גאָרנישט געקענט אויפֿטאָן קעגן גרויסע באַנדעס. און פֿון וואָס צו דערנערן זיך דאַרף מען דאָך אויך האָבן... בעת די געהאַלטן זײַנען נעבעכדיקע דאַרף מען צו־זוכן אַ זײַטיקן פֿאַרדינסט. גאַלאַן גיט קלאָרע אָנצוהערענישן, אַז עס איז גאַנץ וואַרשײַנלעך, אַז די פּאָליציי זאָל מיטהעלפֿן צו די רויבערײַען און מאָרדן. די יִיקאַ־אַד־מיניסטראַציע באַנעמט דעם מצב און גיט פֿון איר זײַט דער פּאָליציי אַ גרעסערע סובסידיע, בכדי זי צופֿרידן צו שטעלן און זי זאָל האָבן מער פֿליכטן לגבי דער ייִדישער קאָלאָניע. גאַלאַן זאָגט טאַקע, אַז די קלאַרער פּאָליציי איז די בעסטע באַצאָלטע.

לאָמיר איבערגעבן דאָס וואָרט דעם אויספֿאָרשער:

„די קאָלאָניע קלאַראַ, וואָס פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 37 ביז 38 טויזנט העקטאַר (*), אַ 15 לעגוועס, 45 קילאָמעטער פֿון צפֿון צו דרום און 35 —

(*) מסתמא נאָר וואָס שײַך דעם דעפּ׳ ווילזשאַגוויי. מיר גיבן אָן אויבן אַנדערע צאָלן. פֿון וואַנען עס נעמט זיך דער אונטערשייד — צי דאָס איז אַ טעות הדפוס צי דער מחבר איז נישט ריכטיק אינפֿאָרמירט — ווייסן מיר נישט.

פון מיזרח צו מערב; וואָס איר באַפעלקערונג שטייגט אַריבער די 5000 נפשות, אַלע רוסן [ד״ה יידן], אַחוץ 500 פעאָנעס [שוואַרצאַרבעטער], וואָס ווערן אָנגעשטעלט אין דער צייט פון שניט; 700 משפּחות, וואָס זיינען פונאַנדערגעטיילט אין צוואַנציק דערפער — די קאָלאָניע קלאַראַ פאַרמאָגט אין גאַנצן אַזאַ פּאָליציי: אַ קאָמיסאַר, אַ סערזשאַנט, אַ קאַוואָס און פינף סאָלדאַטן וואָס קאָסטן דעם מלוכה־קאַסע 127 פּעזעס חודשלעך.

„די [יק״א־]אַדמיניסטראַציע פון דער קאָלאָניע קלאַראַ שטיצט אונטער די דאָזיקע אַכט פּאָליציי־אָנגעשטעלטע מיט 300 פּעזאָס חודשלעך, אַרויסצוהעלפן אין די הוצאות, לאָמיר זאָגן פאַרביי־גייענדיק: ,מען זאָל זיי נישט לאָזן שטאַרבן פון הונגער און בכדי זיי זאָלן זיך אויפפירן גוט׳...

„אַכט פּאָליציי־אָנגעשטעלטע פאַר אַ שטח פון 15 לעגוועס טעריטאָריע און 5000 איינוווינער; דערצו נאָך לאַ קאַפּיזשאַ, אַ שטעטל מיט 300 נפשות; סאַן־כאַרכע — מיט 150; די סטאַציע דאָמינגעס — מיט 6 קאָמערציעלע געשעפטן, 6 עקספּאָרטהייזער און נאָך אַנדערע בנינים, וואָס דינען פאַר וווינונגען און מיט אַ טעגלעכער באַוועגונג, ווי איך האָב דאָס געזען, פון איבער 300 וועגענער באַלאָדן מיט תבואות.

„און די [יק״א־]אַדמיניסטראַציע פון קלאַראַ צאָלט יערלעך דער רעגירונג פון [דער פּראָווינץ] ענטרע־ריאָס אַ 20.000 פּעזאָס. היינטיקס יאָר האָט מען באַצאָלט שטייערן פאַר 30 געשעפטסהייזער און פּאַטענטן פאַר 30 דרעשמאַשינען; און פון דעסט וועגן האָבן זיי נישט קיין רעכט אויף מער ווי אויף 127 פּעזאָס פאַר פּאָליציי.

„און בלויז אין ענטרע ריאָס זעט מען אַזעלכע זאַכן.

„און דערצו נאָך נישט קיין מוניציפּאַליטעט, נישט קיין פרידנס־געריכט, נישט קיין אַלקאַלדיע, מיטן אויסנעם פון אַן אַלקאַלדע (9), וואָס פאַרוואַלטעט מיטן ציוויל־רעגיסטער פאַר געבורטן, ד״ה אַן אָנגעשטעלטער, וואָס נעמט בלויז אויף דערקלערונגען, מחמת די סערטיפיקאַטן גיט מען אַרויס אין דער שטאָט וויזשאַגוויי; דער דאָזיקער אַלקאַלדע וווינט מחוץ דער קאָלאָניע, אַ 50 קילאָמעטער ווייט פון דער גרענעץ.

„עס איז כדאי מען זאָל וויסן, אַז דאָס קנאַפּע ביסל פּאָליצלייט פון קלאַראַ טוט וואָס זי קען; נישטאָ קיין אָנקלאַג קעגן איר. דאָס וואָלט נאָך געפעלט: מיט 127 פּעזאָס געהאַלטן און אַ סובווענץ פון 300 פּעזאָס פעלט

(9) דער אַלקאַלדע איז אַ ציווילער און אומבאַצאָלטער רעגירונגס־פונקציאָנאַר, וואָס פירט אַ רעגיסטער פונעם מיסחר מיט פיך. ער גיט אַרויס די קויפשיינען פאַר די סוחרים און פון זיי באַקומט ער אַ געוויסן אָפּצאָל פאַר זיין טירחה. דער אַלקאַלדע פירט אויך דעם רעגיסטער פון די געבורטן און טויטפאַלן.

זיי גאַרנישט. דאָס איז די בעסט באַצאָלטע פּאָליציי פון דער גאַנצער פּראָווינץ. דאָס איז די איינציקע, וואָס קאָן לעבן און נישט..."

עס איז אַ טרויעריק בילד. נאָר נאָך טרויעריקער ווערט עס, ווען מען דער־וויסט זיך דעם ווײַטערדיקן פאַקט. עס ווערט פון אים קלאָר, אַז פריִער זײַנען גע־ווען זיבן געוויינלעכע פּאָליציאַנטן אַנשטאָט פינף, ווי עס איז איצט. אָבער היות עס איז געווען ווייניק שמירה פאַר אַזאַ שטח ווי עס פאַרנעמט די קאָלאָניע, האָט די יִיקאַ זיך געווענדט צו די פּראָווי' מלוכה־אינסטאַנצן מיט דער בקשה מען זאָל פאַרגרעסערן די צאָל. נאָר אַנשטאָט נאָכצוקומען דעם גערעכטן פאַרלאַנג האָט די רעגירונג, לאַ די וואָס זי האָט אָפּגעזאָגט די ביטע, נאָך רעדוצירט דעם פּערסאָנאַל, מיטן תירוץ, אַז זי דאַרף מאַכן עקאָנאָמיעס. די כלומרשטע אײַנשפּאָרונג האָט גע־שטעלט זיי קאָלאָניע נאָך מער אויף הפקר.

אָט ווי גאַלאַן גיט עס איבער:

„די דזשויִש קאָלאָניזיישן אַסאָסיישן האָט דורך אַ פּראָקוראַטאָר אָדער דורך אַ ממונה אין פּאַראַנאַ דערלאַנגט אַ בקשה צום מלוכה־מיניסטעריום, אין וועלכער זי בעט מען זאָל העכערן די צאָל פּאָליצלײַט פאַר די רוסישע [יידישע] קאָלאָניסטן. דער מיניסטער האָט געגעבן אַ פולשטענדיק נע־גאַטיווע תשובה; ער זאָגט, אַז די רעגירונג האָט געדאַרפט מאַכן עקאָ־נאָמיעס'. אין קנאַפּע עטלעכע חדשים אַרום האָט מען די זיבן אַגענטן רע־דוצירט צו די איצטערדיקע פינף. אַן עקאָנאָמיע פון 16 פּעזאָס און איב־טערעסן און לעבנס אויפן חסד פון גזלנים.

„דער בודזשעט פון דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס גרייכט צו 3.800.0000 פּעזאָס, וואָס ווערן פאַרוועגדט בלויז אויף צו צאָלן געהאַלטן און נישט מער. דאָס איז אַ ווויל באַקאַנטע זאַך און רעדט שוין פאַר זיך אַליין".

וואָס באַווײַזט די רעדוקציע אויף פּאָליציאַנטן בכדי אײַנצושפּאָרן נעבעכדיקע 16 פּעזאָס אין פאַרגלײַך צו אַזאַ הויכן בודזשעט, וואָס באַטרעפט 3.800.000 פּע־זאָס און איז באַרעכנט בלויז צו צאָלן געהאַלטן? דאָס באַווײַזט, אַז דער רעגירונג קימערט נישט דאָס בושעווען פון די רויבער־באַנדעס און עס אַרן איר נישט די רציחות. דאָס באַווײַזט, אַז די פיל מענטשלעכע לעבנס האָבן בײַ איר נישט קיין ווערט. עס באַווײַזט, אַז אינטערעסן פון ווירטשאַפט, פון אַרבעט און פּראָגרעס ווערן בײַ איר נישט רעספּעקטירט און צאָלער פון אַזוי פיל שטײַערן און קאָנטריבוציעס האָבן בײַ איר נישט קיין רעכט אויף דעם מינדסטן.

דער רמז אין גאַלאַנס לעצטע ווערטער קען אַרויסרופן אַ פראַגע: אויף וואָס אייגנטלעך ווערט פאַרווענדט דער גאַנצער בודזשעט? קיין תשובה וועלן מיר דאָ נישט קריגן. אפשר קען די פּרעסע פון יענער צײַט ענטפערן דערויף. עס וואָלטן

דאָרט פאַר אונדז אפשר געוואָרן אויפגעקלערט אַ סך זאַכן. אָבער דאָס געהערט איצט נישט צו אונדזער ענין.

איצט לאָמיר זען, ווי אַזוי ווענסעסלאַאָ גאַלאַן האָט געזען דאָס ווערק פונעם באַראָן הירש, די קאָלאָניזאַציע, די קאָלאָניסטן, דיווירטשאַפט, דאָס געזעלשאַפט־לעכע לעבן, די קולטור, די אינסטיטוציעס. דער קאָרעספּאָנדענט האָט אַפילו נישט דורכגעלאָזן „אַנצוטאַפּן דעם דופק" וועגן די פּאַטריאָטישע געפילן בײַ די יידישע פּויערים אין זייער נײַער היים. ס'איז באמת געווען אַ לויבנסווערטיקע אַרבעט פון זײַן זײַט אין שײַכות מיט זײַן שליחות. ער האָט עס, מעגלעך, געטאָן מיט זײַן אייגענעם פרײַען ווילן, אויף זײַן אייגענער איניציאַטיוו. פאַר אונדז איז דאָס אַן ענין פון אַ סך אַ גרעסערן באַטײַט, ווײַל ווענסעסלאַאָ גאַלאַן האָט דערמיט אָנגע־רירט אין אַ ביז גאָר קראַנק אָרט און האָט אַראָפּגעריסן די מאַסקעס פון אַ סך פאַר־שטעלטע פּנימער. אַלערליי פאַרשווינען האָבן דעמאָלט געטריבן רכילות אויף דער יידישער באַפעלקערונג. איבערהויפּט האָבן עס געטאָן די גלחים, וואָס האָבן זיך געמישט אין דער פּאָליטיק פון לאַנד און זײַנען אויף פאַרשיידענע אופנים געווען אין איר פאַר'טראָטן. ספּעציעל געווירקט האָבן זיי אין בילדונגסראַט און דאָרט געגראָבן און געהעצט קעגן די יידישע פּויערים.

ווענסעסלאַאָ גאַלאַן מאַכט אַ שפּאַר ביסל טעותים ווען ער רעדט וועגן יידן; מען קען אַפילו זאָגן, אַז ער ווײַזט אַרויס אומוויסן בנוגע זיי. יידן זײַנען בײַ אים בכלל רוסן, צו מאָל איזראַעליטן און אַפילו אַ „יודאַישע סעקטע"; יידיש לשון איז פאַר אים רוסיש. אָבער דאָס איז אַ רעזולטאַט פון באַגריפן און נישט פון פאָראורטיילן. זײַן באַציִונג איז אַ הומאַניטאַרע און ליבעראַלע. עס איז פאַראַן אַ סך וואָרעמקייט אין זײַנע רייד. ער איז אָביעקטיוו אין אורטייל, אָבער אין דער אָביעקטיוויטעט פילט מען אַרויס אַ סימפּאַטיע צום יידישן קאָלעקטיוו און צו זײַנע אויפטואונגען.

אָט וואָס גאַלאַן שרײַבט וועגן דעם לעבן און שאַפן אין די קאָלאָניעס:

„אָפּגעטאָן מײַן אַרבעט פון צושטעלן אַ ביסל ידיעות וועגן קלאַראַ, וועל איך צוגעבן נאָך אַ ביסל אינפאָרמאַציע צו דערגאַנצן דאָס פרייִער־דיקע.

„די קאָלאָניע קלאַראַ, וואָס ווערט אַזוי אָנגערופן, ווײַל דאָס איז דער נאָמען פון דער באַראָנעסע הירש, דאָס ווײַב פון דעם פאַרשטאָרבענעם פילאַנטראָפּ באַראָן הירש, נעמט אַרײַן אין זיך אַלע איבעריקע רוסיש־יידישע קאָלאָניעס, וואָס מען האָט אײַנגעאָרדנט אין דעם דעפּאַרטאַמענט ווילשאַגוואַי.

„פאַר אַ יאָרן זײַנען געווען פאַרזייט מיט ווייץ און לײַן 18.000 העק־טאַר לאַנד. די ערד האָט מען פאַרקויפט די קאָלאָניסטן אויף ביז גאָר רע־דוצירטע פרײַזן און אויסצוצאָלן אין 20 יאָר.

„דער ווייץ האָט געגעבן אין דורכשניט 8 פאַנעגעס (10) פון אַ העק־טאַר.

„דער לײַן — קוים 4 [פאַנעגעס].

„דער ווייץ איז פון ערשטער קוואַליטעט און מען האָט געצאָלט פאַר אים גוטע פּרײַזן. מען רעכנט, אַז דער שניט אין קלאַראַ האָט אַרײַנגע־בראַכט דאָס יאָר אַ זעקס־זיבן הונדערט טויזנט פעזאָס, אַחוץ הוצאות.

„כאָטש די קאָלאָניע איז געגרינדעט זינט 1891 (11), איז דאָס פאַר־גאַנגענע יאָר קוים דאָס ערשטע, אַז די קאָלאָניסטן האָבן אַ נישקשהדיקן תבואה־געראָטעניש; די פריִערדיקע יאָרן איז דער שניט דורכגעפאַלן; די יי"קאַ האָט זיך געדאַרפט אונטערנעמען צו געבן די קאָלאָניסטן אַפילו מיט וואָס צו דערנערן זיך.

„די דעמאָראַליזאַציע, וואָס האָט געהאָט געהערשט צווישן די קאָ־לאָניסטן, האָט אויפגעהערט דאָס יאָר; דאָס אויסוואַנדערן, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגענומען אַן אַלאַרמירנדיקן כאַראַקטער, האָט זיך אָפּגע־שטעלט. נאָך איין אַזאַ כאָטש מיטלמאָסיקער שניט ווי דער פאַרגאַנגענער, און קלאַראַ שטעלט זיך אויף די פיס.

„אין דער גאַנצער קאָלאָניע זײַנען דאָ 11 שולעס; דרײַ פון זיי זײַ־נען גרויסע און זייער גוט אָרגאַניזירטע.

„מען לערנט אין זיי שפּאַניש און רוסיש [געמיינט: יידיש]. וואָס שײַך שפּאַניש גייט עס צו אַ ביסל שווערלעך, מחמת עס פעלן לערער וואָס זאָלן קענען גוט שפּאַניש. די לערער זײַנען אַלע אויסגעצייכנטע מענטשן: כמעט אַלע האָבן דורכגעמאַכט ספּעציעלע פּראָפעסיאָנעלע שולעס און טייל פון זיי זײַנען אינזשעניערן־אַגראָנאָמען.

„אַ שול־דירעקטאָר פאַרדינט 300 פעזעס; די לערער און פּראָפעסאָרן — צו 100 און 200 פעזאָס. איך מערק אָן, אַז דאָס זײַנען גאָלד־פעזאָס.

„אין אַלע שולעס האָב איך געזען די בילדער פון סאַן מאַרטינען, בעלגראַנאָן, מאָרענאָן און ריוואַדאַוויאַן. דאָס בילד פונעם באַראָן הירש פעלט נישט אין קיין איין שולע.

„דרויסנדיקע סימנים פון קולט האָב איך נישט באַגעגנט; מיט רע־ליגיעזן לימוד גיט מען זיך אין די שולעס אָפּ זייער ווייניק. די אידייען, וואָס דאָמינירן דאָרט, איבערהויפּט צווישן דעם נײַעם דור, זײַנען עסענ־

(10) אַ פאַנעגע איז הונדערט קילאָ.

(11) די לענדערײַען פון דער קאָלאָניע קלאַראַ זײַנען געקויפט געוואָרן ערשט אין יאָר 1892 און זײַנען קאָלאָניזירט געוואָרן סוף 1892 און אין 1893. ווײַזט אויס, אַז דער שליח פון „לאַ נאַסיאָן" איז נישט געווען גוט אינפאָרמירט אָדער עס איז פאַרגרײַזט פון דער דרוק.

ציעל ליבעראַלע. די אָנפירער מיט דער ייִדישער אימיגראַציע [קאָלאָניזאַציע] זײַנען ענגלענדער, פראַנצויזן, דײַטשן, צפון־אַמעריקאַנער און רוסן, און זיי שטרעבן אויף אַט אָ דעם אופן אויסצומײַדן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם, וואָס איז די סיבה פון אַלע שלעכטסן, וואָס עס לײַדט ספּעציעל אין רוסלאַנד די יודאַישע סעקטע [Secto judaica!?]. דער מחבר שרייבט:

„אין צענטער פון דער קאָלאָניע איז פאַראַן אַן ערשטראַנגיקער שפּיטאָל מיט אַ געהעריקער אַפּטייק, אָנגעפירט פון אַ רוסישן [ייִדישן] מעדיקער (12) פון קיעווער [מעדיצינישן] פאַקולטעט, און וועמענס טיטל האָט באַקומען אַ רעכטלעכע באַשטעטיקונג אין פאַראַנאַ. ער באַזוכט אָן אונטערשייד רוסן [ייִדן] און קרעאָלן. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז מען זאָל שוין צוויי מאָל אויספירן אַטענטאַטן אויף זײַן לעבן. ער האָט אויסגעמיטן אַ זיכערן טויט בלויז אַדאַנק זײַן אָנטרײַבערס ענערגיע און מוט.

„לעבן לאַ קאַפּיזשאַ איז פאַראַן אַ פּרעכטיקע מיל אויף דאַמף (דאַמפּ־מיל), וואָס מאָלט טעגלעך ביז 32 זעק מעל צו 90 קילאָ.

„אין דער עסטאַנסיאַ (13) באַלוואַנעראַ, ווו עס וווינט דער אַדמיניסטראַטאָר מיט זײַן משפּחה, איז אײַנגעאָרדנט אַ שול פאַר [שנײַדערײַ] צושנײַדערײַ און קאָנפעקציע. די שול האָבן באַזוכט ביז 90 תלמידות. איצט לערנען זיי דעם פאַך אין אַריבער 15 דערפער. די פרוי פונעם אַדמיניסטראַטאָר איז די דירעקטאָרין. דאָס איז אַ זייער חשובע דאַמע. אַ דערצויגענע אין פאַריז (14).

„ס'איז אויך פאַראַן אַ געזעלשאַפטלעכער פאַראיין מיט אַ ביבליאָטעק.

„איך האָב געהאַט די געלעגנהייט בײַצוזײַן דאָרט אַ יום־טוב, וואָס מען האָט אָפּגעריכט מיטן מיין צו מאַכן אַ געלטזאַמלונג אויף צו פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן דעם לאָקאַל.

---

(12) דאָ האַנדלט זיך וועגן ד"ר נה ירחי, וועלכער איז אָנגעקומען אין קאָלאָניע צוזאַמען מיט די קאָלאָניסטן אין 1892 אָדער 1893.

(13) עסטאַנסיאַ — אַ גוט אָדער אימעניע. די ייִקאַ האָט מערסטנס באַזעצט אירע הויפּט־אַדמיניסטראַטאָר'ס אין אַזעלכע עסטאַנסיעס, אין וועלכע עס האָבן פריִער געוווינט די גוטבאַזיצערס, וואָס האָבן פאַרקויפט דער ייִקאַ זייערע פעלדער. געוויינטלעך האָבן די עסטאַנסיעראָס אויסגעבויט פאַר זייער אייגענעם געברויך קאָנפאָרטאַבלע שטיבער מיט די בעסטע אינסטאַלירונגען און אַלערליי באַקוועמלעכקייטן פאַר זיך און פאַר די גוט־קלאַסיפיצירטע פערד, קי, שאָף און עופות. אין יענער צײַט, און אַפילו שפּעטער, האָט אַן אַדמיניסטראַטאָר זיך נישט געדאַרפט ווינטשן קיין בעסערס.

(14) אַדמיניסטראַטאָר איז אין קלאַראַ דעמאָלט געווען י. לאַפּין.

„דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון פאָרשטעלן אַן אָפּערעטע, אַ בילד פון דאָרפישן לעבן אין קליינרוסלאַנד, און מאָליערס קאָמעדיע „די איינ־געבילדעטע קרענק". די קאָמעדיע האָבן איבערגעזעצט אויף שפּאַניש עט־לעכע יונגע פויערים פון דער קאָלאָניע און זיי אַליין האָבן זי אויפגעפירט. די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט טענץ.

„די יוגנט גרייט זיך אויפצופירן נאָך אַ מאָל די זעלביקע פאָרשטע־לונג דעם בקרובדיקן 25סטן מײַ און די הכנסה זאָל גיין צו קויפן אַ קריגס־שיף פאַר דער אַרגענטינער אַרמאַדע. איך ווייס אויך, אַז איצט צירקולירט פאַר דעם זעלביקן צוועק אַ זאַמל־ליסטע און זי האָט אַ זייער גוטן דער־פאָלג".

אָט אַזוי איז מיט 59 יאָר צוריק געשריבן געוואָרן דאָס ערשטע בלעטל גע־שיכטע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

ביבליאָגראַפישע רשימה

פון די וויכטיקסטע אַרטיקלען וועגן קאָלאָניזאַציע, קאָאָפּעראַציע, קולטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים

ביז עס וועט מעגלעך זיין אַרויסצוגעבן אין אַ פּאָר בענד מיינע זכרונות פון די ייִדישע קאָלאָניעס און די מער פונדאַמענטאַלע געדרוקטע מאַטעריאַלן, געפין איך פאַר נייטיק צו פאַררעגיסטרירן אַלץ, וואָס קען זיין נוצלעך פאַרן פאָרשער און פאַראינטערעסירטע וועגן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און וואָס האָט זיך געדרוקט אין פאַרלויף פון אַ קאַרגן האַלבן יאָרהונדערט אין פאַרשידענע אויס־גאַבעס.

1960—1916

דער קאָלאָניסט:

אַרויסגעגעבן פון די קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס; רעדאַקטירט פונעם שרייבער ז. ברכות און יוסף מענדעלסאָן.

„אויפן קאַפּ" (צייכענונגען און רייזע־איינדרוקן), יולי, 1916.

די געזעלשאַפט:

„דודל האָט נעבעך געוואָלט אַ שליאַפּע". הומאָרעסקע פאַר קינדער און פאַר גרויסע. יאַנואַר 1918.

די פּרעסע:

„ד"ר אוגרע אין אובאַכאַי". וועגן דעם באַזוך אין די ייִדישע קאָלאָניעס פונעם גענעראַל־דירעקטאָר פון דער ייִקא אין פּאַריז. 4טן אויגוסט 1920.

„די הילפס־אַקציע פאַר די הונגער־ליידנדיקע ייִדן אין אייראָפּע, אָנגעפירט אין דער קאָלאָניע פּאַלמאַר־זשאַטאַי, ענטרע ריאָס". קאָרעספּאָנדענצן אין די יאָרן 1920, 1921, 1922.

„די קאָאָפּעראַטיוו פּאַלמאַר זשאַטאַי נעמט די איניציאַטיוו צוצוגרייטן און אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם צוזאַמען מיט די נאָרד־קאָלאָניעס צו דעם געפּלאַנטן

קאָנגרעס, סיי פּאָר אַ רעפאָרעם פון די קאָנטראַקטן מיט דער יִקא, סיי וועגן דער גרינדונג פון דער אַגראַר־פעדעראַציע". וועגן דעם פּראָבלעם האָבן געמאַכט אַ פּראָפּאַגאַנדע־טור פּ. נאַכלעס און ד"ר ע. לייבאָוו אין אַלע קאָלאָניעס. אויגוסט, 24—1923.

„ווער דאַרף רעפּרעזענטירן דעם קאָלאָניסטישן קאָנגרעס? צו דער פראַגע: אויטאָנאָם אָדער אָפּהענגיק". 25 און 26 אָקטאָבער 1923.

„דער באַזוך פון מאַרק אַרנשטיין אין אובאַכאַי, קאָלאָניע פּאַלמאַר". 15טער סעפּטעמבער 1923.

„די קאָסעטשע אין צפון־טייל פון ענטרע־ריאָס". עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטלעכע צייט־פּראָבלעמען. דעצעמבער 1825.

„טשאַקראַ עקספּערימענטאַל"

מערץ	23	— 1926
אַפּריל	2	— 1926
אַפּריל	25	— 1926
מאַי	16	— 1926

אַ פּראָיעקט פונעם שרייבער, וויאַזוי די יִקאַ וואָלט מיטן אינסטאַלירן די טשאַקראַ עקספּערימענטאַל געקאָנט לייזן די נויט פון די אימיגראַנטן, עקאָנאָמיש און פּראַקטיש, אַלס צוקונפטיקע קאָלאָניסטן.

קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר:

„קרעדיט און לערנען". דיסקוסיע מיט בן־מנחם וועגן זיינס אַן אַרטיקל וועגן דער פראַגע: ווי אַזוי צו רעגולירן דעם קרעדיט אין די קאָאָפּעראַטיוועס. נומער 62, יאַנואַר 1924.

„מיין ערשטער אַריינפאַר". סאַטירישער פעליעטאָן וועגן דער ראָל וואָס דער שרייבער וועט דאַרפן אויספירן אין אַ קאָלאָניסטישער טריבונע. נומער 63, פעברואַר, 1924.

„מיקראָסקאָפּישע באַטראַכטונגען". אָפּהאַנדלונג וועגן דער באַציִונג פון די מיטגלידער צו דער קאָאָפּעראַטיוו". נומער 66; מאַי, 1924.

„אין אַ גוטער שעה — נישטאָ קיין מזל!". ווי אַזוי די מיטגלידער האַנדלען מיט דער קאָאָפּעראַטיוו. נומער 75; פעברואַר, 1925.

„צום צוואַנציק־יאָריקן יובילעאום פון 'פאָנדאָ קאָמונאַל'. אַן אָפּשאַצונג צו דער געלעגנהייט, געווידמעט דאָן מיגעל סאַכאַראָוון. נומער 76; מערץ, 1925.

„עס ברענט". קאַלאָניסטן באַדויערן דעם סוחרס פאַרלוסט פון אַ שריפה, בעת יענער האָט בכיוון אונטערגעצונדן זיין געשעפט, כדי צו באַקומען די אַסעקו־ראַציע און בלייבט אויך מיט די קאַלאָניסטישע תבואות אומבאַצאָלט, צע־שטערן גלייכצייטיק זייער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכע פאַרטיידיקט זיי קעגן דער סוחרישער עקספּלואַטאַציע. נומער 90; מאַי, 1926.

די יודישע האַנדלס־וואָך (ספּעציעלער אַניווערסאַר־נומער, 100 זייטן)

„די פאַמיליע פאַרגרעסערט זיך". נומער 25־26; יוני, 1925.

אונדזער לעבן (קאָנקאָרדיאַ, ע. ריאָס):

„דער פּראָקאָר" טוט פּאָזיטיווע אַרבעט. 8טן יאַנואַר 1930.

„די עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוון פאַרן יאָר 1930" (עדיטאָריאַל). 30סטער יאַ־נואַר, 1930.

„קולטור־אַרבעט אין דער פּראָווינץ". וועגן אַ קולטור־צוזאַמענפאָר. 20טער פעברואַר 1930.

„דאָס געזעץ 11.388 פאַר קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן". זיינע יורידישע און פּראַקטישע נוצן. 13טער פעברואַר 1930.

„עפּעס וועגן אונדזער קולטור־טעטיקייט". צום 20סטן ליטעראַרישן יובילע־אום פון יוסף אָפּאַטאָשו. 3טער אַפּריל, 1930.

„דער פּראָקאָר און „די פּרעסע". צום 3טן פּראָקאָר־קאָנגרעס, 24סטער אַפּריל 1930.

„ביבליאָגראַפישע נאָטיצן" (פּסעוודאָנים איסר). צו דער געשיכטע פון דער יידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע פון פּ. כץ (אָפּשאַצונג פון זיין בוך). 24טער אַפּריל 1930.

„אונדזער פּראָגנאָסטיק צום הערשנדיקן קריזיס". 9טער מאַי 1930.

„יידיש־קאָלאָניסטישער גרעמיאַליזם". 13טער מאַי 1930.

„אַלגעמיינע פּראָבלעמען און לאָקאַלע אינטערעסן (פּסעוו׳ יצחק כהן). וועגן די אינסינואַציעס פון אַ יידישן רעדאַקטאָר פון אַ שפּאַנישער צייטונג, אַז אין קאָנקאָרדיאַ איז די נעסט פון די מיגדאַל־טמאים... 4טער יולי 1930.

„אַז מען וויל — קען מען". וועגן די וואָס פאַרשרייבן אַ סך און באַצאָלן נישט זייערע ביישטייערונגען פאַר די נאַציאָנאַלע און קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע פאָנדן. 9טער יולי 1930.

די פּרעסע:

„דער חורבן אויף די ייִדישע פעלדער אין ענטרע־ריאָס״. איינדרוקן פון אַ רייזע איבער די ייִדישע קאָלאָניעס אינעם דריטן יאָר פון שרעקלעכער נויט וואָס עס האָט גורם געווען דער שטאָטסקלאַפּ פון 1930; דאָס פאַלן פון פּרייזן פון תבואות און פי און ווי אַ צוגאָב — יאָרן פון טרוקעניש, הייישעריק אאַז״וו.

ערשטער אַרטיקל — 4טער פעברואַר 1933
צווייטער אַרטיקל — 10טער פעברואַר 1933
דריטער אַרטיקל — 17טער פעברואַר 1933
פערטער אַרטיקל — 4טער מערץ 1933
פינפטער אַרטיקל — 21טער מערץ 1933
זעקסטער אַרטיקל — 22טער מערץ 1933

„גרויסער פּראָטעסט־מיטינג אין קאָנקאָרדיאַ״. קעגן היטלערס וואַקכאַנאַליע קעגן די ייִדן אין דייטשלאַנד. 5טער אַפּריל 1933.

„אונדזער לעבן״:

קאָנקאָרדיאַ. — „היטלערס באַנדעס בושעווען אויך ביי אונדז״. דייטשער קאָנסול ברענגט צונויף אַלע דייטשן פון עטלעכע דעפּאַרטאַמענטן און אָרגאַניזירט עפנטלעכע קאָנצענטראַציעס מיט דער לאָזונג: „דויטשלאַנד איבער אַלעס״.

קאָנקאָרדיאַ. — „וויזשאַגואַיער קרענק ווערט אַן עפּידעמיע פון אַנטיסעמיטיזם און כוליגאַניזם״.

על סאָסיאַליסטאַ, פון קאָנקאָרדיאַ (שפּאַניש)

„דאָן מיגעל קיפּען״. כאַראַקטער־שטריכן פון זיין לעבן. הספד־אַרטיקל, באַלד נאָך זיין פּטירה. 17טער יוני 1933.

די פּרעסע:

„דער אַנטיסעמיטיזם אין ענטרע־ריאָס״. היסטאָרישער איבערזיכט. 20סטער סעפּטעמבער 1933.

„דער הייישעריק אין ענטרע־ריאָס״. און די הילף פון די שטאָטישע ייִדן פאַר די קאָלאָניסטן. 20סטער אָקטאָבער 1933.

„דער עקאָנאָמישער און פינאַנציעלער אויסזען פון דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס״. לויט דער געאָגראַפישער קרעדיט־אויסטיילונג פון דער „באַנקאָ דע לאַ נאַסיאָן אַרכענטינאַ״ (גרויסער סטאַטיסטישער שטודיום). 9טער סעפּטעמבער 1934.

קאָנקאָרדיאַ. — „די צייטונג «על דיאַריאָ» האָט אונטערגענומען אַ סיסטע־מאַטישע יידן־העצעריי. דער רעדאַקטאָר, אַ באַוווּסטער שאַנטאַזשיסט, נעמט צו הילף די מאַטעריאַלן פונעם גלחישן פּאַשקוויל „על קריסאָל”. 6טער פעברואַר 1934.

על הערשלדאַ (שפּאַניש, קאָנקאָרדיאַ)

„דער אַכט־הונדערטסטער געבוירנטאָג פונעם רמב”ם”. דעם 30סטן אַפּריל 1935 געדרוקט דעם רעפעראַט אין שפּאַניש וואָס ברוך הויכמאַן האָט פאַר־געלייענט אינעם קולטור־קרייז „טריבונאַ העברעאַ”, אין באַערונג פונעם רמב”ם. 3טער מאַי 1935.

די פּרעסע:

„סאַלטאַ — רעפּובליקאַ אורוגוואַי”. רייזע־איינדרוקן פון אַ באַזוך אין יענער שטאָט. 22טער יולי 1935.

„קאָלאָניע סאַנטאַ איסאַבעל, ענטרע ריאָס”. וויכטיקער צוזאַמענפאָר פון די קאָאָפּעראַטיווס און אַגריקולטור־בענק. 27סטער סעפּטעמבער 1935.

„אַן אַגראַר־קאָנגרעס אין קאָנקאָרדיאַ”. פאַררופן פון דער ענטרע ריאָסער אַגראַר־פעדעראַציע. 10טער אָקטאָבער 1935.

קאָנקאָרדיאַ. — „דער גרויסער דערפאָלג פון דער קאָאָפּעראַטיוו פון עלעק־טרישער באַלייכטונג און מאָטאָר־קראַפט איז דער זיג פונעם סאָציאַליסטישן ראַטמאַן כוליאָ סערעברינסקי”. 6טער נאָוועמבער 1935.

„דער עקאָנאָמישער קאָנגרעס אין קאָנקאָרדיאַ”. פאַררופן פון דער „פּאָפּו־לערער כונטאַ” פאַר דער עקאָנאָמישער פאַרטיידיקונג. 9טער אויגוסט 1933.

„דאָס פּראָבלעם פון די קאָלאָניסטישע קינדער”; צו דער פראַגע וועגן קאָלאָ־ביזירן קאָלאָניסטישע זין. 18טער יוני 1922 און 29טער יוני 1922. מכוח דער גרינדונג פון אַ קאָלאָניע אין פּראָווינץ קאָרריענטעס.

„ווער וועמען דאַרף דעסאַלאָכירן?” (איסר). דער וויי־געשריי וועגן דעם איני־דיפערענטיזם פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג צו ראַטעווען די באַרסיס־לעוונער קאָלאָניסטן פון די מאַסן דעסאַלאָכאָס מצד דער יי"קאָ. 31סטער אויגוסט 1922.

„וועגן שוץ קעגן אַנטיסעמיטיזם אין ענטרע־ריאָס”. אינטערוויו מיטן ד”ר לאַזאַראָ לייבאָוויטש (קאָנקאָרדיאַ). 23סטער מאַרץ 1934.

אינטערוויו מיטן סאָציאַליסטישן ראַטמאַן כוליאָ סערעברינסקי.
14טער אַפּריל 1934
15טער אַפּריל 1934

„זכרונות פון די ייִדישע קאָלאָניעס״ — ערשטער קאַפּיטל. קאָמענטאַר רשימה פון די וויכטיקסטע געדרוקטע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

יובל־בוך אַרגענטינע:

פּופּציק יאָר ייִדישער ישוב; צוואַנציק יאָר „די פּרעסע״ 1938; זייטן 509־516.

צווייטער קאַפּיטל: 25סטער סעפּטעמבער 1938 — „וויאַזוי איך האָב געקענט דעם ד״ר נח ירחי״.

דריטער אַרטיקל: 4טער אָקטאָבער 1938 — „ אַ בלעטל פאַרגעשיכטע״.

פערטער אַרטיקל: 1טער יאַנואַר 1939 — „קאָנטראַסטן״.

פינפטער אַרטיקל: 13טער סעפּטעמבער 1939 — „לעאָן כאַזאַנאָוויטש אויף די ייִדישע פעלדער״.

זעקסטער אַרטיקל: — 2טער אָקטאָבער 1940 — „אברהם ווערמאָנט — די „פאָלקס שטימע״ און איר איינפלוס אין די ייִדישע קאָלאָניעס״.

זיבעטער אַרטיקל: 21סטער סעפּטעמבער 1941 — „דער קאָלאָניסט״. ז. ברכות אַלס רעדאַקטאָר.

„די ראָל פון „די פּרעסע״ אין דער ייִדישער אַגראַר־באַוועגונג״. אָפּשאַצונג צום 25סטן יובילעאום. 16טער יאַנואַר 1943.

די פאָלקס־שטימע:

„פון „די פאָלקס שטיממע״ 1898 ביז „די פאָלקסשטימע״ 1940. אַ קאַפּיטל קולטור־געשיכטע.
8טער מערץ 1940
15טער מערץ 1940

„ווי אַזוי ייִדן און אַנדערע פעלקער באַשעפטיקן זיך ביי ערד־אַרבעט״.
ערשטער אַרטיקל — 22סטער מערץ 1940
צווייטער אַרטיקל — 29סטער מערץ 1940
דריטער אַרטיקל — 8טער אַפּריל 1940
פערטער אַרטיקל — 26סטער אַפּריל 1940

„די לאַגע אין די ייִדישע קאָלאָניעס״. פון די קאָרעספּאָנדענצן. 27טער דעצעמבער 1940.

„קולות פון דער מדבר“. אַ באַזוך אין אַ ייִדישער קאָלאָניע. 3טער יאַנואַר 1941.
צווייטער אַרטיקל — 10טער יאַנואַר 1941
דריטער אַרטיקל — 17טער יאַנואַר 1941
פערטער אַרטיקל — 17טער פעברואַר 1941

„קעמפער און מאַרטירער פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע“. מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע.
ערשטער אַרטיקל — 24סטער יאַנואַר 1941
צווייטער אַרטיקל — 31סטער יאַנואַר 1941

„נאָטיצן פון דער אַגראַר־באַוועגונג“. עופות־צוכט אין ענטרע־ריאָס. 21סטער פעברואַר 1941.

„נאָטיצן פון דער אַגראַר־פּראָדוקציע“. קאָנצענטראַציעס פון פּויערים, אַנדערע פאַרזאַמלונגען און אַ. כ. אַ. יוגנטלעכע אַגראַר־אָרגאַניזאַציע פון די ייִדישע קאָלאָניעס. 28סטער פעברואַר 1941.

„נאָטיצן פון דער אַגראַר־באַוועגונג“. אָפיציעלע שטערונגען פאַר דער קאָאָ־פּעראַטיווער באַוועגונג; באַנקראָט־פּאָליטיק. 7טער מערץ 1941.

„אַ פּויער רעצענזירט אַ בוך“ (איצי קאַן). וועגן דעם סאַכאַראָוו־בוך. 14טער מערץ 1941.

„מיינונגען פאַר דער פּערספּעקטיוו פון די ייִדישע קאָלאָניעס“ (איצי קאַן). אינפאָרמאַציע פון עקאָנאָמישן און גרעמיאַלן כאַראַקטער. 21סטער מערץ 1941.

„קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אין טרעס אַרבאָלעס“, דעפּ. אורוגוויי. די וואַלן אין דער ייִדישער פאָלקס־באַנק און די יוגנטלעכע אַגראַר־אָרגאַניזאַציע. 18טער אַפּריל 1941.

„אין דער אַגראַר־באַוועגונג“. קאָנצענטראַציעס פון די צוקער־רערן־פּלאַנטאַ־טאָרס. 6טער יוני 1941.

„וואָס מלחמה באַטייט פאַר די אַגראַריער“. די קאַטאַסטראָפאַלע נאָכווייען פון דער פאַריקער וועלט־מלחמה. 27סטער יוני 1941.

„ד״ר עליאַס לייבאָווס באַציונג צו די קאָלאָניסטישע מאַסן“. עטלעכע שטריכן פון אַ גרויסן קעמפער. 18טער אָקטאָבער 1941.

דער וועג:

„סוואָבאָדנאַיאַ ראָססיאַ“ — אַזוי האָט געהייסן די ערשטע פּראָ־סאָוועטישע צייטשריפט וואָס איז דערשינען אין בוענאָס־איירעס אין 1917, אין דער רו־סישער שפּראַך. רעדאַקציע — ד״ר עליאַס לייבאָוו. 2טער אויגוסט 1947.

דער באַריכט פון דער „פראַטערנידאַד אַגראַריאַ״. אַן איבערזיכט און קאָמענ־טאַר. 21סטער נאָוועמבער 1947.

היינט:

„די טעטיקייט פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע דעל סוד אין לאַנוס״. פער־יאָדישע אָפּשאַצונג; סטאַטיסטיק און קאָמענטאַר. 20סטער אויגוסט 1950.

די פּרעסע:

„די לעצטע מאָהיקאַנער פון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע״. רב יצחק ווינער — אַ מתנה צו זיין 93סטן געבוירנטאָג. 14טער אָקטאָבער 1951.

אַנטאָלאָגיע פון דער יִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע (1944):

„לעאָן כאַזאַנאָוויטש אויף די אַרגענטינער יִדישע פעלדער״ (געדרוקט איז „די פּרעסע״, דעם 13טן סעפּטעמבער 1939. ז״ז 269—276).

יאָרבוך פונעם יִדישן ישוב אין אַרגענטינע (1945־46):

„די צווייטע גרויסע תקופה פון יִקא־קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע״. ז״ז 55־58. (פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט).

ד״ר ירחי־בוך — פערציק יאָר נאָך זיין פּטירה (1953):

„די פּערזענלעכקייט און עפּאָכע פון ד״ר נח ירחי״ און אַנדערע אַרטיקלען, פונעם בראשית פון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. ז״ז 213־267.

רעדאַקטירט:

אַלמאַנאַך געווידמעט דעם 10־יעריקן יובילעאום פון דער גמילות חסדים־קאַסע אין לאַנוס (1943):

אַרטיקל: „די געזעלשאַפטלעכע ראָל פון דער גמילות חסדים־קאַסע״.

נועווא סיאָן (שפּאַניש):

„תחית המתים״ (פונעם קאָלאָניסטישן אַנעקדאָטאַריום). 24סטער אָקטאָבער 1952.

די פּרעסע:

„40 יאָר «די פּרעסע» און די צוקונפט פון דער יִדישער קאָלאָניזאַציע״. אָפּשאַצונג וועגן דער ראָל פון דער צייטונג אין פאַרלויף פון די פערציק יאָר: פון 1918 ביז 1958. 28טער יאַנואַר 1958.

„פאַרגעסענע יאָרצייטן פון די קרבנות און קדושים פון די ייִדישע קאָלאָניעס". פון מיינע זכרונות: אַ דערמאָנונג צו די 50 יאָר פונעם שרעקלעכן מאָרד, וואָס עס איז אויסגעפירט געוואָרן אויף די פאַמיליעס אַרקושין און מאצקין, אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל, ענטרע־ריאָס, אין חודש יוני 1909.

2טער אָקטאָבער 1959
6טער אָקטאָבער 1959

„לעאָן כאַזאַנאָוויטש — אין אַנבליק פון אַ האַלבן יאָרהונדערט". היסטאָרישער איבערזיכט פון זיין אַקטואַציע אין אַרגענטינע: 1909—1959.

גערדוקט דעם 30סטן יאַנואַר 1960
און דעם 2טן פעברואַר 1960

„מאיר בורסוק". פיאָנער פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע און בעל־יובל פון דער קאָלאָניע נאַרסיס לעוען. 14טער אַפּריל 1960.

„די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען און דער מאָראַלישער דערפאָלג פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע". דער רעזולטאַט פון 70 יאָר ייִקא־קאָלאָניזאַציע.

25סטער מאַי 1960
10טער יוני 1960
17טער יוני 1960

קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר:

„קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר אויפן ריכטיקן וועג". אַן אָפּשאַצונג און היסטאָרישער איבערזיכט צום 30סטן אַניווערסאַר: 1917—1947. מערץ, 1948.

„די קאָפּעראַציע אין די ייִדישע קאָלאָניעס". היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג אינעם טאָג פון דער קאָאָפּעראַציע (געווידמעט דעם 79סטן געבוירן־טאָג פון דאָן מיגעל סאַכאַראָוו). סעפּטעמבער, 1952.

„מיניאַטורן פונעם קאָלאָניסטישן אַנעקדאָטאַריום". תחית־המתים. אויגוסט, 1952.

„מיניאַטורן פונעם קאָלאָניסטישן אַנעקדאָטאַריום". פון מיין מומע רחלס לעקסיקאָן. דעצעמבער, 1952.

„מיניאַטורן פונעם קאָלאָניסטישן אַנעקדאָטאַריום". פון איילעניש קומט קיינמאָל נישט אַרויס קיין גוטס (וועגן די וואַלן אין אַ קאָלאָניסטישער קאָאָפּעראַטיווע". יאַנואַר, 1953.

„אברהם גאַביסעס טאָפּלטער יובילעאום״. אַן אָפּשאַצונג צו זיין 60סטן געבוירן־טאָג און 35 יאָר אַקטואַציע אין דער ייִדישער אַגראַר־קאָאָפּעראַציע. מערץ, 1953.

„ברוך בענדערסקי״. הספּד־אַרטיקל נאָך זיין פּטירה. אַפּריל, 1953.

„אַנעקדאָטאַריום פון די ייִדישע קאָלאָניעס״. אַ ביסל פאָלקלאָר. יאַנואַר, 1954.

„מיניאַטורן פונעם קאָלאָניסטישן אַנעקדאָטאַריום״. אַ ביסל פאָלקלאָר און אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן מיטן באַרימטן חזן קלמן זאַסלאַווסקי. יולי, 1954.

„צום פופציק־יאָריקן יובילעאום פון «פאַנדאָ קאָמונאַל»״. היסטאָרישער איבערזיכט און אָפּשאַצונג וועגן דער גרויסער ייִדישער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוו. אָקטאָבער, 1954.

„אונדזערע גרויסע יובילאַרן״. אָפּשאַצונג לכבוד דער „מוטואַ אַגריקאָלאַ״ס פופציק־יאָריקן אַניווערסאַר. יאַנואַר, 1958.

„אַ פאַרשטערטער יום־כּפּור אין קאָלאָניע״ (פון מיינע זכרונות). ווי אַזוי דער ייִדישער קולאַק אין קאָלאָניע האָט געמאַכט אַ לעבן פון די פּויערים. אָקטאָבער 1957.

„נחום קריטשמאַר״. דער פּיאָנער פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע און וועטעראַן פון דער קאָלאָניסטישער זשורנאַליסטיק. יאַנואַר, 1961.

a la colonización judía en la Argentina, desde sus comienzos, a través de su pasado, hasta nuestros días. Es el autor, por excelencia, de nuestra historia de la colonización.

En todos sus trabajos publicados hasta la fecha —artículos, memorias y monografías— aparecidas en publicaciones y revistas judías, se ha distinguido por sus exhaustivas investigaciones, su objetividad y enfoque desapasionado y científico en el análisis y comentario de los materiales bibliográficos y documentos.

El libro aún crece en importancia, por ser su autor un hijo de las colonias judías. Baruj Hojman ha crecido y se ha formado en ellas y fué durante decenios un hombre activo, que ocupó puestos claves en la conducción social y en diversos organismos de las colonias.

Objetividad en el enfoque, riqueza informativa, elaboración de documentos y de materiales de archivo, los juicios y análisis de un testigo presencial y una clara exposición en un idish flúido, he aquí las grandes virtudes de ese libro de Baruj Hojman que constituye la primera monografía sobre la historia de la colonización judía en la Argentina.

Buenos Aires, julio de 1961.

JOSE MENDELSON

Director General del Seminario Hebreo en la Argentina
Ex Director del "Diario Israelita.

compone de dos monografías: Una sobre el surgimiento y la historia de la cooperación agraria en las colonias, y la segunda sobre las encontradas opiniones —positivas y negativas— respecto a la colonización judía en la Argentina.

Aparentemente se trata de dos monografías e independientes de su temática, pero que de hecho constituyen, por su contenido y su nexo interno, todo un libro, en el cual se expone cómo el cooperativismo agrario surgió junto con la creación de las colonias judías y la influencia que ejerció sobre el movimiento cooperativo de la Argentina en general, ya que la cooperación agraria judía fué el primer movimiento cooperativo que se fundó en la Argentina. En la segunda monografía el autor describe el otro aspecto del proceso: cómo reaccionó la prensa del país y qué eco halló en la opinión pública la colonización judía desde sus comienzos hasta nuestros días; cómo los diarios, periódicos y revistas y publicaciones oficiales, no siempre supieron comprender y reconocer debidamente los logros, las realizaciones e idealismo de los colonos judíos y no siempre apreciaron como corresponde sus duros y meritorios esfuerzos, sus iniciativas, organizaciones y sus propios dirigentes, especialmente en los primeros años, cruelmente difíciles de la empresa colonizadora.

Ambas monografías constituyen de hecho un solo libro, una sola obra, unida orgánica y temáticamente. Este libro constituye un muy importante y serio aporte para la historia de la colonización judía en la Argentina. He leído y releído con profunda atención ambas monografías y he admirado la amplitud de miras del autor y su penetrante análisis al juzgar y determinar el papel de la cooperación agraria en el desarrollo general de la colonización judía en la Argentina. Es necesario asimismo señalar la enorme bibliografía utilizada por el autor para su trabajo. Baruj Hojman ha agotado prácticamente todas las fuentes bibliográficas, todos los materiales que se acumularon a lo largo de setenta años, sobre los problemas de la colonización judía, tanto en idish como en otros idiomas aquí y en el extranjero. El supo emplear esa rica bibliografía, con conocimiento de oficio, con buen criterio, inteligente y sintéticamente, creando así una firme base científica, para una historia integral de nuestra colonización.

Esa capacidad de Hojman no debe extrañar. El es un gran conocedor del tema, es el *cronista* de la vida y las peripecias de las colonias judías en la Argentina, desde hace decenios. El es también desde hace años el incansable recopilador de materiales, el autor e investigador de todo lo referente

nal judío. Creo que la razón principal, por la cual nuestro proceso colonizador ha retrocedido incesantemente durante los últimos decenios, se debe en primer término al hecho, de que una colonización de masas, que no sea alimentada y multiplicada por un ideal nacional creador, no puede resistir la prueba del tiempo. Hace setenta años, la colonización en la Argentina era portadora de un ideal nacional. Por su intermedio se pretendía solucionar no sólo las situaciones de los individuos, sino la realidad nacional judía. Luego este ideal se extinguió y su fuente creadora que le dió vida y lo impulsó, se ha secado. Hubo asimismo otros factores locales y externos, que apresuraron el fin del proceso colonizatorio y condujeron a la decadencia de la colonización misma, pero no es este el lugar para un análisis exhaustivo.

Lo que importa señalar, es lo que hemos enunciado al principio: la colonización judía en la Argentina debe ser hoy día considerada y estudiada como un fenómeno encuadrado íntegramente en marcos históricos. Se trata de una historia rica, sumamente importante para la comunidad, que debe ser analizada seria, profunda y objetivamente y expuesta con claridad, precisión y penetración.

Es un deber perentorio dedicarse a la investigación de la historia de la colonización, reunir los materiales pertinentes y publicar las memorias de quienes tomaron parte en su creación y desarrollo.

Mucho ya se ha hecho en ese campo. Durante los setenta años transcurridos, se ha acumulado un importante material de monografías, memorias, notas, artículos, ensayos y trabajos periodísticos en nuestros diarios sobre la colonización, la vida de los colonos, los problemas surgidos a raíz del régimen de la empresa colonizadora J.C.A., etc. Es sólo necesario catalogar y sistematizar, para que el historiador tenga una imagen exhaustiva de la historia de la colonización judía en la Argentina.

Si, como creo, el tiempo aún no ha madurado, y faltan materiales sistematizados para poder escribir la historia de nuestra comunidad, sobran, en cambio, materiales, y ya ha llegado la hora para dedicarse a escribir una historia completa de la colonización judía en la Argentina. En esto debía consistir la iniciativa de la A.M.I.A., al conmemorar el primer centenario de la vida judía en la Argentina.

— — —

Hemos dicho todo lo arriba expuesto, a propósito del libro de Baruj Hojman, que tenemos el honor de prologar con esas líneas. El libro se

más pueblos se trata empero, de un proceso integral: se parte del campo a la ciudad, pero también en dirección inversa: de la ciudad al campo. Mas entre nosotros, en la Argentina, el proceso fué unilateral y sólo en una dirección: ha sido de una mudanza lenta, pero ininterrumpida, del campo a la ciudad. Tal proceso se cumple a lo largo de casi tres decenios, en los 73 años de vida de la colonización judía en la Argentina. Las nuevas generaciones en las colonias abandonan la colonización y se asientan en las ciudades. Jamás en dirección contraria. No hubo en la Argentina migración judía de la ciudad al campo. Por eso las colonias se encogieron y fueron desintegrándose en todos los órdenes: demográfico, social y cultural, etc., etc.

En dichas colonias se secaron las fuentes del natural crecimiento demográfico y cultural judío; como las reservas locales menguaron y casi no arribaron nuevos valores desde el exterior, las colonias comenzaron paulatinamente a retroceder, a reducirse lentamente, de año en año, hasta que fueron más que vestigios, pequeños restos de una grande y trascendente realidad. La colonización ha dejado por lo tanto de ejercer su influencia *como un todo,* en el orden nacional, cultural y social judío, sobre la comunidad. De un elemento activo, mejor dicho, de un factor primordial de importancia, la colonización se convirtió en algo pasivo y apenas perceptible.

Nuestra colonización en la Argentina jugó un papel sumamente importante. Ya en sus comienzos, con el surgimiento de la colectividad, la colonización se convirtió en el fundamento sobre el cual ésta construyó sus cimientos. La colonización prestigió a la comunidad tanto ante el mundo judío como gentil y le confirió importancia tanto en sus propios ojos, como en los ojos de los demás. Sin exagerar, se puede afirmar que la comunidad judía en la Argentina —tal como se moldeó en los primeros decenios de su creación— es desde su nacimiento un hijo de la colonización judía, de cuyo seno surgió y bajo cuyo signo se ha desarrollado.

El primero y más importante capítulo de la historia de nuestra comunidad, es la época de la colonización. Esta ha puesto también su sello, sobre la estructura sociológica de la comunidad. La colonización como proceso creador que ha ejercido su influencia sobre nuestra ocmunidad, ha terminado definitivamente.

No surgen y no surgirán nuevas colonias judías en la Argentina. Tal posibilidad no existe y no es de imaginar, de dónde puede surgir una iniciativa semejante. No existen para ello ni condiciones demográficas, ni sociales, ni económicas. Y es del todo imposible desde el punto de vista nacio-

PREFACIO

Nuestra colonización judía, pronto ingresará en la historia, ya en casi historia. Historia en el sentido de pasado; un proceso de hechos y realizaciones, logros y conquistas que fueron, han sido vistas y... ya no existen.

Subsisten las colonias, en forma de pueblos y aldeas, donde antaño vivieron, trabajaron y se afanaron compactas masas de campesinos judíos, a lo largo de todo ese proceso. Ahora sólo quedaron los restos, los vestigios de lo que fué. Se ensancharon las posiciones de tierras judías, tanto en las colonias de la Jewish Colonization Association (J.C.A.) como en las creadas por otras iniciativas; los colonos judíos y quienes no lo fueron, se enriquecieron y compraron nuevos terrenos, ya que se trata de una buena y provechosa inversión. Tenemos pues, un considerable número de terratenientes judíos, que no son colonos y que ni siquiera viven en las colonias. Posesión de tierras no significa colonización; no fué éste el ideal de los primeros pioneros de la colonización judía en la Argentina; no fué ese el sueño y el ideal del Barón de Hirsch, cuando formuló y comenzó a realizar sus planes de colonización.

La colonización —esa gran obra nacional judía de nuestra comunidad— ya pertenece a la Historia, aunque resten en las colonias centenares de colonos con sus familias, hombres trabajadores y hacendados como en las épocas pasadas. La colonización judía, ya entró en el período denominado historia.

La colonización judía en la Argentina se ha convertido en *historia* —en su significalo de *pasado*— no sólo porque el número de colonos judíos en la Argentina se redujo en el transcurso de los últimos decenios, hasta alcanzar una cifra insignificante y tampoco por el hecho de que las familias de los colonos y sobre todo la juventud, abandonen los campos para asentarse en los centros urbanos. No. Se trata de un proceso casi normal, que ocurre en todas partes, todos los países y entre todos los pueblos: después de dos o tres generaciones se asiste a un proceso de trasplantación. Familias campesinas abandonan sus aldeas y se trasladan a la ciudad. Entre los de-

Este libro se terminó de imprimir en el mes de agosto de 1961, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Avda. Corrientes 1976 - Buenos Aires.

BARUJ (BENITO) HOJMAN

COLONIZACION Y COOPERACION AGRARIA JUDIA EN LA ARGENTINA

☆

Editada por los hijos del autor
Con la cooperación de
Talleres Gráficos "La Platense" S. A.
Sociedad Impresora Americana S. A.